300

פ·בונא
שופּיצ

פ. בימקאָ

טונקלע געשטאַלטן

דאָס ערשטע בוך

ניו יאָרק 1926

Copyright, 1926

by

PH. BIMKO, New York

עטלאכע ווערטער :

די זאכן, וועלכע קומען דאָ אריין אין די דריי ביכער, זיינען אָנגעשריבן געוואָרן פאר די לעצטע צען יאָר ; כ'האָב זיך באַמיט די עלטערע זאכן צו באארבעטן, אויפסניי זיי אָנצושרייבן, און כאָטש כ'גלויב קוים, ס'האָט זיך מיר געוואָלט איינגעבן זיי אויסצורייסן מיטן וואָרצל, און אָפּווישן פון זייער פנים די צייט, ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל די וועלט דערזען, — איז מיר פונדעסטוועגן א שאָד געווען זיך מיט זיי צו שיידן, צוליב זייער נישט אויסגעלעבטקייט ; זיי גייען נאָך דערווייל דאָ האַנט ביי האַנט, אָן אונטערשיד, כאָטש כ'טו עס נישט מיטן גאנצן הארץ, און בין זיכער דאָס זיי וועלן שפּעטער, ביים ארויסגעבן די ביכער א צווייט מאָל, ארויספאלן און פארלוירן ווערן ווי א סך אנדערע זיינען, אויפן וועג צו זייער ווידערגעבורט פארלוירן געגאנגען ; איך בין באפרידיקט אויף אזוי פיל, וואָס זיי גיבן צו די קאָליר, די פארב, — די ביכער זאָלן זיין אזוי פארשידנארטיק.

דער מחבר.

דער הייליקער

דער גלח איז אָנגעקומען אין פּאַראַפיע, נאָכדעם ווי דער אַלטער, אַ זקן, האָט אָפּגעדינט ס׳דאָרף עטלאַכע זיבעציק יאָר, און געשטאָרבן אין טיפן עלטער; ער האָט זיך באַזעצט אינ׳ם אָפּגעזונדערטן הייזל, וואָס איז געווען אין שכנות פון טמאה־הויף, און וואָס איז בעשטאַנען פון דריי קליינע, אַלט־מאָדישע שטיבלאַך, פאַרעלטערטע, וועלכע האָבן אַמאָל אָנגעקערט צום קאָשטשאָל.

ס׳גלח׳ל איז נאָר־וואָס אַרויס פון סעמינאַריע, און נאָך געהאַט די מוטערס מילך אויף די ליפּן; אויף זיינע באַקן האָט געשפּילט אַ יונג רויט פאַרבל, ווייל די קלויסטער־מויערן האָבן נאָך נישט אינגאַנצן געהאַט אַרויסגעצויגן דעם קלעי פון זיינע ביינער.

ס׳דאָרף האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט; ער האָט אָפּגעריכט די תפילות מיט היץ, אינגאַנצן — פלאַם־פייער; ס׳פּויערים־פאָלק איז שוין פון לאַנג נישט געוואוינט געווען אַזוינס צו הערן, ווייל דער זקן פלעגט דאָס מאַכן בלחש, מורמלען קוים־קוים מיט די ליפּן, אויפגעהויבן די הענט, זיך שווער צונעשאָקלט, און מער געזאָגט אינזיך ווי אַרויסגעבראַכט פאַר די ליפּען.

די פּויערים האָבן דערביי געקניט, און געציטערט אימת־מות.

— ס׳איז גאָר קיין גלח נישט, נאָר אַ שטיק פייער, די אויגן בליצן מיט פייער, מ׳קען נישט נאָנט איינשטיין ביי אים...

אין אַ פראָסטן טאָג איז ער קיינמאָל נישט איינגעזעסן אין שטוב, ס׳גלח׳ל; זיך אָנגעטאָן זיין ברייטע צעלאָזטע דעליע, דעם שטרויענעם הוט אויפ׳ן קאָפּ, און זיך אַרומגעטראָגן אַ דערהויבענער צווישן די פעלדער, מיט די שטעזשקעס; אַלטע באַבעס האָבן געקניט פאַר אים, געכאַפּט קושן די האַנד, און עלטערע, באַיאָרטע פּייערלאַך, — זיך איינגעבויגן אין דרייען, און הכנעה׳דיק אים באַגריסט:

— ניעף בענדזשע פּאַכוואלאַני...

א פּראָסט פּנים, גרויסע אויגן, קעלבערנע, די ליפּן גראָע, עטוואָס אויפגעשארצט אזוי ווי ביי א יונג פּייערל, אָבער זייער פּרום, צוגעלאָזן, פּאָלקסטימלאַך. האָט ליב געהאט אָפּצושטעלן א קליין שייגעצל, און זיך אדורכצושמועסן:

— צו ער קען שוין גוט פּאטזשערזש זאָגן?...

אויפדערנאכט איז ער געוועזן אין שטוב, ארומגעגאנגען הינ-און־צוריק אין בלויזן קאָפּ, אָנגעטאָן אין שווארצן כאלאט, וועל-כער איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף זיין גוף, און געוועזן פּארקנעפּלט פון אויבן ביז ארונטער ווי א קלייד; אָדער געזעסן פּארטיפּט איבער די ספרים׳לאַך, וואָס זיינען געלעגן פאר אים אויפ׳ן טישל, פּארגליווערט אין דער האלב פינסטערניש פון שטיבל, אזוי ווי א שאָטן צווישן שאָטנס, זיך געפּייניקט און אָפּטמאָל פּארהערט, ווען ס׳פלעגט זיך אויפמאכן די טיר, און אים אָנזאָגן:

— ס׳וואָרט אויפ׳ן אינוויינינק א „קומע“, ר׳זאָל גיין מיט א חולה מתודה זיין...

אינאיינעם מיט׳ן יונגן גלח׳ל זיינען אויף די שטיבלאך געוואָרן אויפגעריכט מיט א פרישע „גאָספּאָדיני“; די אלטע, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אינאיינעם מיט׳ן אלטן גלח, האָט, — נאָכדעם ווי מ׳האָט דעם אלטן גלח ארפּגעלאָזן מיט׳ן ארון אין גרוב ארוין, זיך צוגעזעגנט מיט די שטיבלאַך, און געקושט די לייסט פון דער טיר:

— זי וועט שוין מיט א פרישן גלח נישט מער אומגיין, און פּאָרט צו א קרובה אָפּלעבן ווי־ס׳איז אירע יאָרן, ווי לאנג ס׳איז איר נאָך אויפגעלייגט צו לעבן...

די פרישע „גאָספּאָדיני“ איז געוועזן א יונגע שיקסע, נאָר א פרומע, וואָס האָט זיך אויסגעבאָוועט הינטער די מויערן פון א שפּיטאָל, אין א קינדער־קלויסטער, וואו מ׳האָט אויפגעקליבן

קינדער פון גאַס אַראָפּ; זי איז געווען שטאַרק פרום, אַזוי ווי די „שאַסטרע“, וואָס האָט זי אויסגעכאָוועט. זי וואָלט אפשר אַליין געווען אָנגעטאָן אַ ברייט צעלאָזט קלייד מיט אַ ווייסן קאַפּטור אויפ׳ן קאָפּ, אַ בינט שוואַרצע קרעל מיט אַ גרויסן ווייסן זיל־בערנעם צלם אויפ׳ן האַרץ, אַריינגעגאַנגען אין שפּיטאָל, און אינאיינעם מיט זיי אַלע אומגעגאַנגען מיט די קראַנקע, זיי מתודה־געווען און געקושט אין קאָפּ פאַר׳ן טויט...

זי איז געווען שטיל, די שיקסע, זייער באַשיידן, זיך אָפּגע־רוקט פאַר זיינע טריט, דעם יונגן גלח׳לס און אים אַדורכגעלאָזט מיט גרויס עהרנגעפיל; באַלד מיטן ערשטן טאָג פון איר אָנקומען פאַר אַ „גאָספּאָדיני“ — דערשפּירט די הייליגקייט, וואָס רוט אויף זיין קאָפּ, און זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסע זכיה:

— וואָס ס׳איז אויף איר אויסגעפאַלן דער גורל מיט אים אינאיינעם צו זיין, אים אָפּצעווירן, און נישט געוואָרן קיין שוועס־טער אין שפּיטאָל...

אַז ער איז נישט געווען אין דער היים, דער גלח, האָט זי פלייסיק געראַמט די שטיבלאַך, אָפּגעשטויבט די הייליקע „אָב־אַזן“, געלופטערט די ספרים׳לאַך, אַז די מאָלן זאָלן זיי נישט צו־פרעסן; אים ריינגעמאַכט ס׳געלעגער, און טאָמער איז ער גראָד אָנגעקומען, — אַזוי האָט איר גענומען קלאַפּן ס׳האַרץ, ס׳בלוט געקומען אין פּנים אַריין, און פאַר גרויס צערודערונג זיך פרום איבער׳צלם׳ען און זאָגן:

— ניעך בענדושע, פּאָכוואַלאָני...

ס׳גלח׳ל האָט עפּעס אומבאַשטימט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ. אָבער פאַר גרויס צורודערונג, דערזעענדיק אירע באָרוויסע פיס, די שווערע ברוסטן אַראָפּהענגען איבער זיין בעט, — מורא האָבן אַ מינוט לייגנער איינצושטיין ביי זיך אין שטוב, און עוקר זיין אין פעלד; אַרומגיין אַזוי צווישן די שטעזשקעס, שטאַרק פאַר־קלערט, נישט פילן צומאָלט ווי די אַלטע באַבעס קושן זיין האַנט, און נישט הערן די פויערים, ווי זיי גריסן אים:

— ניעף בענדזשע פּאַכוואַלאָני...

ביז אויפדערנאַכט אַזוי, אַז די פינסטערניש איז פאַר אים אומגעריכט אַראָפּגעפאַלן צו דער ערד, און ער האָט זיך געקענט געפינען ערגעץ אויף די הינטערשטע פעלדער פון׳ם דאָרף, אַ מהלך ווייט פון קלויסטער, פלעגט ער נעמען גיין אַ היים, זיך אַדורכ־גנב׳ענען אין שטיבל צו זיך, זיך פאַרגראָבן אין די ספרים, וועלן עפּעס דאָרט אין זיי חוקר ודורש זיין; אָבער לערנען איז אים שווער אַנגעקומען; עפּעס האָט נישט אָפּגעטראָטן פון זיינע אויגן די שיקסע, וואָס פלעגט זיך גראָד אויסוואַקסן אין אַזאַ הערלאַך געשטאַלט, מיט אַ טיף־געקריינקט געפיל, און זיך אַוועק־שטעלן פאַר אים שטייף און מאָנען:

— כ׳בין געשיקט פון גאָט צו דיר, כ׳זאָל באַגליקט ווערן פון דיין שוים...

און ער האָט אויפגעריסן די אויגן, זיך אַוועקגעשטעלט אַ דערציטערטע; אין די אויערן האָבן אים געקלונגען די גלאָקן אַזוי אייגן ווי ביי קריסטוס געבורט. פאַר די אויגן איז געשטאַ־נען די מויד׳ס בילד, מיט איר שטילער באַשיידענער מינע, אַזוי ווי ביי אַ הייליקע שוועסטער, אַ נאָנע, וואָס איז שווער געפּרואווט געוואָרן, און געקומען אָפּקומען פאַר אירע זינד צווישן די מויערן פון קלויסטערס; ס׳האָט זיך אָנגעזען אין אירע אויגן דער טיפער צער פון אַ געליטענער, געפייניקטער צום טויט...

ער האָט מורא געהאַט צו ריידן; ס׳האָט אים אינוויינים געשטיקט, און נישט געקענט אַרויסברענגען פאַר די ליפּן:

— אַז, מ׳זאָל איר צונעמען פון די אויגן, פון זיינע דלת אמות, ווייל ער זינדיקט בלויז במחשבה, אַז ער דרייט זיך אַרום מיט איר אין איין שטוב...

די ווייטאָקן האָבן זיך אַלץ מער צעגאָסן אין זיין לייב. אָבער אויפ׳ן פּנים ביי אים האָבן זיי זיך נישט אָנגעזען; עס איז געבליבן אַזוי אייגן טרוקן, נאָר וואָס די רויטקייט אויף די שפּיץ־באַקן האָט

זיך אַלץ מער געבליכט, גראַד אַזוי ווי די גראָבע מויערן פון׳ם איינגעזעסענעם שטיבל, וואָלטן זיי אויסגענאָגט צו ביסלאַך; ביי די תפילות־אַפּריכטן האָט ערשט זיין וויטאָק געפונען אַ טירעלע וואו זיך ארויסצושפּאַרן, און ער האָט זיך צושריגן מיט ביטערע קולות, געפּלאַטערט אינגאַנצן ווי אַ דאָרן, אַ שטיק פייער, אַ סנה, און די פייערלאַך פלעגן ליגן און קלאָגן אויף די פּנים׳ער, מורא־האָבן מיט זיין בליק זיך צו טרעפן...

אָפּגעקילט האָט ער זיך ערשט נאָך די תפילות, אויפן פעלד. אַליין געגאַנגען פּאַמעלאַך, מיט אַ פאַרלאָשן האַרץ, און צוגעקלאַפּט צו איטלאַכן טרים מיטן שטעקן, ווי אַ בלינדער; אַ קיל ווינטל האָט געבלאָזן אויף זיינע מאַטע באַקן, געלאָשן די פלאַמען, און באַלד זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ קליין שיינעצל ריידן, ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך די שווערע ספקות, און לאַסקאַווע איהם פרעגן:

— פּאַקאַכאַש יעזוסאַ?

און דאָ דערשפּירן די שיקסע, ווי זי קניט אין אַ ווינקעלע אויף דער ערד, ביידע הענט פאַרלייגט אויפן האַרץ, אַזוי ווי אַ פרומע שוועכטער פרימאָרגן, ווען אין דרויסן וועקן זיך די הימלען, באַלויכטן מיטן הייליקן אייל פון „אַבראַז“, אויסגיסנדיק מיט אַזוי פיל געבעט אירע שטומע בקשות און פאַרלאַנגען...

ס׳איז אים געוואָרן ענג מיט איר אין שטוב צו זיין און, אַז ער איז אַהיימגעקומען, — האָט זיך די מרה־שחורה באַזעצט ביי אים אויפן פּנים; מיטן אַריבערטרעטן די שוועל, האָט זיך אַ גראָב הייטל ווי ביי אַ טויב פאַרצויגן איבער זיינע אויגן, און ער האָט אויפגעהערט צו זען; אַלעס אַרום, האָט ער געשפּירט, איז פול מיטן הייסן אָטעם פון איר צושמאָלצענעם קערפּער, וואָס רוט ווי אַ שווערער באַרג אויף אים, און באַזונדער — די ברוסטן, וואָס הענגען אַראָפּ איבער זיין מויל, אַזוי ווי די שווערע קאַנען, און טריפן מיט פעטיגקייט אויף זיינע ליפּן:

— טרינק, פרישע ווארימע מילך. עס וועט זיך צעגיין אין דיינע אברים, און דו וועסט נישט פילן אזוי שטארק די יסורים.

ער פרוווט זיך לכתחילה אפוועדן, אבער ס׳הארץ חלש׳ט, ס׳ציט, און ער בייגט איין — קענן זיין ווילן — ווי א קליין שעפסל בייגט איין ס׳קעפל צו די ציצלאך, און זויגט פון אירע ברוסטן, וואס הערן נישט אויף צו טריפן, און זיינען צוגלייך ווי די שווערע קאנען; און מורמלט שכור פון תענוג, פון געַנוס, אנ־קלאמערנדיק זיך מיט ביידע הענט אין ביידע הענט פון איר קערפער:

— לאז מיך געַנטער, נענטער, איך וועל מיך אנזוינן ביי דיר, שטילן מיין הייסן דורשט ביי דיר...

ס׳איז אים שוין שווער איינצוליגן אין בעט, אלץ ארום איז זיך צעשוואומען, די גראבע מויד איז זיך צעשוואומען, זיך פארגרעסערט, אונגעהויער גרויס איז איר קערפער און ער ליגט ווי א געשוואָ־לענער בארג ביי אים אויפן הארץ...

און דא, דוכט זיך אים, אז ער אליין צעשווימט זיך, צעפאלט אין באזונדערע שטיקער; הענט באזונדער, פיס — באזונדער, און עמיץ טראגט אונטער אויף א קופערנעם פייער־פאן א קאפ, א געקעפטן קאפ — זיין קאפ, איינגאנצן פארשטייפט, די אויגן גע־שלאסן, די האר ווי שפיזלען, און ארום הערט זיך דאס שטילע געבעט אזוי ווי פון טויזנט גלחים וואס זאלן קניען, און שרפים זאלן פלאטערן, טויזנט וועקסענע ליכט — רויכערן, ערגעץ אין היילן, קעלערן פון פאמיליען־קברים, וואו ס׳שימערן ווענט, לייכטן, בלישטשען, און עפעס אן אומרו ציטערט מיט א זילבערנעם הויך, אזוי ווי פון אירע נאז־לעכער, און ס׳דוכט זיך:

— מאריא אליין מאכט זיך צורעכט, און היילינגט זיך פאר׳ן חופה־בעט, וואו גאט ברויך געבוירן ווערן...

אז ס׳גלח׳ל איז אראפגעגאנגען צו מארגנס פון בעט, האט אים די שיקסע ליבלאך געשטיכלט אין פנים אריין; ער האט גיט

געקענט אויסהאַלטן איר בליק, און איז אַריינגעפאַלן דערנעבן אין קאַסטשאָל, זיך געוואָרפן מיט'ן פּנים צו דער ערד פאַר'ן אַלטאַר, און שרעקלאַך געוויינט...

זיין פּנים איז שוין געווען אינגאַנצן געלב, פּונקט ווי ביי אַן אַלטן גלח, וואָס וואָלט שוין זיינע יאָרן געהאַט באַשטאַט צווישן די מויערן פון אַלטע קלויסטערס; אין זיין איצטיקן ניין האָט זיך געשפּירט אַ לויבן, אַ ציטערן, עפּעס אַזוי ווי ר'וואָלט די מנוחה פאַרלוירן, און געזוכט ערגעץ פון זיך אַליין אַנטרינענצואַוועקן, פון זיינע אייגענע יסורים זיך אויפצורוימען...

די מויד האָט זיך שוין מער דרייסטער צו אים צוגעשאַרט, געקושט רעם מאַנטל פון קלייד, אים אויסגערעדט, און געוואָלט פאַרגרינגערן דאָס האַרץ:

— זיי זיך נישט מצער, געטליכער מענטש, ווען ס'איז מיר באַשערט כ'זאָל אויפגעריכט ווערן דורך דיר...

און ער האָט מער גאָר נישט גערעדט, דער גלח, נאָר טיף געטראָגן אין זיך די יסורים, נישט מער אָפּגעווערט זיך פון איר, נאָר איבערגעבנדיק זיך שטיל, שווייגנדיק פאַר אַ קרבן; זיך געלאָזט גלעטן פון אירע הענט, און הילפלאָז זיך געפילט אין אירע אָרעמען, געבונדן; נאָר וואָס אין קאַסטשאָל אַליין האָט דער שמערץ אַרויס־געריסן זיך גוואַלדיק פון זיין ברוסט, און ער האָט זיך אַרויסגעצויגן מיט'ן קערפּער ביי די תפילות — ווי אַ לאַנגער דאַרער סקעלעט, אַ פינסטערער שאָטן מיט שוואַרצע פינסטערע לעכער, וואָס האָט עפּעס געשריגן, געוויינט, אַז די פּויערים זיינען שוין געוואָרן אומ־רואיק, אַרומגעגאַנגען צעטראָגן, און שטאַרק איבערגעקלערט:

— ס'איז גאָר קיין מענטשלאַך בעטן נישט, האָט באַלד שוין קיין מענטשלאַכע צורה נישט...

ער האָט פּשוט מורא געהאַט, דער גלח, מיט איר אינאיינעם צו זיין אין שטוב, און פלעגט פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג; נישט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן אין לאַנגע בריוו פאַר'ן קרושאַנדזש־פּראַלאַט, וואָס אין סעמינאַריע:

— פארוואס מ׳האט אים דא אריינגעשיקט, ס׳איז א פארגרעבט דארף, געמיינע לייט, זיי פארשטייען אים נישט, און וואלט דורכאוים געוואלט מ׳זאל אים צוטיילן אין אנאנדערע פאראפיע.

אבער, אז ס׳פלעגט אנקומען אלץ די איינענע תשובה:

— אלע פאראפיעס זיינען פארנומען, און איבערטוישן אים אין זייער א שווערע, שווערע זאך...

אזוי איז ער אינגאנצן אראפגעפאלן ביי זיך, געבליבן דערשלאגן, און שווייגנדיק זיך איבערגעבן דעם בלינדן גורל זיינעם אין די הענט; זיך געלאזן אינגאנצן אויף הפקר, און ארומגיין צו גאנצע טעג אויפ׳ן אלטן דארפישן צמענטארזש, אפליגן צווישן די קברים, ארומהאלזן די צלמים, עפעס וועלן זיך צונויפגיסן מיט דער שטומער שווייגנדיקער שטילקייט וואס האט דארטן געפלאסן, און ביינאכט ווידער זיך פארשליסן אין קאשטשאל, אנידערקניען פאר׳ן גרויסן הייליקן „אבראז“, פון וועלכן די הייליקע מוטער האט פיינלאך אראפגעלויכטן; פארגליווערט ווערן שעה׳ן לאנג, ביז ס׳פלעגט זיך עפעס נעמען רירן דארטן, אזוי ווי הענט אים צו גלעטן, און דערשפירן ס׳קומט א היילונג אויף זיינע וואונדן; זיינע פרוכת׳ן זיך צו וועקן; בלאע, הימל־בלאע פארהאנגען מיט זילבער־ווייסע שטערנדלאך, — אזוי ווי די הימלען וואלטן אראפגענידערט צו זיינע פיס, אים אריינגענומען, און ער וואלט זיך אויסגעמישט מיט׳ן בלאען עטער, צעשווימען געווארן...

אין טיפער נאכט, שנייען האבן געהויערט איבער די וועלט, די פרעסט — געהאט אנגעטאן אייזערנע רינגען אויף אלעס, איז געזעסן ס׳גלח׳ל איבער די ספרים׳לאך, קיין שלאף האט אים נישט גענומען פאר די אויגן, — און ס׳איז אריינגעקומען עפעס א פייערל איינגעבאבלט פון קאפ ביז צו די פיס אין א שווערן פעלץ, מיט א הויכע דובלינע איבער׳ן קאפ, און זיך נעבוקט ביז צו דער ערד:

— גיעף בענדזשע פאכוואלאני !...

האָט זיך ס׳גלח׳ל אויפגעכאַפּט פון זיינע שווערע רעיונות, אָפּגעענטפערט במחשבה, און געפרעגט אים:

— מה בקשתך ?... וואָס זיין פארלאנג איז ?

אזוי האָט ס׳פייערל געזאָגט :

ס׳ווייברל האלט אים גאָר שמאָל, זי דאַרף זיך מתודה זיין, און קען דעריבער נישט שטארבן...

אזוי האָט ס׳גלח׳ל נישט געזאַמט קיין איבעריקע מינוט, זיך אָנגעטאָן זיין פעלץ, און געפאָרן מיט אים; דאָס שליטל האָט זיך געגליטשט איבער די הויכע שנייען וואָס זיינען געלעגן אזוי הויך אָנגעוואָרפן, און האָבן געציטערט, געשמינקלט, ווי באצירט מיט שטערנדלאַך; דאָס גלעקל האָט געקלונגען, ווי אַ פייגעלע ציטערט מיט׳ן העלזל, און ס׳גלח׳ל האָט זיך ארייננערוקט די הענט אין די ארבל, עפּעס דערשפּירט אַ קעלט אין די פיס, וואָס זיינען אים געוואָרן שווער ווי צענטנערס, אָבער ס׳איז אים געווען גוט מיט דער ווייסער וועלט, און שטארק געשמעקט צו פאָרן אין דער ווייס־קייט אריין, זיך געפילט אזוי פריי, גרינג אויפן הארץ, ס׳איז אים נישט אנדערש אויסגעקומען:

— ווי, אז דאָס פאָרט ער אליין איצט זיך ערגעץ מתודה זיין פאר וועלכן אלטן ביסקאָפּ, הונדערט יאָריקן זקן, וואָס די עלטער האָט אים אראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ער זאָל מוזן קוקן צו דער ערד, גלייך אין גרוב אריין...

די פראָסט האָט גענומען שטארקער, די לופט איז געוואָרן ווי שטאָל, און האָט געקלונגען; ס׳שליטל האָט געסקריפּעט; ס׳פייערל האָט זיך ארייננערוקט די הענט אין די ארבל, זיך איינגעהויקערט; די ווארימקייט פון פעלץ, דאָס גלעקל, די גרויסע סנאָפּעס שטרוי, — דאָס אלץ האָט אים באלד איינגעשלעפערט און, ער האָט געלאָזן דאָס שליטל אויף די פערדס בעראָט...

ס׳גלח׳ל האָט נישט געשפּירט די קעלט; ער האָט זיך אלץ מער צוזאמענגעקיטשעט, ס׳איז אים געווען ווארים, וויינינגסטנס

— האָט זיך אים אַזוי אויסגעדוכט; ס'האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק, אין קאָפּ זיך געמישט, און ער האָט זיך געפילט, אַזוי פריי, דערהויבן, ס'איז אים ממש געווען ליכטיק אין די אויגן. עפּעס אַ ליכטיקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט. אַ גן־עדן־ליכטיקייט, די פערד האָבן באַקומען גאָלדענע גרזשיוועס, און צעפלאַטערט מיט אים געפלויגן איבער ווייסע צעפלאָסענע וועגן, אַלע הייליקע קומען אים אַנטקעגן, מיט צעפלאַמטע קרוינען אויף זייערע קעפּ, ברע־נענדיקע פייער־פאַנען אין די הענט, און זיי רויכערן פאַר אים מיט ווייַרויך, שפּרינגען קדוש; און די הענט פון דער הייליקער מרים גלעטן אים מיט ליבשאַפט, און טרייסטן אים מיט גרויס געבעט, מיט פיל הבטחה:

— זיי דיך משמח, געטלאַכער מאַן, גאָטס זון האָט באַוויליקט דיר צו פאַרגעבן, דו ביזט געהייליקט אין דיינע יסורים, און דערלייזט פון זיי...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַז דער פויער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען די פערדלאַך זיינען געבליבן שטיין פאַר זיין כאַלופּע, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון בינט־שטרוי און גענומען וועקן דעם גלח:

— פראָשע קרעזשענדזשא?...

איז דער גלח אַרונטערגעפאַלן ווי אַ שטיקל אייז פון שליטן, און מער קיין אָטעם נישט געהאַט...

מ'האָט אויפן דאָרף זיך פּשוט דאָס לעבן גענומען פאַר אים; גע־האַלטן פאַר אַן אבן־טוב, נישט געלאָזט אויפ'ן קיין שטויבעלע פאַלן, אָפּגעהיטן זיינע טריט, און זיך אַצינד געכאַפּט:

— ס'איז מיט אים נישט געווען גלאַט; ער איז צו גרויס, צו הייליק געווען, און זיי האָבן נישט די זכיה געהאַט זיך לאַנג אָפּצופרייען מיט אים...

דער מאַן

אַ קליין הייפעלע ברואים האָט זיך צעצויגן געשלעפּט איבער׳ן וועג, — געשלעפּט צום וועלדל, וואָס איז ליכטיק געווען פון דער זון, וועלכע איז דאָרט אונטערגעגאַנגען, און דעם וואַלד אין איינציקע, באַזונדערע ביימער, ווי שוואַרצע טונקעלע געשטאַלטן, אויסגעטיילט.

דאָס הייפעלע האָט זיך נישט צוזאַמענגעהאַלטן; צופעליק געווען צונויפגעקליבן, פון נעכטן, העכסטנס — אייערנעכטן, און פון בלויזן גיין מיט איין וועג זיך געקענט; געזאָלט האָבן משתתּף געווען איינער מיט׳ן צווייטן, איינער מיט׳ן צענטן, איינער מיט׳ן צוואַנציקסטן, מיטן הונדערטסטן, — ס׳זאָל נישט אויסקומען איטלאַכן באַזונדער צו מאַכן די נסיעה אַליין פאַר זיך, נאָר זיין אָנגעקניפּט אין וועמען, אין שאָטן פון וועמען, אַ ווילד־פרעמדן, זאָל זיין...

אַז זיי זיינען צוגעקומען לעבעדיקע נאָך, צום שטיקל וועלדל, — זיינען זיי אַוועקגעפאַלן אַלע אינאיינעם אויף דער קופּע, אַזוי ווי געשאָכטענע, אונטערגעהאַקטע, אויף דער האָריקער ערד; אָהן שום חרפּה זיך געלייגט, מיט די איינענע פּיס אַריבער יענעמס לייב, אַזוי ווי געוואָלט אויפטייען ס׳פון־שרעק־פאַרקילטע בלוט, זיך דערוואַרימען, און אפשר גאָר ווייל אינאיינעם ליגנדיק — אין זינען געהאַט — וועט דער הייפן זיין גרעסער, און שווערער אויפגעפרעסן צו ווערן; נישט אַזוי גרינג טאַקע אָנקומען אויסגעריסן צו ווערן צום טויט...

אַרום איז גיך געוואָרן טונקל. דער וואַלד האָט זיך עפּעס, נאָכדעם ווי דאָס ביסל מענטשן האָט זיך אין אים אויפגערוימט — צונויפגענומען; פאַרגאַנגען; אויפ׳ן פעלד אַרום אים, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ נעפּעל, וועלכער איז אין דער טיף געוואָרן אָפּגעלויכטן אין גרין־געל־רויטע קאָלירן, ווי ביים אָפּשיין פון אַ פייער,

פון אַ גרויס צעשפּרייט פייער; ביי די פּאָדערשטע ביימער האָבן אודאי שוין געפלאַמט די הויכע קרענזשוואַטע קעפּ, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין ווילד־צעשויבערט, ווילד־צעבאַרשט, אַזוי ווי ביי רויע, ניש׳ט דערשלאָפענע, און אין מיטן־נאַכט־אויפגעוועקטע ציגיינער׳שע מיידן...

הינטער דער געדיכטקייט פונם נעפּל, וואָס האָט זיך רק אויף זייער מזל געשטעלט, און וועלכער האָט אויף אַ טריט בלויז פאַרהוילען פון זיך — האָבן טאַקע די לייט מער באַרוט געקענט ליגן אינ׳ם וועלדל; מער באַהיט — די קינבאַקן זאָלן זיך נישט הינטיש־געפּאַלן געבן אַ טרייסל, וועלפיש אַ צוק, און אַ קלונג מיט די הוילע צעבראָכענע ציינער:

— מ׳וועט זיי נאָך דאָ באַלד אויך, אין דער ווילדערניש פון צווישן די פעלדער און וועלדער דערטאַפּן, און צעטראָגן...

און דער שלאָף האָט זיי דעריבער מער זיכער גענומען, איינגענומען; ווי די קליינע קינדער — באַלד גענומען כראָפּען, כראַפּען מיט דער שווערקייט פון בערן; שלאָפנדיק פּרייער האָבן זיך די קופּקעלאַך צענומען, מאַנכע: ווי שכל׳דיק, אינגאַנצן אָפּגערוקט, און אַנדערע, פאַרקעהרט, זיך נאָכמער איינס־אויף־ס׳אַנדערע אריבערגעלייגט, צונויפגעדרייט ווי איין לייב־און־לעבן, און עפּעס אין דער פינסטערקייט געהאַט ס׳אויסזען, כ׳ווייס, פון בינטלאַך אינגעווייד, וואָס מ׳האָט דאָ ערגעץ אַרויסגענומען ביי בהמות פון די בייכער נאָכ׳ן שעכטן, און וואָס הינט זאָלן דאָס אַרומגריזשענדיק האָבן פאַרשלעפּט, זייענדיק זאַט, איבערגעפּרעסן — אויף הפקר געלאָזן...

שפּעטער אַ ביסל האָט זיך דאָ נעבן־ענגט צושלעפּן אַ יונגערמאַן מיט אַ ווייבל — אַ סך מער איידעלער, און בלייכער אויך; זיי האָבן אודאי געמוזט גיין אינאיינעם מיט די יעניגע, וואָס זיינען פריהער דאָ אָהער אָנגעקומען, און זיך אומבאַמערקט געהאַט אָנגעקניפּט ערגעץ נאָכן אָפּגיין פון צוואַנציקסטן אָדער הונדערטסטן וויאָרסט, און

אויף אזוי פיל בלויז געהאט א שייכות צו זיי, — וואָס די איינע צרה האָט זיי אַלעמען ארויסגעטרייסלט פון די אַלטגעבאַקענע היימיש־אויסגעוואַרימטע לעבער זייערע; און נישט בלויז אפשר צופעליק נאָר בכיון, שוין נאָכאַלעם, ווי יענע אַלע וועלן שלאָפן — אָנגעקומען אהער, זיך צוגעלייגט אונטער א בוים, די ביינער אויסצוגלייכן...

נישט לאנג, מיט א מעת־לעת צוריק, זיינען זיי נאָך, דער אייגענער מאן מיט׳ן ווייב, ווי די אַלע ארומיקע, וואָס זיינען דאָ גע־לעגן ווי גע׳הרג׳עט — געווען ביי זיך, אין זייערע שטובן, אויפן דאָרף; און דאָס יונגע בלייך־פאַרזאָרגטע ווייבל, וואָס איז נישט תמיד געווען בלייך און פאַרזאָרגט, נאָר פאַרקערט: לעבעדיק־אויפגעלייגט, כאַפּ־לאַפּ, געפלאַמט, געשווימען, אזוי פריילאַך, זאָרג־לאָז געהאט אריבערגעשווימען און איבערגעקומען: טעג.. וואָכן... הדשים... און באַלד יאָרן מיט אים...

דאָס אומרואיקע, פון דער נאַטור קאַפּריזנע ווייבל, האָט זיך אליין כמעט מיט אירע אייגענע הענט ס׳אומגליק גענומען; א גרויסער פלאַטער־קאָפּ, — האָט זי נאָך פון פריער א סך מאָל אָפּגעטאָן אזעלכע שטיקלאַך, ביי וועלכע זי האָט זיך געקענט נענוג האָבן צו קאָפּן; נאָר ביי קליינינקייטן אז זי האָט געפעלט — האָט נישט אזוי פול אויסגעמאַכט, ס׳אויסגעקומען פּאָפּעריק; פאַרקערט: ווייל ס׳האָט זיך אזוי געמאַכט, מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס קאַפּויר, — האָט עס איר גערעגט, געמאַכט שטייף, אַמביציעז, עקשנות׳דיק, און צום סוף, אונטערגעבנדיק זיך, גע־רויטלט:

— כ׳וואָלט געגאַנגען שווערן, ס׳וועט נישט זיין אזוי...

דאָס מאָל איז זי אויך נאָר געבליבן אויפ׳ן דאָרף, בלויז צוליב א קאַפּריז, ווייל ס׳האָט איר, פראָסט, אָנגעשפּאַרט צו זיצן; ס׳איז שוין קיין לעבעדיקער הונט נישט געווען, און ווער ס׳האָט געקענט זיך געהאט אָפּגעטראָגן פון א גוטע מינוט, מיט גאַנצע ביינער; די ארומיקע הייזלאַך זיינען שוואַרץ, חושכ׳דיק, אָנגערוי־בערט, צוגעסמאַליעט גענוג — געלעגן טיף אין דר׳ערד איינגעזונ־

קען; צייטנווייז זיך אזוי געהויבן ווי אויסגעשפּרייטע פלאכטעס אויפ'ן ווינט, נעקרעכצט ווי קליינע קראנקע קינדער פון היץ; ס'האָט עפּעס אזוי געארבעט מיט זיך, ווי א זעג קריצט מיט די שטאָלערנע ציין, ווען זיי קענען נישט אדורכבייסן א פעטן באַראַיי־ליקטן סענק; מילא, איז א חדוש, אז דער מאן, דער אייגענער מאן האָט איר אננעהאלטן, און ביי איר דורכאויס געוואלט צעברעכן ס'עקשנות:

— ביז וואו־ווייט קלערסטו דאָס אזוי ארייננזיצן?... ביז דער הימל וועט דיר אויפ'ן קאָפּ אראָפּפאלן?...

ניין; האָט זי מער געגלויבט דעם יונגיטשקן, מאָגערן ווי אַ שטעקעלע — אָפּיצירל, וואָס איז ביי זיי איינגעשטאנען; ס'יונ־גיטשקע אָפּיצירל האָט נאָך געהאט די מוטערס מילך אויף די ליפּן, — און פון זיין בקיאות אזוי גוואלטיק געהאלטן, ווי ער וואָלט ריכטיק געוועזן די ערשטע האנט, און ס'וואָלטן נאָך א סך אנדערע, א חוץ איר — אויף אים געזעצט; קוקנדיק אויף זיין זעלנערישע רואיגקייט, פארוואָרפן דעם מאנס טענות, און מערקווערדיק — ארומגעפלויגן, די אייגענע פארשייטע קאָץ, פלאַפּל־דיק־צאַפּלדיק, שפּילנדיק־הוליענדיק, — אזוי ווי ס'וואָלט גאָר קיין שום סכנה איבער איר קאָפּ נישט געוועזן; און נאָכמער מערקווערדיק: געוואָלט כאפּן די אייגענע זעלנערישע רואיקייט, און אָפּגעשעפּט פונ'ם צעקראָכענעם, אָפּגעשטאנענעם מאן, ביי וועלכן די קינבאקן טרייסלען זיך באלד נאריש ביים שוואכסטן בריל, און די אויגן ווערן גרין־געל, באקומען אלע מיתה־משונה קאָלירן ווען א גראנאט ווערט צעשפּליטערט.

— כאַ־כאַ... ס'וואָלט נישט געשאט נאָר, מ'זאָל אים זען ארויסצוקריגן א קליין ביסעלע ווייטער... אין גרוב, טאַקע.... וואָלט ער אפשר געוואָרען מער שטייפער, מער מענטש...

אויף וויפל, מ'שטיינס געזאָגט, זי האָט אונטער דעם פאַר־שטאנען, דעם מענטש....

און זיך געכאַפּט, ווי אַלע מאָל, געוויינטלאַך, ביי גרויסע קליינינגקייטן — אַז זי האָט שלעכט געטאָן; און אַז ס'איז געווען אומבאַרעכנט, אומבאַליינט, ווי ביי אַ קליין צופּיעשטשעט קינד, וואָס איז צופּיל און משוגע איינגעגלויבט אין אירע נאַרישקייטן — און זיך נעבאך געוואָלט אַרויסכאַפּן, אַרויס, אין לופטן כאָטש, טאַקע נישט מער ווי אין לופטן, ווייל ס'זיינען שוין מער קיין וועגן נישט געווען; זיי זיינען פון צופריער, איידער זי האָט זיך געהאַט מיישב געווען, — געכאַפּט און באַשפּיגן געוואָרן מיט בליי פון די קליינע, גראָב־בייכיקע הויביצער, וואָס האָבן ברייט איבער זיי געהאַט אויפגעמאַכט די מיילער...

— אַ ?... האָסט גוט געקענט זיין זיכער מיט אים ?.. אַ ?.. ס'איז געווען צוליב וואָס צו שטעלן אַלץ אין קאָן ?... — איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, און זיך אַראָפּגערעדט פּאַר צרות פון הארץ.

אַרום האָט זיך די ערד געהויבן, געוויגט, שטיקער געוואָרן אָפּגעבראָכן, אָוועקגעטראָגן; לייבן האָבן זיך געריסן, געשפּאַרט צום גיין, און דער הימל — זיך געבויגן אונטער זייערע טריט, זיי געפּאַלן צו די פיס; קאָפּיטעס פון פערד האָבן הייזער אוועק־געקאָפּעט, די שטיקער זייערע, צעשפּריצט ווי שוים מיט די נאָז־לעכער — — זייערע צעפּלאָשעטע גרזשיוועס האָבן געפלאַמט — הענט זיך פון אומעטום געצויגן — — — לאַנגע, דאַרע, בראָנע הענט, אויף וועלכע די אָדערן זיינען געווען אָנגעצויגן און אויפגעלאָפּן ווי גראָבע שטריק, שטיקער געשפּאַנען, פּונקט ווי די קערפּער ביי זיי וואָלטן ערגעץ בעדאַרפט מיט גרויס עקשנות הייזער אוועקשלעפּן; און אַ מורא'דיק, משונה געריטש ווי ביים קיילן חזרים — האָט זיך פון טויזנטער העלזער געריסן: ר־ר־ר־ר, און זיי פאַרשריגן, נאָכמער פאַרטונקלט איר ס'קול, וואָס האָט

גערופן אים, דעם איין־איינציקן, דעם מאן, אין מיטן ראנגלען זיך מיט וועמען דארטן, אין דער פינסטער, וואס זי האט נישט גע־קענט בייקומען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

א מין גערדיכטע פינסטערניש, א קלעפיקע, וואו און אין וועל־כע ער איז געהאט פארגאנגען איבער די אויערן, און זיך ב׳קיין שום אופן נישט געקענט ארויסקאפן, נאר־וואס דער ווינט אין שטוב, א מארכה, דער צוג־ווינט וואס האט זיך אזוי וואוילעריש לאבוזווא־טע געפיפן: ז־ז־ז... פון דער אויסגעבראכענער טיר פארביי דעם אייסגעריסענעם פענסטער, — האט אים, אנכאפנדיק פאר די האר, איינמאל, א צוויוט מאל, געשטעלט אויף די פיס; ס׳ערשטע, אויף וויפיל זיין צעהיצטער קאפ האט אים אויסגעטראגן, געוואלט דער־שמעקן דעם ווייב׳ס סוף, ווי זי האט דא אפגעשניטן, און אנטאפנ־דיק איר לייב, וואס איז ערגעץ געלעגן אריינגעהאקט אין בראכ־וואוג, — זיך איינגעדרייט אין א קנויל און יעמערלאך ארויס־געלאכט:

— א?.. איר גבורה?.. קעגן הונגעריקע וועלף זיך געוואלט שטעלן... חיות בייקומען...

אין דרויסן האט זיך נאך אלץ געהאלטן אין ברעכן; דא־רארט, ווייט־אריבער, הויך־ארונטער, איז עפעס אראפגעפאלן נאך, זיך א קאפוירגעהויבן, ווי נאכווייען פון א שווער האבן, — אבער דערמיט שוין, ווייזט אויס, געצאנקט און זיך געלאשן; יעדער ציטער איז געווען ווי ביי א גוסס׳ן לייב, וואס גיט זיך נאך א ריר, איידער ער צים־אויס די פיס מיט אלעמען; ווארימע ווינטן האבן זיך שוין געהאט ארויסגעלאזן, ווייניק־וואס נאך אפילו געקענט גע־זונט מאכן, אבער דערווייילע געהיילט, גענלעט, אפגעווישט און דערקוויקט...

און אין דעם חושך, בשעת ס׳האָט ערגעץ־וואו נאָך אַ שלעפּנע־טאָן, פאַרביסן, הין־און־צוריק, און אַ ווייסער פּאַס פייער האָט זיך אַ צאַפּלגעטאָן איבער ברייטע טיילן פון חרוב׳דיקע שטרעקעס: צעבראָכענע, צעשאָבערטע הייזער, צעטראָטענע פּגרים; ביי די פּאַסן ליכט האָט ער געזען אויך ליגן צעקנייטשט ס׳ווייב, ווי זי האָט זיך געוואַלגערט אַ ביסל נישט שיין איבער די קישנס אויף דער ערד, וועלכע דאָס לאָבוזיוואַטע פאַרשייטע ווינטל האָט אָנגעבלאָזן ווי די באַלאָנען; ס׳אַנטיכץ איז אויף איר לייב געוועזן צעריסן, צעפּליקט און צעפּיצלט, און אויפ׳ן פּנים אירן איז גע־ווען צעשמירט אַ גרימאַס, יענער גרימאַס וואָס ביי אַ מענטש, וועלכן מ׳האָט אויסגעשניטן אַ שטיק פלייש פון לייב, און הויבט ערשט־אָן נאָכן אויפקומען פון שלאָפגעטראַנק, אויף ריכטיק באַנעמען און פילן די יסורים...

צוליב אַ צעצויגן געוויין פון אַ קליין פּיצל קינד, האָט ער אויפ־געמאַכט די אויגן, דער מאַן, און מיט גרויס חדוש געזען: ס׳איז טאָג, אַ גראָער, עטוואָס נאָך רויער טאָג; די נאַכט האָט זיך אפילו דעמאָלט נאָך נישט געהאַט מיט אַלעם אָפּגעטאָן, און נאָך עפּעס געהאַלטן אין איין אַראָפּרינען פון די הימלען — אָבער די טיפקייטן האָבן שוין אַרויסגעקוקט פון איבעראַל: קלאָ־רע... לויטערע... ס׳איז קיין שפּור ניט מער געווען פון נעפּל... און טאַקע דערפאַר האָט די ביטערע מורא, — אַז מ׳קען נאָך דאָ ווערן דערזען פון מיילן־ווייט אַרום, שוין ס׳ביסל גולים געהאַט אויף די פיס געשטעלט, און זיי אונטערגעטריבן:

— אין וועג אַריין, רירט.. חבר׳ט אייך נישט מיט׳ן וואַלד, וואָס איז אין אַזאַ צייט אַ גרויסע סכנה; דער בוים האָט אַ חוץ בלעטער, פּירות, אויך אַן אייגנשאַפט צו דינען פאַר אַ תליה, אויף וועלכן מ׳קען גרינג אויפגעהאַנגען ווערן...

זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן. געבליבן ליגן איז דער מאַן, וואָס האָט, ווי איינער וואָס האָט נישט מער וואָס אָנצוווערן, —

גענוג לאנג געדולדיק געוואַרט אויפן ווייב, וועלכע האָט אויף באַ־דארפט אויפמאַכן די אויגן, און זיי נאָך אַלץ נישט געהאַט אויפ־געמאַכט, ביז ער איז ענדליך געוואָרן אומרואיק, און איר גענו־מען וועקן:

— דו שלאָפסט טאַקע אַזוי געשמאַק ?...

האָט זי נישט גערעט.

— מ׳וואָלט אפשר אויך באַדאַרפט ארויס פון וואַלד, ס׳איז נישט מער קיינער אין אים געבליבן...

האָט זי גענומען שלינגען די שפּייעכטס, וואָס האָט זיך איר אַזוי פיל געמאַכט אין מויל, און אַראָפּגעלאָזט אין קעל אריין; זיך שטיל אַזוי געזעגנקען מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן זיך באַלד אויפגעמאַכט און שאַרף געקוקט אויף דער וועלט, אויף דער אויפ־געקומענער וועלט, וואָס האָט קוקנדיק גענומען עלטער ווערן מיט רגע׳ס, מינוטן, — די שיינע ארומיקע וועלט..

ער האָט אים דערשפּירט, דעם בליק אירן, וואָס האָט זיך אריינגעשניטן אין דער וועלט, — אַזאַ רואיקער, אור־איר־ווייטער, קדמונ׳דיקער, פון פאַר דער וועלט באַשאַפענער און אריבער דער וועלט פאַרגייענדער, — און שוין גאָר נישט מער געקלערט איבער דעם ברעקעלע, פּשוט מענטשלאַכע שטיקעלע פאַרדראָס וואָס איבער איר שטענדיקער און ליידיקער אמביציע, דורך וועלכער ס׳איז דאָרטן צעבראָכן געוואָרן אַזאַ יונג ליבטיק לעבן, ווי עס ווערט צעבראָכן אַ לעבעדיקער קוועלעדיקער שטראָם וואַסער — וואָס כאַפּט זיך ארויף אויפ׳ן ראָד פון אַ וואַסער־מיל; ער האָט שוין נישט מער געדיינקט אויך פון אַוועקצוגיין אַזוי גיך, ווייל פאַר די פריערדיקע מורא דאָ צו בלייבן אליין איז ער געבליבן פאַרשעמט, און ס׳האָט זיך אים גאָר נישט אויסגעוויזן מער קיין מורא צו זיין.

— ווי שייך, וועלן נישט נאָך די אַוועקגעגאַנגענע אידן, מיט וועלכע זיי האָבן איינגנטלאַך נישט געהאַט צווישן זיך גאָר — די וועגן באַלד ווייטער פול ווערן מיט אַנדערע אַזעלכע אידן, וואָס זיינען מסתמא שפּעטער ארויס, גייען איצט ארויס, אָדער וועלן נאָך

שפּעטער אַרויסגיין פון די מקומות אַרום, אויפ'ן גאַנצן שטח, וואָס ס'פייער האָט אַרומגעכאַפּט און האַלט נאָך אין איין אַרומכאַפּן... אַזוי וועלן זיי נאָכדעם גיין מיט אַנדערע... און גאָרנישט זיין אַליין....

ס'יונגע ווייבל איז נאָך אַלץ אַזוי נאָכאַנאַנד געלעגן, וואָלקנ־שווער, גאָר נישט די אייגענע, פעדער־לייכטע, קעציש־פלינקע, — אירע אויגן זיינען נאָך אַלץ אַזוי אָפן געשטאַנען, נישט אַהין, נישט אַהער, — צוגעהאַקט, און בלויז ווי דורך אַ נס נישט אויסגע־רונען; צוויי ווייכע, פולע, לענגלאַכע פלוימען, און מיט דער פאַרב פון פלוימען; נאָר איר האַרץ, דאָס אייביג מענטשלאַכע האַרץ וואָס בלוטעט אויף יעדע וואונד, — האָט זיך געהויבן, שוין גאָר נישט ריטמיש, נאָר געפּאָכעט ווי אַ בלאָזאַק; ס'איז זיך דאָרט עפּעס אָנגעלאָפן מיט אַלע וועגן און פון אַלע קליינע און קלע־נערע אָדערלאַך, — דאָס אומיטלבאַרע געוויין, ס'גרויסע געוויין פון אַן אָנגעוויינטאָקטער נשמה, און ס'איז געוואָרן אַ קוואַל, יענער גרוי־סער קוואַל וואָס שטאַרקט זיך, גייט איבער, און ברעכט אָט־אָט אויס אין יענעם געוויין, וואָס גייט דורך אין דער ברייט און אין דער לייגג פון דער וועלט.

— אַ... מיין מאַן?.. ווער וועט מיך אַצינד ריינוואַשן פאַר דיר, מיין מאַן?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

כ'איז שוין געווען שפּעטער טאָג, אַז זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון וואַלד; דער הימל האָט זיך גיך, אין גרויס איילעניש געלייטערט, געוואַשן, איז אַלץ אַרום, די גאַנצע לעבעדיקע וועלט האָט זיך אַזוי שיין מכין געווען פאַר אים; די פוינעלאַך, די ערשטע, אַ — האַ. האָבן אים שוין געוואוסט אַזוי פרי און באַצייטנס צו חנפה'נען אויף די אייבערטשע ביישטימאַלאַך, און געטרילערט:

— לאַנג לעבן זאָלסטו טאָג, שיינער, ליכטיקער טאָג, וואָס די האָסט זיך צוגעאיילט צו קומען, נאָך איידער די נעלע, כיטרע

װעװערקעס האָבן באַװיזן אונז די העלזער אויפצורייסן... לאַנג לעבן זאָלסטו דערפֿאַר, טאַג...

זיי זיינען געגאַנגען אויפן װעג, און מיט די שמאָלע סטעזש־קאַלאַך, װאָס האָבן זיך אַזוי צעקרימט אַריינגעדרייט צװישן די פֿעלדער, צו װײַטע אָפּגעלעגענע ישובים, — זיינען אַלצאינאיינעם אַראָפּגעקומען אידן, פֿאַר׳חושכ׳טע, דערשלאָגענע, האָבנדיק אויפן פּנים די ביטערע מורא פֿאַר דעם אומגעריכטן צאָרן, װאָס איז זיי אַראָפּגעפֿאַלען אויף די קעפּ; נישט ריידנדיג און זיך נישט קענענדיג געגאַנגען אַװעק, און אַלץ מיט דעם איינענעם אויסגעשפּראָכענעם װעג, װאָס האָט זיי באַדאַרפֿט ברייננגען צו אַ שטאָט, װעלכע ס׳פּייער האָט נאָך דערװייל נישט געזאָלט האָבן אַרומגעכאַפּט; און זיי האָבן גאָרנישט געשפּירט ס׳גיין אויף דעם אומענדלאַך לאַנגן װעג, װי ער װעט ביי זיי איינגעשרומפּן, נעמט זיך אַלץ מער אויס, און אַז נאָך איטלאַכן באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ — האָט זיך אַלץ נענטער צוגערוקט אַ שטאָט צו זייערע פּיס; די פֿרעמדע מויערן האָבן זיי אָנגעקוקט גאָר אָן חדוש, אַזוי װי זיי װאָלטן שוין נישט געװעזן פֿון די ערשטע; און דאָס פּנים ביים יונגן װייבל איז בלייך געװעזן, דאָס ציטערן מער דראָבנע, פּונקט װי דאָס אומ־נאָרמאַלע ציטערן פֿון אַ שפּינדל אין אַ זייגער.

זי האָט זיך אַ װיילע אָפּגעהאַלטן, אַזוי װי נישט שטאַרק קיין חשק געהאַט צו דער שטאָט, און עפּעס מורמלענדיק מיט די ליפּן קוים־קוים אַריינגעגאַנגען אין איר, אָנגעשפּאַרט אינם מאָנס אַקסלען, גראַד װי איינער אַ מענטש, װאָס גייט אונטערן שנייד־מעסער, און מ׳ברויכט אים אויסשניידן אַ געװאוקס פֿון בויך...

/

ער האָט באַלד, נאָך אינ׳ם איינענעם טאָג, געקראָגן אַ שטוב, דער מאַן, פֿאַר זיך מיט זיין װייב; פֿון ליבן זיסן דאָרף, געװאָרן אַריינגעהאַקט אין סוף שטאָט, פֿאַרװאָרפֿן אין אַ העק, אין אַ קליין

שטיבעלע אויף אַ בוידים, וואָס אונטער אַ דאַך, ביי אַ שלאַנג־באַן פון אַ שאָסע, וועלכן — עטלאַכע געטאָפּלטע ליניעס האָבן אַדורכ־געשניטן...

דורכן פענסטערל פונ׳ם שטיבל האָט זיך גוט געזען דער פּלאַנט אונטן, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט; רעלסן, ראַמ־פּעס, פאַרברענטע בנינים, וואו און צווישן וועלכע ס׳זיינען געקראָכן מענטשלאַך ווי ווערימלאַך, און עפּעס אַזוי שאָטנדיק, סודות׳דיק מיט פאַרטיק־צוגעגרייטע ווי אָפּגעשטימטע צייכנס רעגולירט די אייזערנע וועגן, אָפּגעהעקלט וואַגאָנען, אָפּגעהעקלט, צעוואָרפן און צונויפגעשפּיליעט...

אויפגעשטעלט און צענומען צוגן, — באַנען גאַנצע...

אין שטוב האָט עס זיך זייער שלעכט אָפּגערופן; דער שווע־רער אומרו פון פּלאַנט האָט זיך דאָ געוויגט, און אָנגעגעבן אין דרימל עפּעס העכער און שטאַרקער, ווי ס׳געריויש פון אַן אַלטן פּאַרצייטיקן זייגער; ס׳פּייפן פון די מאַשינען און בוצן, וואָס האָבן געשפּאַנט די וואַגאָנען, האָט זיי שוין צום איבעריקן אַ מאָל כ׳טויט געמאַכט; ס׳יונגע ווייבל איז עפּעס נאָכאַנאַנד געווען אַזוי ווי זי וואָלט נישט געקענט קומען צו זיך, און וואָס דער מאַן איז נישט אַלץ צו איר צוגעשטאַנען, און איר געוואָלט איינריידן:

— זי זאָל אַביסל אַראָפּ פון פינסטערן בוידים, אויף וועלכן זי ליגט, און אַרויסגיין זען אַ וועלט פאַר די אויגן...

איז זי געבליבן טויב, און אים ווי געלאָזט ריידן צו דער וואַנט; געבליבן טויט־פאַרשווינגן, ווי ס׳לשון וואָלט איר געוואָרן אָפּגענומען; צום טויט־אָפּגעלאָזן, משונה־באַוואָקסן, און מיט אַ געל וואַקס פּנים; איר האַרץ האָט נישט מער אָנגעקוואָלן פון יעדן קליינינקן ברעקעלע, און די גרויסע לוסטינקייט ביי איר איז עפּעס צעפאַלן געוואָרן אויף דראָבנע ברעקעלאַך ווי קייקעלאַך קוועק־זילבער, וואָס צעלויפן זיך אין פּיצלאַך, בראָזגעלאַך, און מ׳קען זיי מער נישט כאַפּן, מער נישט צונויפנעמען...

ס׳האָט אים, דעם מאַן, וויינעטאָן פאר איר, און ער האָט עס גוט אויסגעקריינקט; איר אומרו האָט אים אין שטוב נישט גע־לאָזט זיין, און ער איז אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן, וועלכע האָבן זיך שווער באוואויגן מיט די וועגענער, אָבאָזן, וואָס האָבן זיך פון דאַנעט, פון דעם איינגענעם פלאַץ אָנגענומען מיט קוילן, אַמו־ניציע און עסנוואַרג, — און זיך אָוועקגעשלעפּט צו יענעם אָרט, פון וועלכן ער מיט נאָך אַ סך אַנדערע זיינען אַוועק.

די שטאָט דאָ איז געווען זייער נאָנט צו יענעם אָרט; דאָ זיינען געזעסן די שטאַבן, די הויכע גענעראַלן, און ווי געניטע דאָקטוירים אָנגעגאַנגען מיט׳ן חולה; דאָ אָפּגעצויגן און דאָרט פאַרשטאַרקט; געמינערט ביי איינעם און דעם צווייטן דערלייגט; אויף אַזוי פיל נאַטירלאַך, ווי מ׳האָט געהאַט דערפאַר אַ לעבע־דיקן חוש, און דער שכל האָט מחייב געווען, אָדער מ׳האָט באַ־קומען אָנצוגעהערן, און סתם דערשמעקט וואו ס׳איז נישט מיט אַלעמען...

און אים, דעם שטיקל מאַן, וועלכן ס׳איז דאָ אויסגעקומען זיך אַזוי ליידיק אַרומצודרייען אין דער דאָזיקער לויפנדיקער שטאָט, וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם גאַנצן אימפּעט פון דאָרטן, פון יענעם אָרט, און אַליין אויך כמעט ווי איבערגעלעבט אַלע איהרע פיבערן — איז מיט נאָרנישט ניט אָנגעגליט געוואָרן פון דער הויכער טעמפּעראַטור, אין וועלכער זי פלעגט אַמאָל אַריינפאַלן, און נישט אַנדערש אויך געווען, ווי ווען ס׳האָט זיך געמאַכט שטיל, אַזוי שטיל, איבערנאַטירלאַך שוין...

ער האָט אויף אַלעם אַלצאיינס געקוקט, ווי נישט אים מיינט מען, — און אויף זיין פּנים איז די ווייכקייט געוואָרן גע־שטויעט, מיט פאַלדן פאַרצויגן, גראָד ווי אַ פעלץ אויף דער מילך, ווען מ׳נעמט איר אַראָפּ פון אויוון, נאָכ׳ן אָפּקאָכן זיך, און הויבט זיך נאָר־וואָס אָן אָפּצוקילן; ער איז אַליין אויך אַזוי געוואָרן אָפּגעלאָזן, פויל־נאַכלעסיג צו אַלעם, באוואַקסן,

א פינסטערע בריאה, וואָס האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן, און טראָגט זיך ארום, נישט זיין עסק — וואו און ווען: נאָך דער האַלבע נאכט, בייטאָג, און אויף וועלכע וועגן...

ס׳פּנים זיינס איז געווען א מסור, אָבער ס׳האָט אים דאָ נישט געהאט פאר וועמען צו מסר׳ן; ווער איז דאָ זיין געווען, און וועמענס — ער?... די קאַלטע שטיינער פון ברוק, די חשכ׳דיקע מויערן, אָדער די מענטשנ׳ס?... ווער זיינען דאָ די מענטשן געווען?... אן אָנגעלאָף, אן ערב־רב, א צומישונג, פון האַלב ווילדע, ווייט פארוואָרפענע, פעלקער...

און ס׳האָט זיך נאָר קיינמאָל נישט געפונען עמיץ פון די אַלע, וואָס זאָל אים אָפּשטעלן אין מיטן גיין, טיף ארײנקוקן אין די אויגן, און פרעגן:

— מענטשל, ווער ביזטו?... און ווי קומסטו דאָ אהער?... אין ביי דיר ערב שקיעה, אָדער דיין זון האָט זיך שוין געזעגנט, און דיר אונטערגעגאנגען?... און ס׳איז ביי דיר שוין א מדבר, א מדבר שממה, א ברייטע אומגעהויערע ווּיסטעניש...

נאָר ניבער פאר אַלעם געקענט, ווען ער האָט זיך פאר א רגע לענגער אָפּגעשטעלט אויפ׳ן ראָג פון א גאַס, — אים א שטופּטאָן בייז, און פאראכטליך:

— הע, וואָס שטייסטו, א נאַפּ, און קוקסט אויס נאַראָנים אויף די וועגן? ס׳איז קיין אָרט נישט דאָ צו שטיין, פארשטעלן מענטשן דעם וועג, וואָס די ערד ברענט זיי אונטער די פיס!..

ס׳איז עפּעס אַזוי פשיקרע און וואונדערלאך, אז פון וואָס איינער אַנטלויפט, און ער זאָל זיך נישט וועלן אויסבאהאַלטן בחדרי־חדרים, אויסדרייען אויף וועגן און אונטערוועגן, אוועק איבער ימים — וועט עס אים אמאָל, אמאָל אנטקעגן קומען; ער מעג זיי־נישט־ווי זיין זיכער, און ס׳וועט אים מיט טויזנט אויגן נאָכקוקן,

לויערן, און ווען־נישט־ווען צו האנט קומען; פלוצלינג, אומגעריכט, נישט וויסן, ווען און ווי אזוי, און וואס ס'האט אים צו טרעפן, — אים אויפן קאפ אראפפאלן...

און אין דעם אופן באדארף מען אויך פארשטיין די געשיכטע, ווי ס'האט זיך געפירט מיט דעם מאן.

דער מאן פון זיין ווייב איז געווען קליינקעפלדיק, אזוי ווי ס'ארט פאר די געהירן וואלט פון לכתחילה, ביי אים ענג געווען, און זיך נישט געקענט אזוי רירעוודיק־ברייט, בריוח צעוואקסן; דוכט זיך, א מענטש מיט'ן פולן כאראקטער פון גרויסן ארט, און מיט דער אייגענער מורא, וואס ביי א האז — געציטערט פאר יעדן ברעקעלע, וואס האט אויף זיך געטראגן דעם צייכן פון א גרויסע שטאט; שרעקלאך מורא געהאט פאר דעם פרעכן, פארשייטן, וואס קוקט ארויס פון די אויגן ביי פרויען, וועלכע וואקסן זיך בכלל אויס צווישן די שווערע גמאכן, אויסגעפלאסטערטע גאסן, ליי־דיקע בולווארן, און ענגע פאר'חלש'טע שווינדזיכטיקע גערטנער.

ער האט נישט געוואלט נעמען קיין ווייב דארט, און אוועק איר זוכן ערגעץ אין א קליין שטעטעלע, א דערפל זאל זיין, נאר אזוינע וואס זאל זיין ביז אין א געוויסן גראד — סאליד; לעבעדיק, באוועגלאך טאקע און — צוריקגעהאלטן וואי מ'באדארף, מיט א מאס, מיט טאקט, און באשיידן; מער — זיין פרייד, די גוטע זיסע הויז־פרייד, ווי דער גאסנשימער, לאמפנציטער, אויפגעבלא־זענער בליאסק פאר זייטיקע פארבייגייער און א שטיק קנאה — פאר פאריסענע גרויסע אויגן.

און א זעלכע האט ער אויך אין איר געהאט; א קוואל פון ענערגיע, א צאפלדיק קנוילכל, א שטיקל קוועק־זילבער, וואס רוט נישט, שטילט נישט, און איז נישט מער בלויז ווי די הויז־פרייד, זיין נשמה־ליכט און הויכער איידעלער באגער...

ער, דער מאן, וואס האט אזוי געווייכט ס'גרויסע ארט, מורא געהאט אז דער ברייטער פארנעם, דער אימפעט און מיטריים

פון מיליאָנען גרויסע און דראָבנע געשעענישן — זאָלן איר נישט פאַרבלענדן, אויפרייצן, פאַרביליקן, אַז זי זאָל אָנהויבן קוקן ערנסט אויף דער גוזמא פון אויפגעבלאָזענע קלייניקייטן, — האָט מיט אַ זעלטענער צופרידנקייט זיך געזעצט ווערן אַ טרוקענער שרייבער דאָרטן אויפן דאָרף, האַרט הונטער׳ן וואַלד, וואו ער האָט מיט פליים געציילט, גע־רעכנט די קוביקן, געלאָזט אַרויסציען דאָס געהילץ, אַבי זיין שטיקעלע פרייד זאָל נישט ווערן געמינערט, אומגעענדערט, אָפּגעהיט און אפשר אַזויערנאָך באַוואַכט...

ער האָט וויניק, גאָר וויניק זין געהאַט פאַרן דאָרף, וועלכעס איז דאָך נאָר אייגנטלאָך בלויז געווען אַ מין פאַרהיטונג, אַ שטייגל אַזאַ, — וואָס זאָל נישט לאָזן ס׳ווייב אַריינפאַלן אין דער אומבאַגרעניצט־אָפּענער וועלט ; אַליין — אַ גלגול פון אַן אַלט געמיט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום געפיל פאַר אַ לעבעדיקע זאַך ; נישט מיר, נישט דיר — אַ מענטשל, ביי וועלכן ס׳דאַרף האָט גאָר קיינמאָל נישט, אַ חוץ פון ווייב, — אָנגעקוואָלן פון גאָר : נישט פון די פייגעלאָך וואָס האָבן אַזוי שיין געזונגען אויף זיין פענסטער ; נישט געוואָרן מיטגעריסן, שאַל־פראַל, אינאיינעם מיטן אויפקומען פון דער ליכטיקער וועלט, איבער טאָל און באַרג, וואַלד און פעלד און זיך אונטערגעטונקען איבער׳ס קאָפּ און פאַרגעסן געוואָרן פון זיך אַליין אין שטראַלנדיקער זוניקער ליידיגקייט ; אָדער גאָר געוואָרן איינגעשרומפּן, זיך צוזאַמענגענומען, געוואָרן גאָר נישט, ווען ס׳האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן, פאַרגאַנגען, אַז די זון האָט אויפגעהערט וואַרימען, גענומען ווערן קעלטער, און די שוואַלבן נידעריקער גיין צו די וואַרימע וואַסערן ; ער איז געווען אַוועק פון דער וועלט, פון דער וועלט וואָס אין דרויסן אַרום אים, און זיך געהאַט אויסגעמישט אינאיינעם מיט אַלעם וואָס אין די ד׳ אמות פון די שטיקלאַך שטיבלאַך ; די מינעלאַך וואָס האָבן געשפּילט אויף איר פּנים, — זיי זיינען געווען זיין זומער, זיין פרילינג, הערבסט און ווינטער...

אזוי, איז זיך געווען שטיל ביי אים, שטילע מנוחה, טיק־טאק, טיק־טאק, — האט געפלאסן ס׳לעבן ווי דאס אומאויפהערלאכע קלאפן פון שפינדל איז אן אלטן פארצייטיקן וואנט־זייגער; א לעבן, וואס איז געווען אויסגערעכנט ווי ס׳האלץ אויפן קוביק, און באשטימט נאך די שעה׳ן: פאר פרישטיק, מיטאג און אווענט־ברויט; צוגעשניטן לויט אן ענגע מאס, א פארטיקע, — נאכ׳ן מוסטער פון אנדערע, אזעלכע ענלאכע לעבענס, וועלכע מ׳קען, אויב מ׳וויל נאר — אומבייטן, זיך אויסקלייבן אין א זשורנאל אדער אין א פארשריבן בוך אזוי ווי אן עסן, וואס ווערט צונויפגעשטעלט אין א קאך־בוך, אזא אדער אזא...

און אזוי האט זיך אים געלעבט, טאג־אוים, טאג־איין, נישט העלער און נישט טונקעלער, שטורמישער אדער איינגעהאלטענער — הונטער׳ן וואלד דארט, אויפ׳ן דארף וואו ס׳רחבות פון די פעלדער און פון דער וועלט בכלל איז לאין ערך גרוים, — און האט אין איר פלאכקייט, ווער ווייסט, אויב נישט געהאט דערגרייכט דעם טיפסטן, העכסטן שטאפל, ביז, אויב ס׳איז אים באשערט געווען, — דאס קליינע ביסל גאל אויסצוטרינקען; און דער ביטערער וואָרים וואס איז זיך ס׳רוב מתקנא, ווען עמיץ א מענטש לאזט מיט וואס ס׳איז באנוגן — האט זיך פאר דאס מיט אים אפגערעכנט אויף זיין שטייגער, אויסגעגעסן א שטיק, זאפטיק־זים שטיק לעבן, און ארויסגעשטארטשעט די געלע פוילע ציין:

— כי־כי־כי... האסט דיר אייביק שוין אזוי געוואלט האבן?.. אן א געלעכטער, דיר אזוי געוואלט האבן?... כי־כי... כא־כא...

ס׳מענטשל האט באקומען דעם קלאפ איבער׳ן קאפ, אמת: א שווערן קלאפ, — האט ער געברויכט מסוגל זיין אים צו קענען אויסטראגן, זיך דערהויבן איבער אים, אוי נישט צו לאזן, ער זאל זיך אזוי איינפרעסן, און אים פארצערן ס׳לייב ווי א ראק; ער האט על פי שכל באדארפט זיין מער געלייטערט, און קוקן

העכער אויפן לעבן, ווערן געשווינטער, באַוועגלאַכער מיט אַלעם, און דער מח זאָל ניכער אַרבעטן, די אויגן אין קאָפּ נישט שטיין, נעמען אַ יאָר, ביז זיי וועלן זיך איבערדריי'ען פון איין ווינקל אין אַנדערן.

און אַז ער איז נאָכדעם אוועק פון דאָרף, וואו ער האָט גענאָסן דאָס שטילע טריפנדע לעבן, וואָס האָט אַזוי פּאַמעלאַך געטריפט ווי טראָפּנס האָניק פון פּעטע בוימער, — זיך דאָ גאָר קיין עצה נישט געקענט געבן אין דער פאַרשאָלטענער שטאָט, אין וועלכער ער האָט זיך גאָר נישט גענאַרט, אויב ער איז געווען איינגעגלויבט, דאָס די ריכטיקע צרות וועלן זיך דאָ ערשט אַ שיט־טאָן אויף זיין קאָפּ; ער האָט באַשיינפּערלאַך געמוזט צוזען ווי ס'פּאַלט פון איר שטיקער, פון דעם ווייב זיינעם, און געווען אַזוי אומבאַהאָלפן, נישט געקענט איר דערהאַלטן, אַז זי זאָל זיך נישט צעפאַלן, ווערן אַ הויפן ביינער.

— נו?.. און אַז ס'איז געווען אַזוי? — האָט ער גע־טענה'ט — איז דאָך שוין אויך גענוג! וואָס ווילסטו דיר צום איבריקן נאָך נ'טויט מאַכן?... דער רוצח האָט גע'הרג'עט, דער מלאך המות געשאָכטן, נו?..

ער וואָלט שוין געווים געווען באַשטאַנען אויף איר, אַזוי ווי זי איז, אַלץ פאַרליב גענומען באהבא, און זיך אָפּגעווישט די ליפּן, נאָר ווי?... ס'זאָל זיך וויניקסטנס אָפּהאַקן דערביי, און זיך נישט מער פאַרשלעפּן, ווערן אַ קריינק; אַז זי זאָל זיין שטאַרק, און נישט שפּירן די יסורים וואו ס'זיינען אפילו יסורים פאַראַן; און נישט ווי זי האָט געוואָלט — אוועק גאָר צו אַזאַ הויכע מנוחה, וואו ס'זיינען בכלל קיין יסורים נישטאָ, אפילו ווען מ'ליידט גענוג שטאַרק...

ס'ווייב איז צו אים, אַלץ איינס, — ווי גאָר נישט געווען; אוים ווייב, אַ נעכטיקער טאָג, אַ בוידים, — ס'האָט איר מער אַ פּנים קיין חשק נישט אָנגענומען; כאָטש ווי ס'האָט געשיינט, זאָל זי יאָ עפּעס זיין מיט אַלעם, ווייל זי האָט דאָך פאַרט געקענט

אָפּזיצן טעג גאַנצע, כאַטש אַ פּאָר׳חלום׳ט־דערשלאָגענע, פון יענער וועלט דערופענע, און קוקן צום פלאַנט מיט אַזוי פיל פאַרשטענ־דעניש פאַר יעדן ברעקעלע און זשאַרקעלע וואָס ווערט דאָרטן אָפּגעטאָן, פונקט ווי מ׳קוקט זיך צו מיט גרויס געניטקייט צום שאכברעט, איבער וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרמאָסטן צוויי גוטע שפּילער...

און ער האָט גענומען וויינען די שטוב, איינגאַנצן ווי ר׳וואָלט אין איר דאָרט קיין ווייב נישט געהאַט; זיך אַרומגעדרייט אין גאַס, נישט קיין חלוק — וואו, וואו די פּיס האָבן אים נאָר אַרומגעטראָגן, און זיך די הויט פון לייב אַראָפּגענעסן:

— וואָס ר׳האָט דאָן געהאַט צו זיין אַזאַ לעקיש, אַ שמענגרע מיט עסיק, — נישט געזאָלט קענען צעברעכן ס׳עקשנות פון ווייב, אַז זי זאָל באַצייטנס אוועק, ביז ס׳וועט איר נישט האָבן כ׳לעבן געקאָסט...

דער קאָפּ איז אים, דרייענדיק זיך אַזוי, פאַרשטייט זיך, גע־וואָרן גערירט, און ער האָט זיך נישט איינמאָל אַריינגעדרייט צווישן די פערד און וועגן, פון אונטער וועלכע מ׳האָט אים קוים מיט צרות און אַנגסטן אַרויסגעשלעפּט; דער אַנטרייבער האָט געמוזט איינ־ציען מיט אַלע כחות די לייצן פון די פערד, שעלטנדיק מיט טויטע קללות:

— וואו דאָס קריכט... אַזאַ משוגענער קאָפּ... וואו דאָס קריכט...

און אַז ער פלעגט בלייבן שטיין, צוריק בלייבן שטיין אויף זיינע איינענע פיס, — דענסטמאָל ערשט קומען צום שכל, און זיך באַזינען אַ קליינינקייט, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן פאַר אַ גרויסע זאַך...

— אומעטום און אויף יעדן טראָט ווערן מענטשן אַזוירנאָך צעטרעטן — די אַנטרייבער קוקן זיך אפילו נישט אום, ס׳אַרט זיי גאָר נישט; און ביי אים האָט ער זיך דאָס אַזוי צערים דעם

לעטניק, דער אנטרייבער, געמאַכט אַזעלכע גוואַלטן און אַזוי גע־שריגן : „מ׳זאָל אים אַרויסנעמען פון אונטער די רעדער“... אַזוי געשאָלטן אין טאַטן אַריין... כי־כי... איז דאָס אים נישט אויף צו להכעים ?...

איינמאָל אין אָוונט, ער איז געקומען אַ היים נאָך אַ גאַנצן טאָג אומוואַלגערן זיך אין דער טומלדיק־צעגראָבענער שטאָט, וואָס האָט גראָד עפּעס מער געפּיבערט, מער זיך געהויבן, געבורטשעט, און נישט איינמאָל פון זיך געמאַכט אַ בייגל, זיך איינגעדרייט אין דרייען; און אין דעם אָוונט געקומען אַהיים, וואו ס׳האָט, לויט זיין באַגריף — באַדאַרפט זיין אַ קאַפּיטשקע שטילער, און געפונען די שטוב, אַזוי ווי זי וואָלט געזעסן אויף אַ הייסן זודיקן קעסל ; אריינשטעקנדיק די נאָז האָט ער זיך אפילו, וואָס דוואָרעט, גלייך געוואָלט צוריקכאַפּן, פּונקט ווי איינער וואָס מאַכט־אויף די טיר על פּי טעות צו אַ פרעמדע שטוב, נאָר — זעענדיק דאָס באַקאַנטע פּנים פון זיין אָפּגעפרעמדט ווייב, איז ער שוין אַזוי, לאָז מיך־געמאַך — אינגאַנצן אַריינגעגאַנגען און מיט אַלעם אין איר געבליבן.

אין דרויסן איז דער פּלאַנט ממש געפלויגן אין דער לופטן ; ס׳האָט אים נישט אַנדערש ווי אַ משוגעת געהאַט אַנגעכאַפּט, אַ ווילד משוגעת ; דער דאָזיקער פּלאַנט וואָס איז געווען דער הויפּט־שפּייכלער פון קוילן, אַנטוביץ און עסנוואַרג, און פון וואַנען ס׳האָבן נישט אויפגעהערט ציען די לאַנגע אומצאָליקע, שווער קריכינגע און לייכט פליענדיקע אָבאָזן, צום אויסגעשפּרייטן פראָנט, און מיט די אַלע גוטע זיבן זאַכן אים ברייט גענערט פאַר אַ לאַנגע צייט ; אויף דעם פּלאַנט איז איצט אָנגעפאַלן אַזאַ צומישונג, פּונקט ווי ער וואָלט פאַר דעם אייגענעם פראָנט, פאַר וועלכן ער איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן, און אים געטריי געדינט מיט לייב און לעבן — מיט איינמאָל אינגאַנצן איבריק געוואָרן, אָדער איבער אַ נאַכט שוין מער גאָר קיין פראָנט נישט געהאַט...

מ׳האָט געריסן פון די ראַמפּעס, פון די סקלאַדעס, מאַגאַזינען, אויפגעלאָדן וואָס מ׳האָט נאָר געקענט, נישט קוקנדיק, אויב מ׳וועט האָבן עפּעס אַ נוצן דערפון — אין די לאַנגע אויסגעשטרעקטע באַנען, וועלכע זיינען געוואָרן אונטערגעשטעלט און האָבן גע־שריגן, געליאַרמט ווי די קליינע קינדערלאַך, ווען זיי דערשפּירן עפּעס אַן אומגליק, און געוויינט פּשוט:

— זיי ווילן דאָ מער קיין רגע נישט שטיין; און נאָר אַנט־לויפן...

פאַר אַ רגע האָט ער זיך, מ׳קען נישט זאָגן — גוט געפילט. און אויסגעזען צו זיין שטאַרק דערהויבן, וואָס ס׳האָט זיך אַלץ אַזוי מיט איינמאָל אויפגעטרייסלט; שוין לאַנג, צו לאַנג געווען שטיל, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי ס׳זאָל זיך שוין געוועזן האָבן אַזוי איינגעשטעלט אַ לעבן אַזאַ, אונטער דער בלייענער שווערקייט פון קוילן, בייטשן און קלעפּ, — און אין דער געהויבנקייט אַזוי אַרומ־געגאַנגען, זיך אויסגע׳טענה׳ט, ס׳ווייב זאָל אויך אפשר עפּעס דערגיין.

— ס׳האָט זיך דאָך אָפּגעריסן, און ס׳איז געקומען אַ צעמי־שונג אויף זיי; אַן אימה ופּחד, אַ וויסט קדחות...

אָבער אַזוי ווי ס׳ווייב איז אַלץ איינס ווי פריער ווי ווען ס׳איז געווען שטיל — געזעסן, אַ שטיק תם, אַ טויבער חוש און נישט געהאַט קיין שום ברעקל געפיל פאַר גאָר; און ס׳האָט איר נישט גערעגט, פאַרשאַרפט נ׳שכל, שפּיציק געמאַכט די אָנגעצווי־גענע הויט איבער די האַרטע אַרויסשטאַרצענדע קינבאַקן — אַזוי איז ער אַרומגעגאַנגען אין דער שטוב, אַלץ איינס ווי ער וואָלט געווען אַליין אין איר, לחלוטין נישט מיט קיי.עם; שפּירנדיק זיך מיד, אויסערגעוויינטלאַך מיד, אַזוי ווי נאָכ׳ן אויסגיין פון טויזנטער מיילן וועגס, האָט ער זיך מיט שכל אויסגעטאָן און אַריינגעלייגט אין בעט; אפילו נישט באַלד איינגעשלאָפן, אָבער די אויגן האָבן זיך פונדעסטוועגן פאַרמאַכט, און צווישן דעם דאָזיקן מין שלאָפן און אויפזיין — האָט נאָך אַלץ פאַרנומען דעם

אויבנאָן ביי אים די פירכטלאכע מהומה, די אויפטרייסלונג, און גע־האַט דאָס געפיל, אַזוי ווי ער וואָלט ערגעץ געזעסן. אין אַ פאַרמאַכט קליין חדר׳ל, דלת על דלות, — פון אַ שיפל, וואָס האָט זיך אַזוי געהוידעט אויף און אָפּ אויף די גאָר הויכע כוואַליעס פון צעשפילטן ים, און זיך מיט אים דאָס אויפן קאָפּ געשטעלט... ס׳האָבן אים געריסן שטיקער פון קאָפּ די בלינדע קולות פון פלאַנט, און ער האָט עפּעס אַזוי ווי יאָ געדענקט און נישט געדענקט אין אים, און ניכער פאַר אַלעם, — געמיינט:

— דאָס צענדליקער און הונדערטער מענטשן מוזן דאָ האָבן צו טאָן מיט אַ ווילד שטאַרקן בופל־אָקס, פאַרן זיך דאָס אַזוי מיט אים און קענען אים נישט בייקומען...

שפּעט, קעגן טאָג, איז ער איינגעשלאָפן; אוועקגעפאַלן, — אַזוי ווי מ׳וואָלט אים, ריכטיג, דער׳הרג׳עט; געשלאָפן טעמפּ, אָן שום זיסן אָדער ביטערן געפיהל, אָן ברעקל חלום, גאָר נישט אַנדערש ווי ער זאָל זיין טויט, מיט אַלעם טויט, — און אַ פאַר־שטיקט ברומען פון אַלטע דערבייזערטע הויביצער, ווי די פאַרלוי־רענע ווייטע בילן פון הינט אויף אַ דאָרף. — האָט אים אויפגעוועקט, און, אויפסנייי נישט געדענקט גאָר אין דער שטאָט, אַז זי האַלט זיך אין איבערקערן, און אין דער גרויסער סכנה וואָס ס׳שטייט איר דערביי פאַר, זי זאָל אָן שום איינזען — באָמבאַרדירט ווערן... ער האָט דאָ ערשט צו זיין גרויס וואונדער מיט אַ מאָל דערפיהלט ס׳ווייב, זיין ווייב, וועלכע איז פאַר אַלע מאָל געווען אַזוי ווייט, אָפּגעפרעמדט — ווי זי ליגט נאָנט פון אים; גאָר נאָנט, באַרירנד, און ער איז שוין, איבער אַ רגע, געווען אַזוי וואַכנדיק, און אַזוי קלאָר ביי די געדאַנקען, ווי ער וואָלט גאָר נישט ניט אויפ־געקומען פון שלאָף פון פאַר אַ רגע, נאָר אויפגעוועזן פאַר אַ לאַנגע צייט; דער מח האָט געאַרבעט רעגלמעסיק ווי אַ שרויף, און ער האָט דורכאויס געוואָלט וויסן:

— צו זי האָט זיך נישט בכיון דערנענטערט צו אים, מורא־האָבנדיק אין דער מהומה פאַר עפּעס עהנלאַכעס וואָס זי האָט שוין

איינמאָל אדורכגעמאכט, ווען ס'האָט זיך אַלץ אזוי אויפגעטרייסלט, אָדער : ס'איז גלאַט אזוי, א צופאַל...

ס'איז אים געוואָרן ווארים אין אַלע גלידער ; דער קאָפּ — פאַרטרונקען פון פרישע, קלאָרע שטראָמען, אזוי ווי זיי קומען־אָן לויטער און קלאָר באַגינען, אין קוואַל ; זיינע הענט האָבן זיך אויסגעבויגן ווי די בייטשן, די פיס אויסגעקרימט ווי ביי א הירש ; א פרי שער שפּאַגל־נייער כח האָט אים אדורכגענומען, יענער כח וואָס נעמט א־דורך די ערד פריהלינגס צייט, ווען ס'הויבט אָן צו יערן אין איר ; ס'האָט זיך פון דער טיפעניש אָפּגעריסן א פאַרלאַנג ביי אים, א שטומער ווייטאָק, וואָס האָט נישט קיין לשון, קיין אויסדרוק און קיין שום גלייכן — ביי א חיה ; א ווילן — א טיפער, א דור־שטיקער...

און דאָס ווייב, וועלכע איז נאָך אַלץ אזוי געלעגן ווי א שטיק האָלץ, אָן אונטערגעזעגטער בוים, און נישט גערירט מיט קיין אבר, נישט באַוועגט מיט קיין ברעם פון אָן אויג, — האָט זיך מיט איינמאָל געגעבן א וואַרף ארויס, אויסגעקרימט די דאַרע פינגער מיט די אָנגעוואָקסענע נעגל ; די שוואַרצאַפּלען — צעצויגן ווי די שמאָלע שפּעלטעלאַך ביי א קאַץ ; און איינגאַנצן זיך א קאַפּוירגעבויגן, ויי נעוואַלט ארויסקריכן פון איר מאָגערן, ביי־נערדיקן קערפּער, פּונקט ווי זי וואָלט ערשט ריכטיק באַקומען אָן אַנונג וואָס מ'האָט צו איר געטאָן, ווען ס'האָט אזוי ווי איצט אויס־געזען : קורצע, גראָב־בייכיקע הויביצער האָבן געבילט, האָו... האָו... און געמיינט אודאי, ס'ברויכט זיך איבערחזר'ן... די אייגענע גרויל־קייט... אזוי האָט זי גענומען ארומשפּרינגען, קריכן אויף די גלייכע ווענט און זיך דראַפּען; געוואָרן אזוי אויפגעטרייסלט, פּונקט ווי דאָס שטילע משוגעת וואָס איז אין איר געוועזן ערגעץ פאַרוקט, — וואָלט ארויסגעריסן זיך העליש ווי א פייער, פון די טיפסטע ווינקע־לאַך, און איר ארומגעכאַפּט, בראַנדיק אָנגעצונדן, אזוי אַז מ'קען זיך שוין פריער נישט אָפּלעשן, ביז מ'ווערט פאַרבערענט אויף א שטיק קויל...

ער איז אַוועק פון שטוב. אַרויס, קודם, זיך אָפּקילן, צו זיך קומען א ביסל אויף דער לופט. איז ער צוביסלאַך אַזוי געשטאַנען, און ס'האַרץ ביי אים האָט צוביסלאַך אַזוי גענומען אָפּפאַלן, אַזוי ווי ס'צעפאַלט זיך נאָכ'ן איבערברעכן אויף שטיקלאַך א גאַנץ געהייז, א שווערער גמאַך, און ס'בלייבט נישט מער פון איר ווי א פאַרלאָשענע קופּע ערד, א באַרג שטיינער, א הויפן גראָז... שאָבער...

ס'איז דענסטמאָל געווען קרוב צו טאָג. אויפן הימל האָבן זיך געשלעפּט וואָלקן, קריכנדיקע, שווער, שלעפּענדיק־פויל, אַזוי ווי מיט א שווערע עלטער אויף זיך און נאָך א שווערן וועג פאַר זיך; ס'האָט דין געטריפט פון זיי, געשפּרייעט, געמאַכט אַלץ גראָלאַך אויסזען, פייכט שפּירן, און זיין בלאָטיק־פאַרשפּריצט, בלאָטיק־צונגע'חזר'ט...

פון די אַרומיקע הויפן, מאַרקן, פּלעצער, האָבן נישט אויפגעהערט צו רירן די איינגעזועסענע וועגן. די אָבאָזן: קיכן, פּאַלאַטקעס, געצעלטן — זיי האָבן זיך ווי דורך א כשוף אַזוי געשיקט צוזאַמענגעלייגט, איינגעפּאַלן ווי געפלאַצטע באַלאָנען, און אויף איין וואָגן הינטער'ן אַנדערן זיינען זיי אַרויס פון שטאָט, אין לאַנג אויסגע'סדר'טע שנורן, ווי א שמאָלער פּאַס זיך אַראָפּגעוויקלט פון א ראָד, און געלאָזן הינטער זיך רויע צעפּאַרעטע שטיינער פון האַריקע מיסט און וואַרימע פערדסליינע. דאָס נאָנטע און גאַנץ אָפּטע בילן פון די הייזעריקע הויביצער האָט אויף זיי אָנגעטריבן א מורא, גראַד ווי זיי וואָלטן געשפּירט לאַנגע אויסגעצויגענע בייטשן פּאָכן איבער די קעפּ; און וואָס מער זיי האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען, נאָך גיכער זיך פּאַרדרייט, זיך פּאַרהאַקט...

די גאַסן זיינען געווען אָפּגעשטאָרבן, טויט; די רייבע, אויסגעשטאַטע פענסטער פון די לוקסוס־האַנדלען — באַהאַלטן אונטער רויע ווייסע ברעטער, מיט וועלכע זיי זיינען געוואָרן פּאַרקלאַפּט; קיין מענטשן האָט מען נישט געזען אויף די טאָג־שיין; ס'איז געווען א ריין מיליטערישע באַוועגונג, ס'האָט געשטראָמט מיט

מיליטער פון פאַרשידענע שאַטירונגען, אין דער גאַנצער ברייט און פאַרנעם פון שטאָט. עס איז געגאַנגען, זיך געשאָטן, שיטער, געדיכטער, דאַ איילנדיק ווי נאָכגיביכער אנטקומען צו ווערן און דאָ איינגעהאַלטן — אַזוי ווי מיט דער כונה, כאָטש אָפּגעשניטן צו ווערן פון ערגעץ אַזוי ווי מ׳גייט און שטייט מיט אַלעמען, און אינגאַנצן שוין מער נישט קענען אַרויס... און איינער איז זיך געגאַנגען, ווי נישט אים מיינט מען, — דאָס מענטשל, אַ ציווילער מענטשל, זיך מיטגעשלעפּט פאַרזאָרגט מיט די איילנדיקע און באַרוט מיט די איינגעהאַלטענע, וואָס איז אַלץ פון שטאָט נישט אַרויס; און בעת אַלע אַנדערע האָבן זיך דערווייטערט, אַוועקגעקומען, — האָט ער זיך אַלץ אינאיינעם געדרייט אין דעם פאַרכשופ׳טן דריידל, ווייל ר׳האָט פשוט געמיינט, ס׳וועט פּילייכט אַזויערנאָך אויף אים ניכער קומען אַ טויט; קומען אומגעריכט, פון זיך אַליין, ער זאָל נישט ברויכן צו טאָן קיין האַנט, — פון הימל, פון אונטער דער ערד, אַ גרויסע זאַך מ׳זאָל באַווייזן אויסצעציען די פּוס אין דעם אָפּגאַנג?... אַ שטיק שראַפּנעל, גלאַט אַ באָמבע זאָל אויפרייסן, אַ דין אײדל פלינק קיילכל, אָדער ס׳גרינגסטע גאָר — מיט אַ שטאָרץ פון אַ דישעל, וואָס זאָל אַרויסזעצן ס׳האַרץ, און מ׳זאָל מאַכן אַ קאָזשעליק, פאַרשפּאָרן מער זיך אויפצוהויבן פון דר׳ערד.... ס׳וועט זיך אַ סך אָנזען מיט אַ מענטשל מער אָדער ווייניקער...

שפּעטער, אַז די געדיכטקייט האָט זיך אויסגענומען, ס׳איז געוואָרן מער ליידיק, מער פּוסט, איז ער געגאַנגען אין אַ גאַס, אויף וועלכע ס׳איז ווידער געווען אַזוי שטיל; זיך דערשלאָגן אין אַ ווינקעלע, וואָס האָט אַזוי צו זאָגן, — גערוט, און די ליבע שטילקייט האָט אים ממש דערקוויקט; ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוגעשפּאַרט מיט די פּלייצעס אין אַ סלופּ פון אַ לאַמטערן, און זיך אַזוי געשטאַנען במנוחה, אָפּגעצויגן אַ ביסל נ׳אָטעם.

— אַ טייערע זאַך, ס׳איז שטיל.. וואָס וואָלט געשאַט, ס׳זאָל שוין מיט אַלעם זיין אַזוי שטיל?...

און גלייך האָבן א פּאָר הענט, וואָס האָבן באַדאַרפט זיין אזוי שטאַרק אין האַרט אויסגעאַרבעט ווי א ברעט, אים צונעקלעמט ביים קאַרק און שיעור נישט די קרעננגעס צעבראָכן.

— וואָס טוסטו דאָ, הונט איינער, ביי א פּאַרק אַמוניציע ?

— האָט זיך יענער געריסן דעם גאָרגל.

און שוין איז ער געפלוינן ווי א שפּענדל; נאָכדעם ווי ער האָט זיך געהאַט אַרויסגעקליבן פון דעם אָנגעוועיעטן קאַשמאַר, דערפיהלט די געזונטע באַכעס וואָס יענער האָט אין אים אריינ־געלייגט — אזוי האָט ער גייענדיק זיך באַטראַכט, ווי אויף צו להכעיס אים גייט :

— ווארים ס'האָט א סך געפעלט, יענער זאָל אים אריינינאָגן א היים קניידל ?... און ער זאָל נישט בלויז אָפּקומען מיט עטלאַכע זעץ. א שמעק טאַבאַק דאָרט !... וואָלט אַן אַנדערער, וואָס חלש'ט אזוי פאַר'ן פּיצל לעבן — אויף אזוי גלאַטיק אָפּגעשניטן ?...

ס'האָט זיך דערווייל געמאַכט נאַכט, און דער הימל איז געוואָרן רויט, קופּער־רויט, זיך גענומען גיסן ווי צעשמאָלצענער בראָנז; וואָלקנס זיינען אָנגעקומען, צעברענטע, מיט גראָע, אַש־גראָע גרזשיוועס, ווי זיי וואָלטן זיך דאָרטן קוים מיט צרות אַרויסגע־ראַטעוועט פון דער שריפה; זיך אַרויסגעכאַפּט איינציקע, און אין געדיכטע קופּעס, סטאַדעס נאַנצע קי, לעמער, וואָס מ'וואָלט גע־טריבן מיט רציחה, נישט אוועקרייסנדיק פריער ביז זיי האָבן נישט דערפיהלט די בראַנדוואונדן פון פייער...

ער איז דאָ פּאַר א ווייַלע שטיין געבליבן אויף א מאַרק, — א טויטער מאַרק, נישט מער די אַלע טישלאַך, ביידלאַך, פאַר־שידענע סטאַציעס, פּונקטן, לאַזאַרעטן; און די טויטע שטילקייט האָט דערמאָנט אין א יריד אויף א בית עולם, וואו מ'איז געווען אזוי שטאַרק פאַרטאָן אַרום א בר־מנן, און אזוי גיך ווי מ'האָט אים זיין רעכטס געטאָן, האָט אים איטלאַכער נאָכגיכער פאַרלאָזן. און ס'איז צוריק געבליבן אזוי שטיל אויף אים ווי אָן אים.

דאָס הייזעריקע בילן פון די הויביצער האָט זיך פּלוצלינג

גענומען אָפּרופן נאָנט, אזוי ווי פון הינטער זיין רוקן; און א בלינדע גבורה, א שטומפּע אומזעבארע, אזוי ווי פון א סטאַדע געטריבענע אָקסן, — האָט זיך גענומען שפּאַרן, ארײַנשפּאַרן בלינד, אָן וועגן און שטעגן, איבער אַלעם און גאָר נישט; דאָס א מאַליקע גיין און שפּאַרן זיך, וואָס ס'איז אים שוין גאָר נישט פּרעמד געווען, נישט קוקנדיק — אויב מ'ברויכט הייזער אוועקשטופּן, גאַסן גאַנצע — ס'זאָל קיין מניעה נישט זיין, און דאָס גיין ביי וועמען ווערן אָפּגעהאַלטן... אזוי האָבן די אויגן זיך אים אָנגעצונדן, גענומען בליצן העל שטראַלן, און א שטראַליקער געלאָפּן א היים, אזוי ווי גאָר נישט מער געווען געקריינקט — איר אָנזאָגן די גוטע בשורה:

— אז ס'האָט זיך ענדלאָך דאָרט איבערגעבראָכן; און אויף יענעם אָרט טאַקע, וואו זי איז צעטראָטן געוואָרן...

ער איז ארייננעקומען אין שטוב, — האָט אים אָפּגעקילט די פינסטערע שטילקייט; ס'איז געווען אזוי שטיל, אזוי ווי דער פּלאַנט אפילו וואָלט שוין אינדרויסן מער גאָר נישט ניט געווען, אוועקגעכאַפּט געוואָרן, נאָר א ליידיק טיף ברייט פעלד; און אז די רויטע הימלען האָבן אָפּגעלויכטן די שטוב, — האָט ער געזען ליגן ס'ווייב, אזוי־איינגן ווי א מאָל דאָרטן אויפן דאָרף, — צעקנייטשט, צעקנאָדערט און צענויפגעדרייט, און צוויי טרערן האָבן זיך גענומען שפּאַרן ביי אים פון די אויגן, זיך ארויסגעקייקלט, און געלאָזן אזעלכע צוויי זילבערנע שלאַדן אויף די באַקן, ווי א זומערפייגעלע לאָזט איבער נאָך זיך אויף א גרין בלעטל...

א שווערע נאַכט

שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, ברענט ס'לעמפּל העל אַרויפגעדרייט. די שאַרפע ליכטיגקייט בלענדט העל איבער אַלעם, וואָס ס'איז צע־שטעלט אין די ווינקלען, ביי די ווענט, אין מיטן שטוב, מיט וואָס זי איז נאָר אויסגעפּוצט און צוגעקליבן...

ווינציק איז ס'מעבל, אַלט־אידישלאַך, אָפּ־בלאַקירט און פאַר־עלטערט; אַ יאַשינאָווער אַלמער, אַ ספרים־שיינקל מיט פאַר־גלאָזטע שויבן, אַ קליין טישל מיט קינדערשע צאַצקעס און אַ פּאַר הויכע מצבה־בעטן, גראָבע בולט'ע קריצונגען, און אויף גראָבע געטאָקטע פּיסלאַך, שטאַרק שוין אָפּגעניצט, אָפּגעריבן די פּאָליטור, כאַט, — און אָנגעוואָרפען מיט בלאַנקע, שניי ווייסע איבערבעטן, וועלכע בלאַנקען זיך אַזוי הויך און לופטיק פון פריש־איינגעשיטן פּוך, ווי די באַלאָנען.

פיינעלע ליגט אין בעט, ס'אויסגעוויינטע כלה־מיידל, אויס־געכאָוועטע — אויף טרערן, אָפּגעשפּראָכענעם בוימל, און אָפּ־געריבענע מטבעות; זי זעט זיך קוים אַרויס, כמעט פאַרפאַלן ס'איז דער מאָגערער צאַרטער מיידלשער קערפּער אונטערן באַרג בעט־געוואָנטן, נאָר וואָס דער קאָפּ־האָר בלויז שווימט איר אַרום אויף די קישנס, פאַרשפּרייט ווי אַן אָפּגעשטאַנענע שוים; ס'פּנים'ל איר'ס איז בלייך, די בעקלאַך — אָנגעצויגן, אָפּגעצערט, גראָד אַזוי ווי זי וואָלט ערשט געהאַט איבערגעקומען עפּעס אַ שווערע כריינק, און ציילט שוין די טעג ווען ס'וועט איר אינגאַנצן בעסער ווערן, אַז זי זאָל שוין קענען אויפשטיין און זיך מיט אַלעם אַרויס־קלייבן פון בעט; זי ציט לייכט נ'אָטעם און האַלט דערביי פעסט צוגעמאַכט די אויגן, פּונקט אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס מורא געהאַט אַרויסצעווייזן פאַר ווּעמען, אַז זי שלאָפט נישט, און פון ליגן ווידער, אויפזיין, קרימט זיך נאָכמער איר פּנים'ל אַזוי

קינדיש־פארשמאכט, נישט ווייניקער באַלד ווי פון דער זאָרג, וואָס טסט איר לייב, און פארצערט איר.

— מאָרגן איז איר חופּה־טאָג ; גייט זי, ריכטיקער, ברויך זי גיין אונטער דער חופּה, און דאָ געשיט גאָר קיין נס נישט, קיין צופאַל מיט איר, ס'זאָל ווערן אָפּגעהאַלטן, נאָר אַלץ ארום גייט דערצו, פירט אונטער, קלייבט זיך אויף, פונקט ווי אַ רייע ביענטשן דערגיין ענגער, געקייטלטער און נענטער צום שפּיץ פון אַ בארג, — דעם שפּיצבארג פון איר לעבן און פארגיין...

פריער, ביז ס'האָט נישט געהאַלטן דערביי, האָט זי נאָך ווי־ ס'איז נישט אַ שמייכל געטאָן, אַ שטיינער ווי ביי איינעם, וואָס קומט אין פּנים אריין דער ערשטער אָנבליק פון אַ קריינק, וואָס נעמט זיך איינעמן ערגעץ פארבאָרגנערהייט אין לייב ; און נאָכ־ דעם, ווען מ'האָט שוין, נישט אויף קיין געלעכטער, אָפּגעשמועסט זמן חתונה — אַזוי האָט זי שוין גענומען קוקן אין הימל אריין, הילפלאָז, צעטראָגן, ווי אַ פארלאָרענע, וואָס האָט שוין יעדן בטחון צו מענטשן פארלוירן, זיי אויפגעהערט גלויבן, און נאָר רק גע־ בעטן :

— באַוויַיז, הימל, אַ נס, מאַך עפּעס אַזעלכעס ווי דו קענסט : אַן ערד־ציטערניש, למשל, אַ צעטרייסלונג... ס'זאָל אין דער צייט גאָר קיין טאָג נישט ווערן, איינגאַנצן ארויסגענומען ווערן פון סדר העולם, נאָר פארבלייבן, נאָכדעם ווי ס'ברויך ווערן ליכטיק, נעמען שאַריען אויף טאָג — ווייטער נאַכט, נאָכאַנאַנד פינסטער, נישט מער —קיין טאָג, זי זאָל דארפן גיין מיט אים צו דער חופּה...

אַצינד איז זי דאָס דאָ, די פינסטערע נאַכט, וועלכע ליגט איבער אַלעם, און נאָך איר ברויך קומען דער טאָג, דער לעצטער — וואָס וואָלט אייגנטלאַך נישט באַדאַרפט קומען ; נאָר די אייגענע נאַכט זאָל זיך פארציען, כאָטש נאָך אויף אַ מעת־לעת, פירנצוואַנציג שעה איינגאַנצן, און ס'וועלטל אָנהאַלטן אין דעם אייגענעם חושך ; פאַר דער גאַנצער צייט איז איר בקשה נישט מקוים געוואָרן, און ס'איז קיין נס נישט געשען ; צוביסלאַך איז זי דערגאַנגען צום

טאָג, ווען־ער איז אַזוי אַלע מאָל פּינקטליך געקומען, צו דער מינוט, צו דער רגע, אויף דער האָר, געבוירן און פאַרלוירן געוואָרן; האָט זיך די וועלט דאָ איינגעהילט אין פינסטערניש, דאָ אין תכלת; דאָ אָנגענומען אַ שטראַלנדיק געזיכט, דאָ — אַ רחמנות'דיק פאַרוויינט אויסזען... און אויף איר פנים האָט זיך די זאָרג צע־לייגט, עס גרין געמאַכט, און קיינער נישט פון הויז, אַזוי גוט דער טאַטע, די מאַמע, האָבן געקענט וויסן וואָס ביי זייער קינד איז נולד געוואָרן...

— טאָכטערשי, וואָס האַלטסטו אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד?...

— טאָכטערשי, זאָג: וואָס ס'גריבלט דיך?...

אָבער זי האָט זעלטן עפּעס געזאָגט; נישט געקענט פּועל'ן ביי זיך אַראָפּצורײדן פון האַרץ; ס'רוב פאַרשוויגן, אַזוי ביזן לעצטן טאָג; געוועזן אַ שטילע, אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט, און קוים האָט זי זיך יאָ אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, עפּעס באַטראַכטן. עפּעס אַרומקוקן, — אַזוי האָבן זיך די אויגן — גענומען פייכטן, און זי איז גלייך פאַרזונקען אין אַ טיפן אומעט, ווי אַ שטילע, גע־פּרואווטע, שווער־געפּייניקטע, צום טויט פאַרמוטשעטע אידישע טאָכטער, וואָס קען נאָר ריידן פון איר אומגליק מיט די אויגן...

אַ גראָבע פּעטע מומע, מיט אַ פאַרשווימען שמאַלץ־פּנים, צוליב וואָס די איינגלאָך האָבן זיך קלענער אַרויסגעוויזן ווי מ'ברויך, — איז זיך זייער גראָב מיט איר באַגאַנגען; אַלע רגע אויפגע־וועקט ס'אָרימע מיידל, נישט געלאָזט איר אָפּאָטעמען, זיין אַ רגע מיט זיך אַליין, אַז זי האָט זיך געמוזט רויט־אָנצינדן פון חרפּה און בושה, פייגעלע...

— זע נאָר, די יחסנ'טע; מיינט טאַקע — די ערשטע קודם אַ חתונה! שטייט — אַ גולם־נאַר, און שפּירט נישט די פליגן וואָס שטעלן זיך איר אויף דער נאָז...

איר מאַרק־מויל האָט פאַרטשעפּעט ס'מיידל, ווען אירע פאַר־פּעטשע הענט האָבן רואיק און נאָכאַנאַנד אָפּגעמאַכט די געשאַכ־

טענע גענז אויף דער באנק; אינטערגעפאטשט די געפאשעטע ביילעקס, און פארמרוזשעט די איינגלאך ביים טאפן ס׳פעטס פון גרויס מתיקות, — און שוין תחלת נאכט איר גענומען טרייבן:

— גיי, לייג דיך שלאפן, פייגעלע; א כלה־מיידל ברויך זיין אייסגערוט... אויסגערוט...

אין איר קול האט דאן, גראד דאן — געשטעקט לויטער אייטלקייט, ממש — זייד, וואס ס׳איז גאר נישט געווען זיך צו ריכטן ביי איר, האט פייגעלע פונדעסטוועגן עס נישט געקענט סובל זיין, ווי די זיסקייט אירע וואלט איר געאיבלט צום ברעכן, און ס׳איז נישט אנדערש אויסגעקומען ווי ביי א שטיל, גוט־געהארכזאם קינד — ווען זי איז אהערצו אריין, אין שטוב; נישט אפילו באלד געגאנגען שלאפן, און מיט איר ווילן, נאר זיך ערשט אוועקגעזעצט ביים פענסטער, געכאפט פון ליכטיקן דרויסן, וואו די זון איז מרה־שחורה׳דיק פארגאנגען אין רויטן, אנגעטאן די וועלט א מאסקע פון א טויטן, און ס׳הערצעלע האט זיך איר א צאפלגעטאן:

— נישט: ווי איר מרה־שחורה?... איינמאל כאטש זיך נעטראפן גלייך, זי מיט דער זון; די זון וויל נישט אונטערגיין, און איר איז אויך אזוי א שאד אונטערצוגיין...

די באבע, זיצנדיק ביים אויוון, און ערשט איצט איבערגע־חלום׳ט אויפן וואר פון אירע טעג און יארן, ווי ס׳זיינען מקוים געווארן די ברכות, וואס מ׳האט איר ביי הופה־פירן צוגעוואונשן: „זי זאל עס ביי אירע אייניקלאך דערלעבן...“ האט זיך באלד א הויבגעטאן פון איר איינגעזעסן ארט, און ווי פאר עפעס פארכ־טיקעס, הייליק־ציטערנדיקעס, — איר גענומען הכנעה׳דיק וועקן:

— צייט צו גיין שלאפן, אוצר...

האט זי זיך געכאפט: „אפשר טאקע צייט“, און ארופגע־ווארפן ס׳בלוזקעלע, גענומען שנירעווען א שוך, קנעפלען, אויפ־בינדן בענדלאך, אויף וואס אלץ ס׳אנטוכץ האט זיך ביי איר גע־

האַלטן, און אירע הענט האָבן דאָ באַלד גענומען אָפּפאַלן, ס׳טאָן — זיך לעשן, ביז זי איז ווידער א מאָל אינגאַנצן און מיט אַ־עמען אָפּגעשטאַנען.

— די זון, די זון, יענע וויל נישט אונטערגיין, און זי וויל נישט אונטערגיין...

האָט זיך ביי דער באָבע א שמייכעלע איבערגעכאַפּט, איבער די צעקנייטשטע איינגעשרומפּענע פּאַלדן, און פרעפלדיק שטיל, אָן ציין, ווי געאַנט פון איר חתונה־נאַכט: „נאַרישע מיידלאַך...“ זיך אליין גענומען איר אויסטאָן, ציביסלאַך ס׳אָנטוכץ אַראָפּגעצויגן, און אריינגעלייגט אין בעט א נאַקעטע. צורווינגנדיק איר:

— גיי שלאָפן, פייגעלע, שוין דיין תענית הויבט זיך באַלד אָן, כאור הבוקר, און כח ברויכן דיינע ביינדעלאַך האָבן...

און פייגעלע האָט ווי א קינד זיך געלאָזט איינדרעקן, איינטוליען צווישן די קישנס גראָד אזוי ווי ס׳וואָלט אין דרויסן גאָר א געזונטער פראָסט געהאַט איינגעפרוירן די ערד, אָדער אזוי ווי זי וואָלט ריכטיק געווען נאָך א קריינק, און נאָך אליין קיין ניט געהאַט מיט זיך אליין אומצוגיין; די באָבעשי ווידער, האָט זיך פרום די הענט געוואַשן, אוועקגעזעצט אַנטקעגן איבער אויפן אנדערן בעט, בשכנות, — זיי געווישט, געווישט, און פאַרציענדיק די ברעמען ווי אַן אלטע טויב איבער די אויגן, שטיל און גאָטפאָרכטיק פרום געבעטן:

— זע, באַשעפער, דער וואָרצל איז נאָך גענוג יונג און פריש, — גיב אים ס׳ביסעלע זאַפט, וואָס אים קומט; ס׳ביסעלע חיות; גיב בורא, טוי, פאַרן יונגן קעפּל...

האָט פייגעלען פאַרקלעמט ביים הערצעלע, אין מיט איינמאָל אזוי פיל רחמנות באַקומען אויף דער גוטער באָבינקע, אז זי האָט, ווען זי וואָלט נאָר געקענט — אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, איר ארומגעכאַפּט, און אויסגעקושט איטלאַכעס ביינדעלע באַזונדער:

— באָבעשי, באָבעשי, וועט דער זאַפט מיינע וואָרצלען פּע־טער מאַכן ?.. און דער טוי מיין קאָפּ אויפפרישן ?...

ס'האָט געקענט זיין שפּעט, און גוט שפּעט, — און אין דער אַנ־דער שטוב איז נאָך אַלץ מיט אַלעם נישט געוועזן אָפּגעשטאָרבן ; א קליין אָדערל האָט געקלאַפּט : טיק־טאַק... טיק־טאַק... אַזוי נאָרמאַל, רעגלמעסיק — א סימן : דאָס גרויסע גערויש איז נישט מיט אַלעם טויט, נאָר אָפּגעשוואַכט ביז גאָר־גאָר, און אַז מיט די ערשטע רגע'ס אויפן גראָען טאָג — וועט עס זיך געוויס דערכאַפּן, צוביסלאַך, און צוריקקומען אַזוי הויך, אַזוי שטאַרק, און אפשר מיט נאָכמער שטאַרקייט פון פריער ; דערווייל איז שטיל, נאָר דאָס איינטאָניקע צאַקען פון האַק־מעסער וואָס וויל נישט ווערן אנטשווינגן, און ציט, און ציט, האָט זיך איינגע'עקשנ'ט קעגן גאַנצן קלאַפּערגעצייג פון טעלער, גאָפּל־מעסער, עפּעס ווי ס'וואָלט דאָ געוואָלט זיין ס'אייבערשטע פון שטייסל, און באַווייזן א בריה־שקייט, אַז ס'ווערט קיינמאָל נישט מיד און שטייט נישט אָפּ פון האַקן... און זי פאַרבייסט די ליפּן, פאַרקריצט די ציין, רייסט זיך און וואָלט גערן אַרויסגעשפּרונגען פון בעט, אַנגעכאַפּט די קעכן דאָרט פאַר די האַנט :

— ווייבל, ווייבל, איר וואָלט אפשר אויפגעהערט ? אויף א האַלבע שעה, א פערטל שעה, צען מינוט, פינף, א רגע, אַזוי.
א — א — א — א — א — — — — — —

— הע ? דוכט זיך : געשלאָפן... לאַנג ?... א מינוט אפשר, און פיליכט א שעה ?

ס'האַק־מעסער איז טאַקע פאַרשווינגן.

און ס'איז שטיל. אַבסאָלוט שטיל — און נאָך ערגער, וואָס די שטילקייט מאַטערט, ס'א קבר שטילקייט ! אַך, ס'זאָל זיך עפּעס א רירטאָן, אויף א רגע, א קלאַפּטאָן אויף א האָרעלע, א

פּאַכע: טיאָף־טיאָף, דער טיק־טאַק פֿונ׳ם אייגענעם האַרץ זאָל זיך אַזוי צעשרייען הויך און אַפֿילו ווי די קלעפּ אין עפּעס נאָר אַ גרויסן גוואַלט־גלאָק...

זי שאַרט אַראָפּ ס׳בעטגעוואַנט, און בלייבט ליגן האַלב אויפֿ־געדעקט; די ליכטיקייט שפּילט אויף איר קלאָר־אויסגעוואַשע־נעם לייב, געהייליקטן גוף, כשר־געריייניקטן; איבער די אויערן אונטערן וואַסער זי איז געווען, — האָט זי געהערט — האָבן ווײַ־בער הויך אויפֿן קול פֿון אויבן גערופֿן: „כשר... כשר...“ און זי איז גלייך אויפֿגעשטיגן פֿון גרוב, גאַנצע קוואַלן האָבן זיך פֿון איר אַראָפּגעטראָגן — מיט אַ וואַרע ביי די הענט אַרויסגעצויגן, און אין ליילאַכער געהילט, אין קלאָר־געפּרעסטע, שניי־ווייסע ליילאַכער.

— פֿאַר דיר, מיין אומעט־טריבער, הייליק איך מיך דאָס, טובֿל איך מיך זיבן מאָל אין זיבן ריינע וואַסערן, און אַ כשר׳ע וועל איך דיר זיין, אַ כשר׳ע... פֿאַר דיר...

אַ הויכער איז ער, אַ שטאַרקער און אַ זיידענער יונגערמאַן... זיידנס אין די אויגן, — מאָרע־זייד; און די ברעמען, — זיי גלעטן דיך ווי כאַמעט; פּוכיק־ווייך די באַקן, פֿאַרביק־רויט, און מיט אַ צאַרט געוועב די נאָז־לעכער, אַ מיידלש געשטאַלט אינגאַנצן, אַ שטיק עלאַסטישע פּרויענבאַוועגונג...

ס׳האָט, נישט אַנדערש, ווי אַ טעות געהאַט דער מלאך מיט אים; ער האָט מסתמא עפּעס אַנדערש געמיינט, און אין דער לעצטער רגע זיך געכאַפּט:

— ס׳וועט זיין אַ בן־זכר...

נאָר די נאַטור, אַ פּנים, איז שוין צו שפּעט געווען איבער־צואַנדערשן; און דער ווילן איז שוין פֿאַרבליבן — אַ פֿרויענלאַכער, צאַרטער, ווייבלאַכער, דאָס געמיט — אַ לייכטעס, שוועבענדיקס, אַזוי ווי ביי אַ שמעטערלינג, וואָס זשומט,

זש־זש־זש־זש...
פון מאַרגנפרי,
גלי
אין זונענשטויב;
און אויב
ס'פּעהלט דיר אָטעם אויס,
ניי צו אים אוועק אין שוים...

— וואָס זיינען דיינע אויגן אזוי פינסטער און טריב, בלייכער קאָפּ? זאָג מיר, אייל דיך, דיין כלה גייט אויס פאר שרעק...

שטיל.

— אייל דיך, זאָג... אויף דיין פנים ליגט א שווערער וואָלקן, פיל שווערער ווי ער ליגט אויפן הימל, אין רעגן־צייט....

זאָגט ער:

— זאָלסטו וויסן: כ'קער דיר נישט אָן מער, כ'קער נישט אָן מער זיך אליין, — וואָרים כ'בין א קינד פון גרויען פעלד, פון זון־און־רעגן, ברי־און־קעלט...

נעמט ביי איר ציטערן די ברעם ווי א שוואַרץ געוועב, פלאַ־טערן ווי א זומער־פייגעלע מיט די פליגעלאך:

— אין ס'אַרא הפקרות, קינד, קומסטו אריין ?...

— ס'איז נישט קיין הפקרות, מיין טייערער, ס'האָט איר ליכט, איר רייץ, איר זון, איר כשוף, איר צויבער, איר אומעט און איר טרויער...

און זי הערט זיך איין ווי א לייכטזיניק קינדעלע, וואָס לאָזט זיך איינריידן אויף די געשטאַרבענע מאַמעשי, אז זי איז בלויז אוועקגעפאָרן פאר א ווײַלע, און וועט באַלד און גיך קומען צוריק; זי ווייסט שוין און פארשטייט, דאָס זי איז גרויס געוואָרן אויף א ביטערע צייט, ליכטיק גרויס און פול מיט שמעקנדיקע ריחות; א ליכטיק לעבן וויל זי, איר רייפע טראַכט מאָנט שוין, נאָר איר באַשערטער מוז דערוויל ליגן אין פעלד, מוז ליגן, האָבן א שטאָ־

לערן האַרץ, און קענען אויסשטיין די גרויסע יסורים, פאַרטראָגן די שווערע משאות, וועלכע ליגן אים־צו, פאַרשטיינען אים פשוט...

זיצט זי אויפן שטיין, קוקט צום הימל מיט גרוים געוויין, זעט: ס׳כמורעט זיך פונדעסטוועגן עפעס אויס, ס׳לייטערט זיך, ס׳רייניגט זיך ,און ס׳ווערט ליכטיקער, שטראַלנדיקער; פלעקן צע־שווימען, פלעקן צערינען, ליכטיקע פאַסן שלאָגן אַרויס, זוניקע שטראָמען פלייצן, פאַרפלייצן, און די ערד, — די ערד, הויבט שוין אָן צו שמעקן מיט זעלטענע ריחות, טרוקענע צווייגן — צו טריבן, שאָלן זיך שפּאַלטן; ס׳שטעקן די פיש אַרויס די פיסקלאַך פון די וואַסערן און שלינגען: בלאַ... בלאַ... די וואַרימע רעגנטראָפּנס... און זשאַבעס וויזן זיך אויך, פרישינקע, גרינע זשאַבעלאַך, מיט צאַרטע הויטן, ציען זיך אויס אויף די בייכער, ביי די טרוקענע, נישט באַגראָזטע ברעגעס, קוואַ — — — קוואַ — — — —

און די מענטשן, די מענטשן קריכן שוין אַרויס פון די באַהעלטענישן, ווי נאָך אַ גרויסן שלאַקס רעגן — אַ מבול, נאָך אַ פאַרפלייצונג, אַ דערטרינקונג; די בלייכע באַקן ווערן רויט, טריבע אויגן — קלאָר, יונגע מיידלאַך צוואָגן זיך אויפסניי די גאָלד־געלאָקטע קעפּ־האָר; און כלי זמרים שאַרפן שוין די סמיטשקעס, ציען ווייטע טענער, לעבעדיק־פריילאַכע; „מזל־טוב דיר, כלה!... מזל־טוב, דיר חתן!...“ נאָר זי איינע קוקט אַליין די ווייטע וועגן אויס, און מיט יעדן טאָג ווערן אירע אויגן מער גרויס, קלאַפּט איר האַרץ מידער, לייגט זי זיך צו דער ערד אַנידער, באַ־גראָבט ס׳פּנים אין די הענט, און קלאָגט ביטער פאַר די ווענט:

— שוין זשע, ווייסט איר נישט, הימלען, וואָס ס׳האָט גע־נזראָפּן מיט אַ מאַן, כ׳וועל אייך זאָגן די סמנים: אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ פרויענגעזיכט, דער קאָפּ־האָר באַוואַקסן געדיכט, אויגן אין בלאָען געפּאַסט, אין גיין און אין ריידן, דוכט זיך: אַ פּאַנטאַסט; איר רעדט צו אים און ער ענטפערט אייך נישט גלייך, כאַפּט זיך ערשט שפּעטער און ענטשולדיקט זיך פאַר אייך... ס׳ווערט נאַכט, און איר בליק היינגט נאָך פון פריען פרי־

מאָרגן איבערן דרויסן, איבער די מויערן, וואָס בלענדן אַלע פאַר־נאַכט, יעדעס מאָל ווען די זון דרייט זיך אוים צו זיי, איידער זי פאַרגייט.

ס׳איז שטיל. אַטעם־שטיל. מ׳הערט ווי אַ פייגעלע פליט... ס׳אויער פאַרנעמט אַ טויב געררויש... זי זעט: אַ מענטש גייט, גייט איינגעבויגן, הינקט און שטעלט זיך אָפּ, הייבט דעם קאָפּ אויף, קוקט ברייט און טיף, און פרעגט:

— דערקענסט מיך נישט, דיין בלייכן חתן מיט די בלאָע אויגן?...

זי קוקט אים טיף דערשראָקן אין די אויגן, און זאָגט:

— ניין, נישט בלאָ זיינען דיינע אויגן, נאָר שוואַרץ און פינסטער ווי דער תהום...

— זיינען זיי דאָס שוואַרץ געוואָרן פון די נעכט וואָס אויפן פעלד, מיין טייערע, און געביטן די קאָליר; דערקענסטו נישט אויך דיין חתן אין דעם יונגן, הויכן שלאַנקן מענטש, וואָס איז גליין ווי אַ בוים?...

— ניין; מיין חתן איז טאַקע אַזוי געווען, ווי דו זאָגסט: הויך און שלאַנק ווי אַ בוים... אָבער פאַר מיר שטייט אַ מענטש איינגעבויגן ביז צו דר׳ערד, וואָס דער הויקער אויף די פּלייצעס מוז אים דאָס אַזוי אַראָפּבייגן...

— איז דאָס פון ליגן אין גרוב, טייערע מיינע, אַזוי פיל טעג, יאָרן, און פון רעגן און ווינט — געוואָרן אַזוי אויסגעקרימט; נו, דערקענסטו מיך נישט אין קול, וואָס האָט דיך אָנגעלאָקט און געקלונגען ווי דאָס שענסטע געזאַנג אין דיינע אויערן?...

— ניין; דאָס קול ביי דיר איז אַ טרוקענער, אַ האַרטער, און קלינגט אָפּ אַזוי ווי מ׳וואַרפט אַ שטיין אין בלעך...

— איז דאָס פון שרייען, טייערע מיינע, פון וועלן איבער־שרייען דאָס געשריי פון שיסן, פון גראַנאַטן אויפרייסן, שראַפּ־נעלן פּלאַצן; אָבער דאָס אַלץ באַדאַרף דיך נישט אָפּשרעקן, וואָרים ס׳פעלד האָט מיר נישט מער ווי איינגעבויגן צו דער ערד, אַרויס־

געצויגן די העלע קאָליר פון די אויגן, צוגענומען די מראה פּנים, פאַרענדערט ס'קול, און נאָכאַלעם דאָך געבליבן דער אייגענער, נישט מער ווי איבערגעגאָסן אין אַנ'אַנדער כלי, אין, וואָס דוואָרעט, אַ צעבראָכענע כלי, — אָבער מיט דעם אייגענעם הארץ, גוטן ווילן ,און זעלטענע מעלות, וואָס נאָר דו אַליין האָסט זיי געוואוסט אויסצורעכענען...

פאַלט זי אויפן פּנים און וויינט:

— וואָרים, כ'וויים, אויב ס'פעלד האָט דיך נישט מיט אַלעם איבערגעביטן ?... דיך געמאַכט אחזריות'דיק, בייז און פאַרביסן, ווען דיין לייב איז אַזוי צעקאַליעטשעט געוואָרן און רואינירט ?...

ווי ס'רייצן אויף חלומות און צעטראָגן ,אויב זיי זיינען אַזוי באַרקרימט, שלעפּן זיך נאָך נאָכן עק פון אַ לויפנדיקן צוג, וואָס פליט ערגעץ אַוועק פון אַ פייער, און וויל זיך ראַטעווען איבער ברענענדיקע בריקן; וואַרפן אַראָפּ כהרף־עין, אין טיפן אָפּגרונט, און הויבן אויף תיכף ביז הינטער די וואָלקן; ווי שלעכט האָט זיך געמוזט פילן דאָס אָרימע מיידל, ווען זי איז אַזוי געטראָגן געוואָרן ווי אַ פאַרמאַכט פעסל איבער די הויכע כוואַליעם פון אַ צעשפילטן טייך; און נאָר דער איינער חלום ?... מיט אים איז זי שוין פאַרטיק ?... כע־כע... וואו איז שוין דאָס מיידל אין דער דאָזיקער נאַכט נישט אויסגעווען ?... אין ס'אַראַ אויסגעשפּרייטע מדבריות, וועלדער, — און וועמען שוין אַלץ נישט געזען ?... אירע פאַרשטאָרבענע ברידערלאַך, שוועסטערלאַך, — ווי זיי האָבן זיך גענומען פאַר די הענטלאַך און איר אַרום געמאַכט אַ ראָד, זיך געשפּילט מיט איר, — זי האָט זיי דאָך אַזוי פיל געהאַט !.... איר מאַמע איז דאָך צוזאַמענגעפאַלען פאַר צרות, וואָס קיין איין קינד האָט זיך ביי איר לענגער נישט געקענט דערהאַלטן ווי ביז אַ יאָר, אַ האַלב יאָר, אָנדערטהאַלבן יאָר אויך, און אַוועקגעשטאָרבן...

אָבער אַ קאַליקע איז ער דאָך געבליבן, דער חתן אירער, —

דאָס האָט איר שוין דער חלום נישט איבערגעטריבן; היינקען הינקט ער גאַנץ שיין אונטער; אויף דער מלחמה געווען און אַ מתנה אַהיים געבראַכט: אַ פרעמד שטיקל פוס, אונטערגעשטוקעוועט ביז צום קנעכל. און אַ קליינע אויסגעפּאַשעטע קוליע, וואָס איז סך הכל אַביסל גרעבער פון אַ שטעקן, נאָר אָפּגעטאָקט, פּאָלירט, ריין...

ער זאָגט:

— ר'ברויך זיך נאָר לאָזן צו מאַכן אַ שטיקל פוס, אַזוי וועט ער שוין נישט ברויכן האָבן די קוליע אויך; קענען אָנטאָן אַן עלעגאַנטן שוך, באַשטעלן איין פּאָר פּאָר ביידע פּיס — גלייך, אויף איין מאָס, און דער וועט נאָך קענען זיין מער נעט, מער צוגעשניצט, און מיט מער לאָק, רייץ, נאָר ס'גאַנצע אומגליק וואָס ר'וועט אין אים קיין מאַכט נישט האָבן...

זאָגט זי:

— כאַ־כאַ־כאַ! יענעם וועט עס אייסגעצייכנט קענען אָפּנאַרן. אָבער זיך אַליין ס'היטל פון קאָפּ אַראָפּ'גנב'ענען?...

זי שפּירט אַ ווייטאָק אין פוס און זעצט זיך אויף; זיצט רואיק, שטיל, געלאַסן, און הערט זיך איין: פון דער אַנדערע שטוב הערט זיך אַ מיד כראָפּן, — דאָס האָבן זיך טאַטע־מאַמע צוגעלייגט, פאַרהאַוועט, פאַרקאָכט, פון אָנלויפן זיך אַ גאַנצן טאָג, זיך אַוועקבריינגען:

— אַ קליניקייט?... ס'אַרא נחת?... דאָס איינציקע שטיקל טעכטערל דערלעבט מיט מזל צו דער חופּה צו פירן!...

און ליגן איצט, ווי אויף אַ ווילע אַוועקגעפאַלן איבער וואָס ס'איז, אַ שטיין, אַ ביין, וואָרים אין זייערע בעטן ליגט זי דאָס איצט מיט דער באָבע, פאַר כבוד ווענן, — שלאָפן זיס, טויט־מיד; און אַרום זיי שטייט אָנגעשטעלט, שטיין שטויסן טעלער־אָנגעברייגגט; אַנדער געשיר, וואָס ס'איז אָנגעבאָרגט געוואָרן ביי שכנים, קרובים, סתם מענטשן — און ס'איז נישטאָ קיין אָרט מער וואו זיך אויסצודרייען, אַ טריט צו טאָן, אַז מ'זאָל נישט אויף עפּעס אַרויפקריכן, אויף עפּעס אָנטרעטן...

אויף אַלעם ליגט דער צייכן פון צערודערטקייט, צעטראָגנקייט, נישט גאַנצקייט; ס'איז אַלץ אַזוי אומבאַשטימט, אויסגעמישט, אָנ־געוואָרפן אין איינעם, און טראָגט דעם כאַראַקטער פון איילעניש, כאַפּ־לאַפּ, פון פאַרטאָן זיין, און אַוועקגעוואָרפן פון דער האַנט, אַזוי, צוליב אַ אומגעריכטע זאַך; צוליב די נאַכט, אַ שטייגער, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט און געשטערט, אָפּגעשטעלט דעם גאַנג פון טאָן, נישט אויסגעזעצט, — אויב איין זאַך איז שוין דריי פירטל אָפּגעטאָן און האָט נאָך באַדאַרפט אַ גלעט, ס'זאָל שוין זיין כשר מיט אַלעמען, און פאַרקערט, גאַנץ פון אָנהויב, ערשט כיט דער האַנט זיך צוגערירט; און דאָס, אויף אַזוי לאַנג — ביז ס'וועט נאָר צוריק ווערן טאָג, אַזוי גיך וועט זיך שוין מסתמא צוריק נעמען רודערן און הוידען אין די ווינקעלאַך ביז צו די לעצטע הכנות פאַרנאַכט, ווי לאַנג זי האָט נאָך אַ מיידל צו זיין; ס'וועלן זיך צוזאַמענקומען געסט, איר אין כלה־שלייער פאַרהילן, אין וועלאָן אַנטאָן, אויפן כלה־שטול זעצן...

ס'לעמפּל ברענט אַזוי נאַכאַנאַנד העל אַרויפגעדרייט, אַזוי ווי מ'וואָלט עס אומישנע געלאָזט לייכטן; די ליכטיקייט באַגיסט די שטוב, די העל־געקאַלכטע ווענט, אַז ס'אַרט איר אַזש אין די אויגן, וועלכע נעמען ביי איר פינטלען; זיי מאַכן זיך דערפון צו און מאַכן זיך דערפון אויף; די ברעמען שליסן־אָפּ די אויגן און שוואַרצע רעדער גייען־אויף, נעמען זיך דרייען פייל פון בויגן, שפּריצן מיט פונקען.

— אוי, וואָס איז דאָס?... מאַמעלע, הים מיך, נעם מיך צו דיר!... באָבעשי?... קליינע קינדערלאַך מיינע, געשטאָרבענע ברידערלאַך מיינע, זייט מגין אויף מיר, נעמט'ס מיך דאָך אין ראָד אריין, כ'בין אייער שוועסטערל דאָך!. פאַרשעמט מיך נישט...

האַרט הינטערן אויוון קריכט אַרויס אַ קאָפּ, בלויז — אַ קאָפּ; פריער רודערט זיך עפּעס אַ ביסל, רודער'ט זיך, און ס'ווייזט זיך נאָכדעם דער קאָפּ, אַ פירעקנדיקער מיט אַ פירעקנדיקע נאָז. פיר־עקנדיקע נאָז־לעכער, אַ פירעקנדיק מויל, פון וועלכן ס'איז אַרויס־

געשטעקט, נישט אהין־און־אהער, — מער, א פירעקנדיק שטיקל צונג, א צאָל די גרעב...

— א בלויזער קאָפּ?... אָהן לייב און לעבן?...

ער שארט זיך, דער קאָפּ און זי רוקט זיך אוועק; רוקט זיך; דער בחור פארשטייט די קונץ פון נאָכקריכן, און גייט איר טאַקע נאָך, לייגט איר, כמעט א פולשטענדיק טויטע אוועק אויף דער ערד, ועצט זיך צו איר אויפן הארץ, נעמט די ברוסט־וואָרצלען אין מויל אריין, און זייגט ביי איר ווי א זמאָרע; איר ווייסט פון א זמאָרע?... זי וויל שרייען, מאכן ווייניקסטנס מיט די הענט, זיינען די הענט ביי איר אָפּגענומען, געליימט, קען זיך מיט אלעם נישט קיין ריר טאָן, ביז זי שטריינגט זיך אָן און גיט מיט איבערנאַטיר־לאכע כחות זיך א וואָרף, און בלייבט שטיין, אינגאנצן וואכנדיק, נאקעט־גאָל, אין איינעם העמד, די פיס — בלאנק, שטייף, יונג־געבוירן, פריש־געוואקסן, הירשן־פלינק, קוקט אין פענסטער וואו ס׳איז נאכט, שטילע, קלאָרע נאכט, — ס׳וואָלט איר אודאי אזוי גוט געווען, ווען זי זאָל ארויס מוטער־נאַקעט אין דער מוטער־נאַכט אריין, ס׳וואָלט קלאָרער געוואָרן דער קאָפּ, און ליכטיקער מסתמא, די נאכט, העלער, אזוי ווי מיט א שטערן, א געפאלענעם שטערן; זי וואָלט געווען א שטערן צו דער ערד, פאר איר געלויכטן פון עק ביז עק־וועלט, דערפרייט מיליאָנען הערצער, געהיילט קראנקע, פארוואָרלאָזטע ברואים, געוואָרן די טרייסט פאר נעפאלענע, דער ליכטיקער אויפגאנג אויפן פינסטערן הימל; די אויפגעשטאנענע, געהייליקטע מאריא, צו וועלכע אלע קניען, בעטן און שטארבן געהאָלפענע פון אירע מיט׳ליידנדע בליקן...

א רגע, און ס׳גערגעלע איבערן גלעזל פון לאָמפּ, אויפן באלקן, וואָס איז אזוי ווי א זון־גערגעלע וואָס מ׳ברענגט אריין אויף דער וואנט מיט א קליין ברעקל שפיגעלע, — פארנעמט איר זייער; קוקט ווי ס׳ציטערט גראָד אנטקעגנאיבער נ׳פלאם פון לעמפּל, וואָס שטייט אויפן שיבער — און וואָלט געווען ס׳שטיק חיות, ס׳לעבן פון פלעמל, זיך ארויסגעצויגן פון דאָרט, באזעצט אונטערן

כּופּיט; שטעל אונטער די האַנט — איז עס אויף דער האַנט; לייג אונטער וואָס דו ווילסט, איז עס אַלץ אויף וואָס ס'זאָל נישט זיין; נישט מער — פאַרדריי ס'לעמפּל, גייט עס אַוועק, אַזוי ווי די נשמה פון אַ לעבעדיקע זאַך, וועלכע ווערט גאָר נישט, ווי באַלד ס'ברעקעלע ליכט, ס'נשמה'לע גייט אויס...

ס'גיט איר אַ טרייסל, אַ שוידער; די הויט אויפן לייב איז שוין גוט געריבצלט, און האָט שטאַרק חשק זיך אַריינצוכאַפּן אין בעט; נאָר דאָ שטעלט זיך איר דער שאָטן אין וועג, און זי האָט זיך מורא אַ רירצוטאָן פאַרן שאָטן, וועלכער איז אַזוי הויך און לאַנג, פאַנגט זיך אָן ביי די שפּיצן־פינגער אירע פון די פיס, און לייגט זיך אויס אַרום אַ האַלבע פאָדלאָגע, די גאַנצע וואַנט, ביז אַ העלפט אין באַלקן אַריין...

— כע?... זי איז גאָר נישט אַזוי הויך, אַזוי גרויס און לאַנג ווי גרויס, הויך און לאַנג ס'איז דער שאָטן?... מ'זאָגט: הושענה רבא ביי נאַכט, יום־כפור, זעט דער מענטש נישט זיין שאָטן — אויב ס'איז אים נישט באַשערט אויסצולעבן ס'יאָר: ס'איז טאַקע קינדעריש, און זי האָט דערפאַר געקענט מורא האָבן קליינערהייט; אָבער ווען ס'האַרץ שרעקט, איז אַ קינדערשע מורא פאַר אַ דערוואַקסענעם אויך נישט קליין; און ווי זאָגט מען: הושענה־רבא, יום־כפור? מיט וואָס איז די חתונה־נאַכט ערגער פאַר יום־כפור אָדער הושענה־רבא?...

שטייט זי טאַקע אַזוי, האָט זיך מורא אַ ריר צו טאָן, ווייל טאָמער רירט זיך נישט דער שאָטן, אַזוי ווייסט זי שוין, אַז דער טויט שטייט הינטער דער טיר, היט איר, קוקט נאָר אויס ס'זאָל זיך עפּעס מאַכן מיט איר, עפּעס אַ וואַזשנע קריינקל, אַ דערצינדונג, אַ שלעכטע פאַרבינדונג, אַ בייז־אויג, קאָפּ־ווייטאָק, אַ שניט אין פינגער, באין ברירה, ר'זאָל זיך קענען צורירן....

און אַזוי ווי דאָס ציינגל פון אַ וואָגשאָל, וואָס וואַקלט זיך הין־און־צוריק, אַזוי צאַפּלט זיך איר פּיסל, ביז עס באַוועגט זיך

אויף אַ האָרעלע, ניט בלויז אַ ציטער, און אַ קינדערשע פרייד באַפאַלט איר, זי פּאַטשט צוזאַמען ביידע הענט:

— יאָ, ביים שאָטן האָט אויף דער פּוס אַ ציטערגעטאָן, ס'איז איר שאָטן, איר שאָ־אָ־אָ־אָ־טן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

און די באָבע האָט זיך אויפגעכאַפּט; ס'געשריי, אַ פּנים, האָט איר ארויסגענומען פון דעם געשמאַקן, זיסן שטיקל שלאָף, און זי קוקט, גלויבט נישט די אויגן וואָס זיי זען: פייגעלע אין מיטן שטוב, צעשפּרייט די פיס, — נעמט זיי אהין, נעמט זיי אהער, אזוי פאַרטאָן, אזוי פאַרהאָרעוועט, אזוי ווי זי וואָלט מיט פיל פליים עפּעס געמאָסטן און נישט געקענט דערמעסטן... און קנייפּט זיך אויס שטיקער פלייש פון די גע־רינצלטע באַקן:

— אַ כלה?... טאַטע־פאָטער אין הימל!... ס'קען אַ כלה אזוי אין איר חופּה־נאַכט, איז דאָך נישט גוט מיט איר...

רייסט ערשט פייגעלע אויף די אויגן, קוקט טיף אין דער באָבעשי'ס דערשראָקן פּנים, און פאַלט באַזינען אויף איר האַרץ, האַלזט איר אַרום ווי אַ קליין קינד, איידער ס'גייט שטאַרבן, אונטערטעניק און מיט אזוי פיל געבעט:

— באָבעשי, פאַר דיין שטויב זאָל איך אָוועקגיין, אויב כ'האָב עפּעס געמיינט, און אויב דו ווערסט מיר דאָס האָבן צו פאַר־דענקען, באָבעשי!...

די באָבע האָט איר אריינגענומען צו זיך אין בעט, און לאָזט איר נישט מער אליין; אַן אַלט מענטש טאַקע, אַ זקנה, — דאַר אויסגעטריקנט לייב, מאָגער, הויט־און־ביין, אָפּגעציטערט, איינגעשרומפּן, קאַלט; און ס'איז איר ענג אינאיינעם מיטן יונגן בלוט, ס'פאַרברענט דער אָטעם, ס'יונגע לייב גליט איר אזוי זי

איז שוין גאָר נישט געוואוינט דערצו, נאָ׳ ווייל זי איז מלא שרעק פאַרן יונגן מענטשל — נעמט זי דאָס גהנים פאַר ליב, און ברע־נענדיק און בראָטנדיק זיך, בעט זי נאָך פאַר איר...

— מימיני מיכאל משמאלי גבריאל...

פייגעלעס לייב היצט, אין קאָפּ בליצט: זי וועט ברויכן זיין באַנאַנד מיט איר חתן, אַזוי וועט זי מורא האָבן צו קוקן אויף יענעם אָרט וואו ס׳איז צונעשטוקעוועט דאָס שטיקל פוס; דאָרטן וואו ס׳לאָזט זיך אויס דער אמת׳ער פוס, ס׳ווערט איבערגעהאַקט דער לעבעדיקער שטראָם, און פאַלט גאָר נישט אריין אין דעם צוגעגאַרטעלטן שטיקל, אַזוי דאָס ס׳איז גאָר נישט נייטיק...

און גייט אויס...

איז נאַכט, די אומגעבעטענע נאַכט דאָס געקומען, און אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט; די טישן זיך נעדעקט מיט אַ זעל־טענער נעשיקטקייט; די טעלער אנגעפילט מיט די ליבע עסנס, די ווײַנען זיך צעגאָסן אין בלאַנקע געפעסן, די כלי זמרים זיך צוזאַמענגעקומען, און גלייכן אָפּ, נעמען איין, בעטן אויס, אַזוי ווייך; די פידלען בעטן זיך... טראָמפּייטן רייסן איין... און דער באַס קלאָגט זיך: בוה... בוה... ס׳ברענען די בליצלאָמפּן, ס׳לייכטן די שפּיגלען, גלאַנצן, גלימערן... ס׳זייד רוישט, טאַפט, אַטלאַס, — שוואַרץ־ווייס, בלאָ־רויט, גאָלדגעשטיקט, ווייבער גייען — האָפּ־האָפּ, מ׳האָט שוין דער כלה מיט מזל צעפלאָכטן דעם צאָפּ; די שווערע פיס גייען גרינג, אין מאַנסבילשע שווערע הענט פלעסקען צו, די שוואַרצע בערד, פעך־שוואַרצע בערד רודערן זיך נאָר, און די גראָבע קולות באַסעווען־מיט: שאַ־שאַ־שאַ־שאַ־שאַ־שאַ — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

מ׳פירט די כלה פאַרביי — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — מ׳גייט צו דער חופּה — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין א ליכטיקע לבנה־נאכט. — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אונטער גאָלדענע שירות מיט געפלאָכטענע הענט, צעפלאַקערטע הבדלות, פירן איר די גראָבע פעטע ווייבער מיט געקרוינטע שטערן־טיכער, זילבערנע ברוסט־בּרעטלאַך, — טראָגן איר אין לופטן, הויבן איר אונטער נאָר צו דערלאַנגען אין גערטל — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין גערטל שטייט דער עולם, זיינען די חופּה־שטאַנגען אויפ־געשטעלט, און הינטער איר אין א ווייסן קיטל ווארט דער מענטש, א קליין פּיצל מענטשל, מ׳זעט גאָר דערפון קיין גוף נישט, און מ׳הערט גאָר קיין קול נישט... ס׳מוז אודאי זיין דער מענטש פונם פירקאַנטיקן קאָפּ, צו וועלכן מ׳פירט איר אַזוי במתופים ובמחולות, מיט געזאַנג, טאַנצנדיק ; די אונטערפירערקעס שווימען מיט איר, שוועבן, און קומען דאָ באַלד־אָן מיט איר אויפן ריכטיקן אָרט, — אַזוי גיט זי זיך אַוואָרף, א הייב אין דער לופטן, און נעמט שפּרינגען, אַריבערשפּרינגען איבער אַלעמענס קעפּ, טאַנצן און דרייען זיך ווי אַן אָפּגעריסענער פליגל פון א ווינט־מיל, און קלאַפּן איבער די קעפּ :

— ניין... כ׳גיי נישט צו אים...

די חופּה־שטאַנגען פאַלן־איין, דאָס מענטשל ווערט כחרף עין, — אויס מענטשל, און פון גאַנצן צעשפּרייטן עולם ווערט א־קופּע, א געפּערלאַכע, וואָס וואַרפט זיך אַזוי ווי זי וואָלט אַריינגעפאַלן אין ס׳פּאַזמען — מיט טויזנט הענט, טויזנט פּיס, גליט מיט טויזנט אויגן, שרייט מיט טויזנט העלזער, רייסט זיך : „הע־בע־מע, האַלט איר, דערהאַלט איר, די כלה...“ און זיי אַלע זוכט דער באָס אי־

בערצושרייען, וואָרנען גאַנץ ערנסט : „בוה... בוה... בוה... די כלה איז נישטאָ...“ און דער טרומייט, אַזוי ווי פון יענער וועלט שאַלט : „טראַ־טאַ־טאַ — — — — די כלה איז פאַרביי“ — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

העלער, אויפגעוואָרפענער טאָג...

ס׳בעט שטייט אַרויסגערוקט אין מיטן שטוב, און פייגעלע ליגט אַרומגעבונדן נ׳קאָפּ ; די טאַטע־מאַמע קוקן צוטומלטע, און צענעמען די הענט אַלצאינאיינעם :

— זיך געוועז ריכטן אויף אַזאַ צרה?...

— אויף אַזאַ אומגליק ?...

די איינע באָבע, וואָס איז דוכט זיך, נאָך אַ מאָל אַזוי אַלט געוואָרן איבער דער נאַכט, — מאַכט מיטן מויל, רעט אַזוי ווי פון אַ קבר אַרויס :

— ס׳אַ נאַכט... אַ נאַכט... איידער מ׳האָט איר געקענט איינעמען... געשלאָגן, גע׳הרג׳עט, געקראַכן אויף די גלייכע ווענט...

און זי הערט, פייגעלע, און וואָלט זיך גערן אָנגערופן, געוואָלט אַרויסשרייען, אָבער די צונג איז איר ווי אַ שטיק האָלץ, די קעל — צוגעשנירט, נאָר־וואָס דער מח האַקט, די שלייפן רודערן, און די אויגן פינטלען שאַרף...

די קאַפּריזנע

אויף א האלב שטילע גאס, אין א שטארק געבויט הויז, באלד אויפן ערשטן שטאק, גלייך ווי מ׳פארמאכט הינטער זיך די שווער־פארגלאזטע הויז־טיר, — האט אן עלעקטריש קנעפל געבעטן פאר זיך אויפמאכן די טיר צו א שטילע ריינצוגעקליבענע וואוינונג.

א יונג פאר פאלק, וואס נישט לאנג פון נאך דער חתונה, האט זיך דא א ביסל פויל געלאנגווייליקט, און געשפילט מיט די מעג ווי איינער וואס ציט־אויף פערל אויף א שנירל.

דער מאן, א דראבנע מענטשל, און נישט קיין איבעריק גע־זונטער, האט זיך געשפיגלט אין ווייב, וועלכע האט פול געמאכט די שטובן, און ארומגעשפרונגען מיט אזוי פיל פרייד און הנאה פון איר לעבן; ס׳הארץ פלעגט אבער א פיקטאן, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו זיצן שטארק איינגעטוליעט מיט איר, זיך ארייג־קוקן אין די אויגן, און וועלן דערביי אויסנארן ביי איר אזוי פארשעמט א סוד פון אונטערן הארץ.

— עטעל, ווילסט האבן א קינד?

און ס׳ווייבל האט זיך שוין דא אזוי קינדיש פארקרימט, קינ־דיש צעשמייכלט, זויער, און באלד אראפגעלאזט די אויגן ברוגז, געהויבן מיט די אקסלען, נאריש, תם׳וואטע געציקט, מיט וואס, ס׳קען זיין, זי האט זיך אפשר געשעמט אזוי אפן ארויסצוזאגן, און מיט א פול מויל:

— ניין... כ׳וויל נישט... אזוי גיך שוין?...

זיין פנים ווערט מאט, און די גאנצע שוואכקייט נעמט אין דעם ארויסזעצן, פונקט ווי ביי איינעם וואס באקומט א קלאפ, און ס׳בלוט לויפט ביי אים אפ פון די באקן; ס׳איז עפעס קענ־

מיק: ער ליידט דערפון, ס׳טוט ערגעץ וויי, און נישט ער וויל דאָס טיפער אָנרירן, אָבער ער קען דאָס נישט אינגאַנצן פאַרשווייגן אויך, — קווינקעלט ער זיך אַזוי פאַר איר:

— עטעל, ס׳איז דיר נישט לאַנגווייליק מיט די שטובן צו זיין אַ גאַנצן טאָג אַליין?...

— ס׳איז מיר טאַקע יאָ לאַנגווייליק, — זאָגט זי — נאָר קיין קינד וויל איך פונדעסטוועגן נישט האָבן...

און באַלד נאָך אַזאַ קורץ אַראָפּריידן זיך פון האַרץ, אַז דער פאַרזאָרגטער מאַן פלעגט זיך נעמען אײַלן צו דער אַרבעט אַוועק, און צולייגן די ליפּן צום שטערן פון זיין יונג צעפּיעשטשעט ווייבל, אַזוי האָט זי אים שוין צוריקגעהאַלטן מיט אַ שטיל ציטערדיק געבעט, אַזוי ווי זי וואָלט געפילט, אַז זי האָט אים געקריינקט דערמיט.

— וועסט מיר נישט אָנטאָן קיין עגמת־נפש, אַז כ׳וועל דיך בעטן: וואָס גיכער קומען אַ היים, דו וועסט דיך אָפּקומען... דו ווייסט דאָך אַזוי גוט, ווי גרויס ס׳איז מיר דער טאָג אין די אויגן, אַז דו ביזט נישטאָ?...

אויף וואָס ער לאַכט:

— יאָ, טאַקי, אין די אויגן פון אַ יונג ווייבל נאָך דער חתונה, אַז זי וויל זיין אַליין, אָהן אַ קינדערלע...

זי בלייבט שוין דערנאָך אַליין איבער. ליגט אין בעט, און קען אפשר אַזוי אָפּליגן אַ שעה, און צוויי... נישט אומקוקן זיך מער אויף גאָר, און שוין טראַכטן איבער אַ יונג פּיצל קינדערלע, וואָס שוועבט ערגעץ צווישן די וואָלקן, פאַרטאָגס.

און ווייסט גאָר אַליין נישט, אַז אירע ברעמען פאַלן אַראָפּ, איבער די אויגן, פאַר עפּעס אַ שטילע ציטערדיקע מורא... זי דרעמלט אויף איבער אַ רגע איין, און ס׳גיט איר באַלד עפּעס אַ טרייסל — אַזוי שפּרינגט זי שוין אַרויס, נעמט אויסליינגערן אירע גלידער, אויפוועקן ס׳פאַרשלאָפענע בלוט און זוכט זיך צו צעשטרייען.

די שטוב נעמט אויפלייכטן אונטער אירע הענט. און אַז דער

מאַן קערט זיך אום שפּעטער אהיים, אזוי נעמט זיין הארץ, וואָס איז פאַרדערווייַלע געוואָרן אזוי אָפּגעלאָשן, — זיך פריידיען, און פאַרגעסט שוין אין אַלעם וואָס ס׳שמערצט אים, נעמט שמייכלען נאַרישלאַך, באַהערשט מיט איר לוסטיקייט.

— טאַקי גאָר נישט דיר אומעטיק, ניין?...

— דו זעהסט דאָך!... — האַלט זי אין איין רוימען און ארומפּליען.

— און דו מיינסט דיך לאַנג אזוי צו לאָזן באַנונגן דערמיט?... אַ?...

— כ׳קלער...

— אפשר דיר מאַכן היימלאַך?... באַקלער דיר?...

— כ׳וויל מיר נישט באַקלערן...

— נאַר?... אזוי אָפּקומען די טעג מיט די ליידיקע שטובן. דאָס וועט זיין דיין לעבן?...

ס׳ווייב האָט געלייקנט. ס׳איז איר יאָ באַנג געווען. אָבער זיי־השק — האָט אויף איר אנגעוואַרפן אַ מורא... ס׳קינד האָט איר געשראָקן... און אזוי ווי זי האָט זיך עפּעס נישט געקענט גע־פינען, ס׳האָט איר פאָרט געפעלט עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל איר מיט אַלעם פאַרפילן ס׳זיסע לעבן, און נאָכמער אפשר — צו פאַרטרייבן דעם מאַנס מחשבות, האָט זי פאַר היימליכקייט אויסגע־קראַצט פון ערגעץ אַ קליין פּיצל הינטל מיט אַ צונעפּלאַטשט נעזל, און דערמיט אים מהנה געווען.

— זעסט, וואָס כ׳האָב?... אַ הינטל!.. אַ הינטל!.. און דו פרייסט דיך גאָרנישט?...

דער מאַן האָט זיך געפּונען שטאַרק געטראָפן, געווען גע־קריינקט; ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרבייטן דאָס לעבעדיקע צאַפּלדיקע קינד, וואָס ברויכט זיך אויס־שטיין אין אירע געדערים, — אויפן מאָוסן חיה׳לע, אויפן הינטל...

ביי יעדן מינעלע, סיגה׳לע, וואָס ס׳הינטל ווידער האָט ארויס־געוויזן — האָט א קוואַל מיט געלעכטער ארויסגעפּראַלט פון איר יונג צאַפּלדיק הארצעלע.

— מאָפּס׳... מאָ־פּ־ס... ס׳האָט דאָך אזוי פיל חן, ס׳הינטעלע...

אירע געלעכטערן האָבן געהילכט איבער אַלע שטובן — זי האָט געשעפּט נחת; ער, ווידער, איז געוואָרן באַטריבט, און טיף, אינווייניק־טיף זיך געשפּירט באַליידיגט; און זיצנדיק וואו־דאָרט ביי דער אַרבעט, אַריבערגעבויגן איבער די ביכער, האָט אים דאָס קלערן נאָכמער אַריבערגעבויגן, צעקנייטשט דעם שטערן, פאַרעל־טערט ס׳פּנים...

א טונקעלער אומעט האָט זיך צעלייגט, און אָנגעהאַלטן אין שטוב, מיט זיין אַריינקומען. און דער שטילער קאַפּריז צווישן דעם מאַן און זיין ווייב, וואָס האָט זיך פון פריער געהאַט צעשפּילט אין א לייכטער שטיפעריי, האָט שוין עפּעס גענומען אויסזען ווי אַן ערנסטער ברוגז, וואָס קען זיי דערווייטערן פון זיך אויף גאַנצע טעג...

— ווילסט דורכאויס ס׳הינטל?... אזוי ליב איז עס דיר, און איינגעבאַקן אין הארץ, אז דו ווילסט שוין מער נישט וויסן פון א קינד?...

דאָס ווייבל שטייט פאַרשטייפּט, פאַריסן ס׳נעזל, וואַרפט נערוועז א פרענז פון גאַרטל, וואָס שלייפט אַרום איר טאַליע, און זאָגט מיט אזוי פיל קאַפּריז:

— כ׳וויים נישט, וואָס דו ווידער האָסט געוואָרפן אזא אומ׳חן אויפ׳ן הינטל...

און צו אָוונט, ווען די פאָרהאַנגען לאָזן זיך געדיכט אַראָפּ אי־בער די פענסטער און די שטוב ווייסט נישט מער גאָר פון דרויסן

וואָס צו זאָגן... ס'ווערט אַזוי פינסטער צווישן די ווענט דאָ, אַזוי פאַלט זי אַריין אין זיינע אָרעמס, מיט אַזוי פיל שטומקייט און רחמנות אין אירע אויגן.

— זיי דאָך נישט אַזוי שלעכט צו מיר, מיין מאַן...

זיינע גלידער גלייכן זיך אויס, די הענט ברעכן זיך צוזאַמען אַרום די ביינער פון איר מאָגערן לייב, און ס'האַרץ נעמט זיך ביי אים טיף־באַוועגן, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ...

— ווייל יאָ... ווייל יאָ... זיי נישט איינגעשפאַרט...

אויף די הינטערשטע טרעפּ פונם אייגענעם הויז, וואָס פאַרקירעוועו זיך אין קעלער, — האָבן פאַרקערט מענטשן; און דאָס ווייב, אַז זי פלעגט אַרונטערגיין פון שטוב צו דער גאַס, און האַלטן אַראָפּ־געלאָזט די אויגן, איז איר אַ סך מאָל אויסגעקומען צו זען אין דער צעעפענטער טיר, אַ פרוי; אַ דיקע, מאָוס'ע פרוי, מיט ברייטע, גראָבע פיס, אַ צעלאַבערטע, און וואָס האָט זיך אַ סך מאָל גע־קייקלט אויף איבער די טרעפּ, און זיך אָנגעשטויסן מיט איר,ביים אַרויסגיין; און עפּעס האָט איר ווען־נישט־ווען אַקלאַפּגעטאָן אין האַרץ, ווען ס'איז איר אויסגעקומען זיך אָנצוקוקן מיט איר, כאָטש זי האָט ווייניק פון איר געוואוסט, און אפילו קיינמאָל נישט געהאַט נאָך מיט איר זיך צונויפגערעדט.

יאָ. זי האָט געוואוסט: ס'וואוינען מענטשן אין קעלער. און אַז זי, די גראָבע מויד, ברויכט אודאי זיין אַ טאָכטער פון אַן אַלטן גאַסנקערער, אָדער — אַ ווייב פון אַ געזונטן, שטאַרקן, אַרבעטס־מענטש; ווייל זי אַליין האָט אויך געשיינט אַזוי געזונט צו זיין... און אויף וויפיל זי האָט זיך געשראָקן פאַר איר, איז עס געווען דערפאַר, ווייל זי האָט עפּעס אין איר געשפּירט ס'אייגענע וואָס מ'שפּירט געוויינטלאָך, צו אַ פרוי, ווען זי איז אין אַנ'אַנדערע צייט...

טרעפנדיק איר, ווען זי איז גראָד געווען אינאיינעם מיטן מאַן, איז איר באַפאַלן אַ שווערער אַנגסט:

— זעסט ? די מויד, אָדער, — דאָס ווייבל וועט אודאי האָבן א קינד...

דער מאַן האָט אין אַזאַ רגע איר נאָר געקענט צוריקהאַלטן; און אפשר בכיון אדורכגעלאָזן די פרוי פריער אין גאַס אריין, אזוי ווי דערמיט געוואָלט ארויסווייזן צו איר זיין ערגעבנקייט, און צוטיילן כבוד...

אין גאַס ערשט אויף צעפּלייסן פרעגן:

— ווי קומסטו דערצו, אז זי זאָל האָבן א קינד?...

— ס'דערקענט זיך נישט אָן איר ?... — שוידערט זי.

ביים מאַן נעמט שמייכלען א האַלב פּנים מיט צופרידנקייט:

— אויך גוט, אז ס'געפינט זיך נאָך אזוינע, און שעמט זיך אפילו נישט דערנאָך ארויסצעווייזן אין גאַס אריין...

און אז זי שווייגט, רעדט ער ווייטער:

— און נאָכמער: ס'געפינט זיך גאָר קיינער נישט, זעסטו, וואָס זאָל איר דאָ וועלן אריינקוקן אין די אויגן, פרעך, א שמייכל־מאָן, נאָר — מ'טרעט נאָך פאַר איר אָפּ אַנ'אָרט אויפן טראָטואַר...

דאָס ווייב שווייגט שוין אים נישט מער, און שרייט־אָן אויף אים:

— ביזט איר מאַן אודאי מקנא, יא ?...

— און ווי מיינסטו, כ'בין אים נישט מקנא ? — קוקט ער איר אין די אויגן, עפּעס אזוי ווי מיט א בקשה...

— אזוי ? — פאַרקרימט זי ס'נעזל, — האָסטו א ברירה... איך וועל מיך נישט לאָזן אָפּריידן...

— אַזאַ חרפּה איז עס, מיינסטו ?

דאָס ווייב רעדט נישט מער; און מ'גייט נאָך דערנאָך גאַס־איין, גאַס־אויס, אָבער שוין ווייט נישט אזוי געמיטלאָך, ווייט נישט אויפגעלייגט... איר שטערן קנייטשט זיך, ס'איז קענטיק: ווי זי טראַכט שטילערהייט איבער דער פרוי, וועלכע האָט זיך נאָר אויף איר אומגליק דאָ באַזעצט אונטן אין קעלער, אז זי זאָל אים זיין א דאָרן אין אויג, איר מאַן...

דאָס ווייב איז געוואָרן ברוגז אויפן מאַן. דערפאַר, ווייל ארויס־גייענדיק איינמאָל פון שטוב, שוין אַ גוטע האַלבע שעה נאָכדעם, ווי ער האָט איר געקושט אין קאָפּ, און געזאָלט האָבן אוועקגע־גאַנגען צו דער ארבעט — האָט זיך פּלוצלינג אויפגעמאַכט די טיר פון קעלער, און איר מאַן איז פון דאָרט ארויסגעקומען; אַ שטן: האָט ער פונקט באַדאַרפט ארויסגיין פון דאָרטן, גראָד ווען זי האָט נאָך עפּעס־וואָס, אַ קלייניקייט, געוואָלט אַראָפּגיין אין גאָס אריין, — און גלייך ארויף, איר אין פּנים אריין; דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט און צופעליג, אַז זי איז געבליבן שטיין נאָר כמעט צו פאַלן אין חלשות; ער ווידער האָט זיך געפונען דערמיט אין אַזאַ פאַרלעגנקייט, אַז ר'האָט זיך גאָר נישט געקענט ארויסהעלפן...

ס'האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרץ. די נישט ארויסגערעדטע חרפּה — באַדעקט ס'פּנים, און אַזוי ווי מיט ערביטערונג וואָס האָט זאָגאָר טונקעלער געמאַכט איר שטימע — האָט זי ביי אים ער־שטוינט געפרעגט:

— ווי קומסטו אין קעלער אריין?

ער האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן; און נאָר מיט די אויגן געזוכט ערגעץ ארויסצובאַקומען זיך, פונקט אַ שטייגער, ווי זי וואָלט אים געווען געכאַפּט מיט אַ פרעמד ווייב אינאיינעם, — וואו ס'איז נישטאָ קיין שום פאַרענטפערונג...

— ווי קומסטו אין קעלער אריין?... ביזט דאָך שוין פון אַ האַלבע שעה, און מער אפשר, — אוועק צו דער ארבעט?

דער מאַן האָט זיך דאָך ווי־ס'איז געפונען, זיך אויסגע־דרייט מיט אַ תירוץ, און ווי־נישט געקענט נאָך אוועקגיין, שפּירנדיק אַז ס'ווייב וועט שוין זיין דאָ אויף אים אש להבה, נאָך דער מעשה...

און דאָס ווייב האָט טאַקע נישט גערוט; אריינגעפאַלן גלייך אין קעלער מיט אַ ברען, ווי צו שונאים, וואָס ווילן פון איר אָפּריידן דעם מאַן, — און געציטערט פאַר כעס און אויפרעגונג:

— צו וואָס האָט איר דאָ געהאַלטן מיין מאַן, זאָגט מיר! גיכער!...

קיינער פון די קעלערדיקע ברואים האָט זיך אויף איר, די פאַריסענע, דאַר־פיסלדיקע ווייב, נישט אומגעקוקט; ביז איר שרייען האָט אויפגערודערט אַ בערגעלע שמאַטעס, און דער קאָפּ פון אַן אַלטע, אפשר — הונדערט יעריגע זקנה, האָט אַ ניכטערע געשאָקלט מיט די צעיורענע גאָמבע:

— ס׳האָט אים קיינער נישט דאָ אַריינגענומען, און געהאַלטן; וואָס שרייט איר אַזוי...

איר כעס האָט נאָכמער געוואַקסן און געברענט צוליב דער גלייכגילטיגקייט פון דער פרוי, וואָס איז דערביי געזעסן אַזוי צעלייגט אויף אַ נידריק פיסנבענקעלע, געניייט אַ זאָק, און עפּעס אַזוי בייזוויליג איר אנגעקוקט, אָן איין וואָרט.

— וואָס האָט דאָ מיין מאַן געטאָן? — האָט זי זיך געצאַפּלט, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַ פאַרשטיקט געוויין האַלט זיך אין אַרויסרייסן ביי איר, פון אונטערן האַרץ...

— וואָס אייער מאַן האָט דאָ געטאָן? — האָט די פרוי צעעפנט ס׳מויל ציין, און אַרויסגעלאָכט ווי פון אַ פאַס, — זיך געקומען נאָכפרעגן: ווי אַזוי כ׳וועל מיין מאַן האָבן אַ קינד?...

און דאָס געוויין וואָס האָט פון פריער געהאַנגען אויף אַ האָר, האָט זיך אַרויסגעריסן ביי איר, — פאַרלאָזנדיק דעם קעלער.

דער מאַן, אַהיימגייענדיק, האָט שוין געוואוסט, אַז ער האָט אין ווייב זיינעם זיך איינגעקויפט אַ שונא; און אַריינקומענדיק אין שטוב — נישט געקענט איר אָפּרייסן פון דער קאַנאַפּע, וואו זי איז טאַקע זייט דאַן געלעגן, כמעט נישט אַנגעטאָנענערהייט, נישט פאַרקעמט, און נאָר געהאַלטן אין איין וויינען ווי אַ קליין קינד...

— וואָס איז דיר? און איבער וואָס ווילסטו זיך ס׳לעבן נעמען?... ווייל כ׳בין געוועזן ביי זיי אין קעלער?..

האָט דאָס ווייב ערשט אַרויסגעקייכט מיט אַ געוויין, אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך געהאַט אָנגעקליבן ביי איר אונטערן האַרץ, און נישט געהאַט דעם גאַנצן טאָג פאַר וועמען אַראָפּצעוויינען.

— וואָס, דו גייסט שוין אין קעלער אַריין צו איר, אינטער דיין ווייב׳ס וויסן?...

— וואָס האָסטו אַזוי מורא, אַז כ׳גיי?... ס׳וועט חלילה, קיין שום שלעכטס נישט ברייגנען; זי האָט אַ מאַן, אַ טרעגער, אַ שווער אויסגעהאָרעוועטן מענטש.

— אַזוי?... און צו וואָס גייסטו ווידער צו איר?... פּועל׳ן אפשר: כ׳זאָל מיך פאַרזען אין איר?... יאָ?..

דער מאַן נעמט איר קוים איין, זעצט זי אַוועק צום טיש, גלעט איר לאַסקאַווע די האָר, צענעמט זיי מיט די פינגער, אַזוי ווי מיט אַ קאַם, און וויל איר אַזוי ווי ברוגז׳ערהייט דערווייזן:

— נאַריש קינד, וואָס דו ביזט... כ׳האָב אַריינגעבליקט דער־פאַר, ווייל ס׳האָט מיך פאַרקלעמט ביים האַרץ... האָסט געזען: אַ נידריק שטיבל... דער מאַן — אַנ׳אויסגעאַרבעטער מענטש: און ביי מיר — אַזעלכע העלע ליכטיקע שטובן, צאַפּלט שוין דאַרט עפּעס ביי וועמען און דערפרייט ס׳האַרץ, און ביי מיר איז אַזוי פּוסט אומעטום...

דאָס ווייב טוליעט זיך... שפּאַרט צו, קענטיק, פאַר רחמנות, איר קאָפּ צו זיין האַרץ און פאַרזינקט אַזוי אויף אַ לאַנגע ווילע... עס ווערט דורך דער צייט טונקל אין דרויסן, און במילא — טונקל אין די שטובן; קיין האַנט שטרעקט זיך נישט אויס צו מאַכן ליכטיק. זיי רירן זיך נישט. אין ביידנס הערצער קלאַפּט עפּעס שטאַרקער, ווילדער... אַזוי, אַז ווען זיינע הענט הויבן איר אָן אַרומצופּלעכטן ווי האַרטע טרוקענע צווייגן, — בלייבט זי כמעט ווילנלאָז, צעפּאַלן, נאָכגיביק...

און ס׳בליצט ביי אים אויף אַ שגעון אין קאָפּ, דער שגעון וואָס די פרוי אין קעלער ווייסט נישט פון אַזאַ עקשנות, און האָט היינט אינדערפרי אַזוי גראָב און נאַריש אים אויסגעלאַכט:

— אייער ווייב האָט די דעה איבער אייך!...

דאָס ווייב דערשפּירט: דער מאַן צעפּלאָקערט זיך, ווערט פּלאָ־מיקער, און ווייסט, ס'וועט איר קיין שטיק געזונט דערפון נישט צוקומען; עס וועלן זיך באַלד נעמען צעגליען אירע גערערים... אַזוי נעמט זי זיך עפּעס צאַפּלען, אַפּווערן, בייסן זיין לייב אַזוי שאַרף מיט די ציין, אַז זיי ווערן איר אַזש היילים אין מויל...

*

זי איז געוואָרן ברוגז... אַראָפּגעלאָזט ס'קעפּל, און נישט געקענט אים מער קוקן, דעם מאַן, אין די אויגן...

אים האָט אַ געלעכטער געשטיקט:

— נאַריש ווייב, וואָס דו ביזט... מיינסט טאַקע: אַז דו האָסט ערשט חתונה געהאַט מיט מיר?...

— און דו מיינסט: אַז כ'הויב שוין מאָרגן אָן צו טראָגן?...

און כאָטש זי האָט גערעדט אַזוי זיכער, און מיט חוצפּה זאָגאַר, האָט איר דאָך ס'האַרץ געקלאַפּט דערביי, ווייל זי איז געווען אין הוילע שרעק:

— אויב זי טראָגט שוין ווירקלאַך נישט?...

געוואָרן נערוועז. ביי יעדע קליינינגקייט זיך געוואָרפן, גע־ראַקט פון דער האַנט, געבראָקט, אָבער ווען דער מאַן האָט אויפגע־הויבן נ'קאָפּ, אַריינגענומען אירן אין זיינע הענט, און פינסטער אַריינגעקוקט אין אירע אויגן:

— הער, עטעל, טראָגסטו, — זאָלסטו ווידער קיין קונצען נישט מאַכן, בעט איך דיך...

האָט זי זיך טאַקע דערשראָקן פאַר זיין קוק, און ווייכער גע־וואָרן... ס'האָט איר פאַר אַ צייט אַזוי ווי געמאַכט פאַרגעסן אין אַלעם, און מיט אַ גאַנצע צערטלאַכקייט זיך שוין נאָכדעם געפּלעגט וואַרפן צו אים, אים אַרומכאַפּן אין דער טונקלקייט וואָס צווישן די ווענט, און זיך לאָזן כמעט אויף הפקר אין זיינע אָרעמס:

— טו מיר, מיין מאַן, וואָס ס'האַרץ דיינס גלוסט...

האַלט ער איר ביי זיך; און אַז זי וואַרימט זיינע גלידער, אַזוי זעט ער אַ ליכטיקייט, אַ געקרוינטע ליכטיקייט אויף זיין קאָפּ; אַ בריילאַכקייט, — וואָס מאַכט פול אַלע ווינקאַלאַך; אַ געזאַנג. — ווי ס׳רוישן פון פליגעלאַך ביי אַ קליין מלאכ׳ל...

און ווערט ער איבערגעוועבט פון אַ שטראַל וואָס פאַלט אַריין פון די גאַסנלאָמפּן, — איבער די ווענט, און הויבט איר אויך אָן אָנצוזען, ארויסשיילנדיק זיך אַזוי שלאַנק און בלאַנק פאַר זיך — ווערט ער שוין גאַנץ ניכטער, לעבעדיק, „האָצי, האָצי, ווייבעלע מיינס...“ מאַכט ליכטיק, און בלייבט דאָ גאַנץ אונערוואַרט צוריק פאַרגליווערט פאַר אירע אויסגעווייינטע אויגן.

— וואָס, עטעל, דו האָסט געוויינט?...

באַהאַלט זי שעמעוודיק און באַ׳חנ׳ט ס׳פּנים הינטערן קישן, — ער זאָל דאָס נישט זען ביי איר, אין דער אויפגעהעלטער ליכ־טיגקייט; און ער פילט אָבער ווי די טרערן אירע קוילערן זיך איבער די באַקן, וואַרימע טראָפּנס — נעמט ער אָפּשטיין פון אַלעם וואָס ר׳האָט געוואָלט, און פרואווט איר דערמינטערן:

— אויב דו האָסט אַזוי מורא, עטעל, וועל איך דיך ווידער נישט נייטן; ס׳איז נאָך גאָר נישט אַזוי לאַנג נאָך אונזער חתונה!...

און גלעט איר צערטלאַך איבערן קאָפּ:

— האָסט נישט וואָס צו וויינען, זיך אָוועקצוברייינגען... וואָרים, אַז דו וועסט דיך וועלן אָפּנאַרן נאָך מיט אַ יאָר, אָדער צוויי — וועל איך דיר נישט לאָזן באַקומען, מיינסטו?...

זי שפּרינגט פון דער הויט... ס׳פּנים שטראַלט... זי ווערט צוריק לעבעדיק, אויפגעלייגט... שטיפעריש... אַ יונגע ציג... יאַרפט זיך צו אים אויפן האַלז... און אַזוי בויגזאַם, שלאַנגיש. מיט אַזוי פיל פייער קלעטערט זי איבער אים, און גלעט אים:

— אַזוי זעסטו, האָב איך דיך ליב... אַזוי זעסטו, האָב איך דיך ליב...

איר פריַיד האָט אים אַ קליין ביסעלע פאַרטויבט; און ביים אַוועקגיין אינדערפרי, ס'איז אים איַינגעקומען זיך צו באַגעגענען מיט דער טיר פון קעלער, און ווער רעדט, אַ מאָל נאָך אַרויפגיין אויף דער פרוי, וואָס איז שוין דאָן געווען אין די פולע חדשים — איז ער געבליבן טרויעריק, און נישט ווילנדיק זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד, און געטראַכט:

— אַזאַ אָרים הויז, און ס'ווייב וויל גאָר נישט אָנטאָן קיין גוואַלד איבער זיך!...

פאַר דאָס האָט ביים ווייב זיַינעם, פאַרקערט, — געזונגען ס'האַרץ; ווי אַ זומער־פייגעלע האָט זי געזשימעט אַ גאַנצן טאָג איבער די שטובן, און זיך געשפּילט מיט שטראַלן זון־שטויב... און ווען איר האַרץ האָט זיך שוין געהאַט גוט צעשפּילט, און דער מאַן, — האָט זי געזען, — איז אַזוי רואיק, גלאַט, אַזוי ווי ר'וואָלט קיין־מאָל נישט געחלום'ט פון גאָר — האָט עס איר פלוצלינג אַ קלאַפּ־געטאָן איבערן קאָפּ, פאַרשווינדלט אין די אויגן... אַ צוק... און זיך איבערגעשראָקן אויפ'ם טויט:

— איז זי שוין נישט אַמאָל אין עסק?... טאַקע דערפאַר ווייל איר מאַן איז איצט אַזאַ שטילינקער, ווי אַ קליין וואַסערל. און לאָזט איר אינגאַנצן און מיט אַלעמען צורו?... צורו?... נאָר פון יענע טעג ווען זי איז געווען אַזוי געפאַלן ביי זיך, און נישט געקענט אויסשטיין זיין ברוגז?... זיינע קאַפּריזן?... האָט זי עפּעס נישט אַמאָל גע'ירשנ'ט פון אים?...

איר פּנים איז פלוצלינג און מיט אַמאָל געוואָרן פאַרגעלבט, אונטער די אויגן — טונקל, אויפגעהערט צו אָטעמען אַזוי ברייט, און זיך געשפּירט ווי אַ פויגל, וואָס האָט זיך געלאָזט כאַפּן אין שטייג...

און אַז דער מאַן איז דאָס מאָל איר געקומען אונטער די אויגן, — האָט זיך אים ס'האַרץ גענומען וואַרפן, און צאַפּלען, די אויגן געלאָפן פון די לעבער, עפּעס אַזוי ווי ר'וואָלט זיך מער נישט געקאָנט געפינען:

— עטעל... וואָס זאָגסטו?... ס'איז ערשט בלויז אַ קלער ביי דיר?... נישט: דו ביזט מיט אַלעם זיכער?... ע־עט־על?...

ס'ווייב איז בייז... זי לויפט... אַ בייזע אומרו שטעקט אין איר... ס'יאָגט איר אַריין און אַרויס... און ווען זי זעט די פרוי, וואָס אין קעלער, — פאַרשטעלט זי זיך ס'פּנים.

— וואָס, אַזוי וועל איך אויך אַמאָל אויסזען?...

און שטייט צו צום מאַן:

— קום ערגעץ, און מ'וועט פאַרטאָן... ס'איז נאָך פרי.. פון אָנהויב...

גיט ער איר אַ מעסט־אָן, מיט דעם בליק פון צוקינפּטיקן טאַטן, וואָס וואַכט אויף ביי אים:

— ווי?... ווילסט דער'הרג'ענען?... נו, האָסטו אַ ברירה!..

און ס'לשון ווערט ביי איר אָפּגענומען...

אַ שטילער, פאַרצווינגענער ברוגז...

אויף די ליכטיקע טעג קוקט זי מיט אומעטיקע, טריבע, האַלב אויסגעוויינטע אויגן; און אין די כמורנע טעג — ליגט זי ווידער אַריינגעגראָבן אין בעט, ווייל זיך נישט אָנטאָן, נישט פאַרקעמען. עפּעס אַזוי פאַרלעגן... אַרום וואַקסט דער שימל, און זי טראַכט נאָר אַריין אין זיך — פול מיט כעס.

— יאַ... ער האָט מיך אָנגעקריגן, מיין מאַן?...

און דער מאַן, — אַ שטאַרקייט פילט אָן זיינע גלידער, ער דרייט זיך אַרום אין הויז, זיך פילנדיק ווי אַ ברייטער טאַטע און האָט אויף אַלעם אויסצוזעצן:

— שוין?... מער קיין שטוב נישט?... און קיין ווייב נישט?...

פּרוּווט איר אפילו אויסמינטערן, און ווען זי שליידערט זיך, קאָפּעט אים אַוועק, — אַזוי אַרט עס אים אויך נישט מער, גייט עס אים נישט שטאַרק אין לעבן ; ער ווייסט: ס׳ברויך אַזוי זיין... זי זאָל וואַרפן... שליידערן... און אַז זי וועט שוין שפּע־טער אַנדערש ווערן... זי זאָל נאָר האָבן... בשלום אויסגעבונדן ווערן... ווערן אַ מאַמע...

און ער גייט זיך נעלאַסן, גלעט זיך דאָס שאַרף־אויסגעראַזירטע גלאַטע פּנים, רויכערט ברייט, מיט דער פולער שטאַרקייט פון אַ מאַן, וואָס שפּירט — ער איז שטאַרקער געוועזן פאַרן ווייב, און אויסגעפּירט איבער איר...

לאַכט ברייטלאַך :

— כ׳זע שוין, ס׳וועט פון דיר זיין אַ הייסע מאַמע...

זיצנדיק ביי דער אַרבעט, לאָזט עס אים אָבער נישט איינ־רוען... איז אים די מינוט אַ יאָר... ער קלערט שטאַרק איבער :

— אַזאַ ווילדע קאַץ, ביז דאָס וועט ווערן אַ מוטער, וואָס דאָס קען איבער זיך אָנטאָן ?... אַז, זיי האָבן דאָך קיין שכל נישט !... און ער מוז איצט האָבן אַן אויג אויף איר...

און אַזוי גיך ווי ער קומט אין שטוב, זעט איר ליגן אויף דער קאַנאַפּע, ווען אפילו — פאַר׳הושכ׳ט, אַזוי ציט ער שוין פריי אָפּ נ׳אָטעם, און ס׳האַרץ הערט אים אויף אַזוי צו זעצן...

ער באַרואיקט זיך אָבער נאָך נישט, און גייט איבער די שטובן, קוקט מיט חשד אויף אַלעם, שמעקט מיטן נאָז ווי אַ שמעק־הונט ; שאָקלט אַדורך צווישן די סלויאַקלאַך אין דער קיך, און גיט אַ לעק די ברעקלאַך געמאָלענעם פעפער, פאַפּריקע, מוש־טאַרדע, אויב ס׳שפּירט זיך נישט דאָרט קיין אַנדערער טעם...

און טיילמאָל שטייט ער צו צום ווייב, קענטיק : בלויז אָפּ־צוקומען פאַר איר, און גלעט איר קאָפּ :

— וואָס, ביזט טאַקע אַזוי ברוגז אויף מיר ?...

זי ענטפערט נישט.

— טו דיך אָן, און קום אין גאַס אַריין...

און זי רירט זיך נישט.

ברענגט אים דאָס עקשנות איר׳ס אַרויס פון די כלים, און נעמט ברומען גראָב, אונטער דער צונג, אַזוי — דאָס זי שטייט אויף כמעט קעגן איר ווילן, נעמט עפּעס אויף זיך, און קלייבט מיט אים צו גיין.

— יאָ... איצט קענסטו נאָך פּ־על׳ן ביי מיר, אָבער שפּעטער, מיינסטו, — וועל איך אויך קענען גיין מיט דיר, ווען דו וועסט ווילן?...

און זיי גייעןביידע ברוגז׳ע, גייען איינפּיסיק אַרונטער מיט יעדע טרעפּ, און ווען זיי קומען צום טיר, — גיט זיך פּלוצלינג אַרויס אַרויס אַ געוויין פון קעלער, אַ געוויין פון אַ קליין־ברעקעלע קינד...

און זיי בלייבן ביידע שטיין... אָפּגענומען די פיס, קענען זיך מער נישט אַוועקרירן פון אָרט:

— עט־על!...

אירע אויגן בלישטשען, ס׳האַרץ, זעט מען — נעמט זיך וואַרפן, און באַלד גיט זי זיך אַרויס פון זיין האַנט, און אַ שפּרונג איבער אַלע שטיגן, באַלט איבער דער טיר פון קעלער, און קוקט... קוקט אויף דער פרוי וואָס שטייט אַזוי שלאַנק און האָט פון זיך אויסגעטאָן ס׳קינד... איר קערפּער איז שוין איצט גלייך ווי אַ בוים... די האָר — פאַרקעמט אין אַ לאַנגן צאָפּ, ליגט איבער די פּלייצעס...

און זי ציטערט, דאָס ווייבל, ברענגט קוים אַרויס פאַרן מויל:

— וואו האָט איר ס׳קינד?...

די פרוי קוקט אויף איר, ס׳פּנים — צעשמייכלט:

— איר ווילט זען מיין קינד?...

און באַווייזט איר אין קישן אַ רויט שטיקל פּנים׳ל, וואָס קרימט זיך, און מלאַסקעט מיט די ליפּעלאַך...

אַזוי גיט זי דאָס אַ כאַפּ, נעמט קושן די רויטע ליפּעלאַך, און שפּרינגט דערמיט... טאַנצט... וויגט עס אין דער לופטן...

און פרייט זיך, מיט טרערן אין די אויגן:

— אזא קינד וועל איך אויך האבן?.. אזא קינדעלע?...

— און אזא קינד האב איך נישט געוואלט האבן?...

און פארשטייט נישט, וואס ס׳האט זיך דא אזעלכעס מיט איר געטאן...

און טיר שטייט דער מאן, קוקט אויפ׳ן ווייב, וועלכע ס׳האט אזא טיפע פרייד ארומגענומען, און ס׳פנים שיינט אים:

— כ׳האב געוואוסט, אז זי וועט זיין א הייסע מאמע, נאר כ׳האב נישט גערעכנט: אז דאס זאל נאך זיין פריער איידער זי וועט געבוירן...

די ערשטע צייט

ס׳יונגע ווייבל האָט זיך באַלד נאָך דער חתונה אָפּגעקילט; איר היי״ם פלאַטערן, וואָס איז געווען ענלאַך ווי ביי א טויב, האָט זיך צוביסלאַך געלאָשן, און דאָס גיריקע חלשן צו זיין אינאיינעם מיטן מאַן, זיך אַרומכאַפּן מיט אים, לאָזן אויסקנעטן מיט אים אזוי ווי פון איין שטיק טייג, אבסאָלוט פאַרפאַלן ווערן אין אים און מיט אים, — האָט אָנגעהויבן אָפּצעפּאַלן און זיך אָפּטיילן; און זי איז באַלד געבליבן כמעט ווי ענטוישט, מער אויסגעניכטערט, מער אויסגעלייטערט, און מיט ריינערע אויגן געקענט אריינקוקן אין דער פאַרנעפּלטער פאַרגאַנגענהייט, זיך איבערלייגן מיט א קלאָרן ישוב־הדעת:

— אַז, ס׳איז מער געווען דער בלאַסק, דער שימער, ס׳חלשן. ווי ס׳דערגרייכן...

און פונקט ווי די פאַרבן אויף די פעדערן פון אַן אַלטע, פאַרעלטערטע פּאַווע, זיי ווערן גראָער, מאַטער — אזוי האָבן די פלאַמען אין אירע באַקן זיך פאַרענדערט; איר בליק האָט אצינד אַרומגעשוועבט אין שטוב, אויף די אַלע קליינע פאַרצעלייענע קעפּלאַך, וואַזאָנען, וואָס זי האָט באַקומען צוגעשיקט צו דער חתונה, דאָס איינציקע וואָס פלעגט איר אצינד נאָך דערמאָנען, אַז זי האָט געלעבט א מאָל אין א מיידלשע צייט, וועלכע וועט שוין פאַרבלייבן א סימוואָל, א גאָלדענע ערינערונג.

זי האָט זיך אצינד געפילט אזוי איינזאַם, אָפּגעריסן פון אַלע חברטעס, נאָכן אָנקומען צום מאַן, וועלכער האָט באַדאַרפט אויספילן מיט זיך די פּוסטקייט אירע, פאַר יענע אַלע יונגנד־מיידלאַך; איר פאַרזיסן די טעג, — אַז זי זאָל ערשט אָנהויבן בליען ווי א יונגע רויז, זיך שפּינלען אין דער ליכטיגקייט פון דער גאָלדענער זון; צו איר מאַן, דעם יונגן בלייכן שאָטין, צו וועלכן זי האָט געשפּירט

אַ שטאַרקע ליבשאַפט פון פריער נאָך, און זיין בלייכקייט איז גע־ וועז אין אירע אויגן אַזוי ווי ס׳בלייכקייט פון די הימלען ; צו דעם מאַן, האָט איר איצט, נאָכן ערשטן ביכל צוזאַמענלעבן — פאַרשידענע פּרעמדע געפילן באַהערשט, ווייטע, אומהיימלאַכע, און זי געמאַכט ציטעריק ווי אַ שוואַלב, קאַפּריזנע ווי אַ קינד...

אין דער פרי, ליגנדיק אין בעט, פלעגט זיך איר שוין לאַנג־ ווײַלינן, ביז צום ברעכן ; דאָס פּנים צעקנייטשט, האַלב־אויס־ געוויקט, געלב — פלעגט זי דערזען אין דער גרויסער שפּיגל־טיר פון דער וועש־שאַנק, וואָס איז געשטאַנען צופוסנס פון די בעטן ; אַז איר מאַן, דער בלייכער שאַטין, גייט אַוועק אַרום ניינע — בלייבט שוין שטיל אין שטוב, לײדיק, און זי קען אָפּליגן צייטן אומגעשטערט, נישט אָנגעזען פון קיינעם, ס׳זאָל קיינער נישט באַאומרואיקן איר ליידיקן קאָפּ ; שפּעטער — אַרויסשפּרינגען ראַפּטום פון בעט, נישט ווייסנדיק צומאָלט אַז זי ליגט נישט מער, און אַז זי גייט אַרום איבער אַלע דריי אָפענע שטובן, פון שלאָף־ שטוב ביז אין דער קיך, אָפּשטעלן זיך סתם, זיך פאַרהאַלטן דאָ אויף אַ רגע אָהן שום סבה, און באַלד ווייטער גיין אָן אַ צוועק ; נישט באַמערקן די ריינקייט און די ליטערע שטילקייט וואָס ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלעם, פון אַ קליין שפּילקעלע ביז צו אַ גרוי־ סע מאַסיווע קרעדענס־שאַנק, פאָרצעליי־געפעס, און מיט איינ־ מאָל אַזוי ווי אין עפּעס זיך דערמאָנען, און כאַפּן אויף דער גיך זיך אָנטאָן, פאַרטיק ווערן איבער אַ רגע, אַזוי ווי עפּעס אַ נייטיקע זאַך וואָלט איר געטריבן, און וואָס זי קען נאָך חלילה, פאַרשפּעטיגן, אַז זי זאָל זיך אַזוי פאַרגעסן ; לענגער פלעגט זי האָבן צו טאָן מיט די האָר, דאָ האָט זי זיך שוין נישט געקענט העלפן, און די לעקלאַך מיט די הערלאַך זיך געמוזט קרייזלען ביים טואַלעט־שפּיגל, זיצנדיק דערביי אין אַ העל־זייי־ דענע אונטער־האַלקע, פאַרלייגט אַ פוס, אַז ס׳גראָבע פלייש האָט זיך שרעקלאַך צעשפּרייט אין צעצויגענעם זיידענעם שיטערן זאָק ; אויפפרישן זיך די באַקן, זיי געבן די ריכטיקע קאָליר, אָנבייסן

די ליפּן רויטליכער, די אויגן צוגעבן עטוואָס גלאַנץ, און שוין אַזוי אַוועקגיין אַ פּאַרטיקע מיט אַלעם, אין גאַס אַריין שפּאַצירן...

זעלטן, אַז זי האָט אַדורכגעלאָזט אַ שפּאַציר; ס'איז שוין ביי איר געווען, ווי אַ שטיק לעבן — באָטש צוויי־דריי מאָל זיך אַדורכצוגיין איבער דער גאַס, און נאָכדעם קומען אַהיים, גע־וויינטלאַך, צום מיטאָג; ביים מיטאָג איז זי שוין ווידער גע־זעסן אין אַ לייכטן דורכזיכטיקן פּעניואַר, נאַקעט די הענט ביז אַרי־בער די עלנבויגן, און פון די עלנבויגנס, העכער — ברייטע גלח'יִ־שע אַרבל, צוליב וועלכעס ברייטקייט מ'האָט אויך צום איבריקן אַרויסגעזען די האַנט ביזן שאָטנדיקן ווינקל; דער קאָפּ האָר — יאַפּאַניש אַרויפגעדרייט מיט אַ שפּיץ, אַזאַ אַרט סאַלאָן־פריזורע, וועלכע האָט זיך צו דער צייט פריש און פייכט געהאַלטן פון קעלנער וואַסער, און פאַרשמעקט איר גוף, אים צוגעגעבן אַ זעלטן צאַרטע פרישקייט; און געגעסן האָט זי מיט טאַקט, איבער־געלייגט, — געשניטן פּעניצלאַך מיטן מעסער, צוהאַלטנדיק מיטן גאָפּל, דאָס געקייט פויל אויף די באַק־ציין, און מער געקוקט אויף די פּאָלירטע מאַניקור־נעגל, אויף די געריייניקטע קינסטלאַכע ציין, — אַנטקעגנאיבער אין שפּיגל, ווי מיטן עסן גופא זיך אָפּגע־געבן...

מיטן מאַן האָט זי דענסטמאָל קנאַפּ גערעדט; ס'האָט זיך עפּעס געפילט צווישן זיי אַן אַנגעצויגנקייט, און ס'האָט דאַן אויס־געזען, אַזוי ווי מ'וואָלט אַלע מאָל באַדאַרפט האָבן אַ דריטן מענטש, וואָס זאָל קענען אַדורכברייכגען צווישן זיי, אַזעלכעס וואָס הייגגט אין לופטן, און האַלט דעם ברוגז; זי האָט נישט געקוקט צו אים, גראָד ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס געפילט שולדיק קעגן אים נאָך פון דער חתונה־נאַכט, אַזעלכעס וואָס זי קען אים נישט אַרויס־צאָלן, און וואָס דעם מאַן קען זיך אַפילו נישט חלום'ן אויפצומאָנען ביי איר...

עפּעס האָט איר, דער פרוי, נישט אָנגעהויבן באַלד שמעקן דאָס פרויען־לעבן; און פּונקט אַזוי ווי ס'האָט איר פריער געריסן, און זי האָט דורכאויס געוואָלט אַריבעריאָגן יענע צייט, אַז זי זאָל וואָס גיכער זיין פון הינטן, — האָט עס איר באַזונדער נישט געשמעקט אַצינד; פון דרויסן האָט זיך אפילו אַלץ אומגעביטן: זי געפינט זיך אין דריי ליכטיקע באַקוועמע שטובן, און קוקנדיק אויף די שטאָרן, וואָס זיינען בלאַס־בלאָ פון די פּיאָלעטע, מאַטרויטלאַכע אָוונטן — רייסט זיך נאָכמער איר האַרץ, און דערשפּירט ערשט ריכטיק איר גרויסע מיידלשע בענקשאַפט, וואָס ציט זיך פאַר איר אין דער טיפער אומענדליכקייט; און ווי אַ ראָזע ערינערונג שווימט אַרויף עפּעס אַ גאָלדענער פאַרלאַנג פון מיידלשע באַהאַלטענע באַגערן, וואָס איז גלייך צו האַלב־צייטיקע קאָרנפעלדער, נישט דערשטאַנענע נאָך, און בלויז טיילווייז באַגילדטע...

זי האָט זיך אין מאַן נישט גענאַרט, אין דעם בלייכן שאַטין, אין דעם לאַנגן אויסגעצויגענעם, וואָס מיטן שמאָלן געזיכט און דאַרע זשעברעס, וועלכע מ'האָט געקענט אָנציילן ביי אים אויפן לייב, ווי ביי אַ כאַרט; ער איז נאָר געווען אַ קליין ביסעלע טרוקן, אָן אַ ברעקל פּאָעזיע, אָבער דערפאַר מיט זייער פיל נאַטירלאַכער גוטסקייט, און איר צעטראָגנקייט האָט אים נישט ווייניק שלעכט געשטימט, ער זאָל ברויכן אַרומגיין אָן אַ קאָפּ; ס'האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן ביי אַן אַרבייט, במנוחה אַראָפּשלונגען אַ ביסן ברויט, אַז זיין בליק זאָל זיך נישט דערביי פאַרטיפן אין איר, און אַלצאַינאַיינעם פרעגן:

— כ'וויים גאָר נישט, וואָס ס'עסט איר אַזעלכעס און גראָבט איר אונטער, אַזוי ווי אַ וואָרים גראָבט אונטער אַ בוים; ס'אַראַ פּנים זי האָט, וואָס דער וואָלקן גייט קיינמאָל דערפון נישט אַרונטער, נאָר מאַכט עס באַטריבט ווי דעם הימל אין רעגנדיקע טעג, — לויטער רעגנדיקע טעג אין איר פּנים...

זי פלעגט נאָר דענסטמאָל קריינקליך שמייכלען, אומנאַטירלאַך שמייכלען, זוכן אַ תירוץ, אַן אויסרייד פון דער וואַנט

און ווידער נישט קענען זיך אויסריידן מיט אים; אַ מאָדנע שע־מעוודיק געפיל האָט איר ארומגענומען אין אזעלכע מינוטן, ווען דער מאַן איז צוגעשטאַנען צו איר, איר געפייניגט מיט די זיס־נארישע רייד, אז זי האָט שוין געמוזט זיך פארשטעלן ס'פּנים מיטביידע הענט, אָדער באַהאַלטן דעם גאַנצן קאָפּ אירן אין אַ פאַלע פון קלייד, און זיך קווינקלען מאָדנע קינדיש:

— כ'וויים אליין נישט...

אַ נישט, אינגאַנצן גאָר אוועקגיין פון טיש, אראָפּלאָזן די פאָר־האַנגען, ס'זאָל זיין טונקעלער אין שטוב, און זיך אויסלייגן אויף דער העל־דעסענירט־פּלושענער אָטאָמאַנע, זיך אויסשפּרייטן און צענעמען די פּיס אין אַזאַ אופן, וואָס זי וואָלט זיך אפשר געשעמט צו טאָן מיידלוויז, און זיך צושמייכלען:

— ווי נאַטירלאָך ס'איז אזוי, ווי באַלד מ'האָט נאָר חתונה, און מ'איז מיט אַ מאַן אינאיינעם...

אין איר צעטראָגנקייט האָט זיך געשפּירט אַ לייט־מאָטיוו, איינ־אונ־דער־זעלביגער, וואָס האָט זיך אַ דורכגעצויגן, ווי אַ פיינער שטריך אין איר גאַנצער באַנעמונג און אַרט לעבן...

באַלד, נאָך אַ פּאָר טאָג זיין מיט אים נאָך דער חתונה, האָט זי זיך שוין אַנדערש דערשפּירט, געזען: אז ס'איז נישט גלאַטיק מיט איר, אזוי ווי זי וואָלט זיך שוין באַצייטנס געהאַט אָנגעשטעקט מיט עפּעס פון אים, און דאָס פּנים אירס האָט זיך פאַרטונקלט; עפּעס אזוי אומגעריכט, אומגערן, און אָן וועלכער־ס'איז איבער־לייגונג, און אַ קליין ביסעלע צופרי, האָט זיך איר אויסגעדוכט, — אז זי האָט נאָך לעת־עתה, נישט געוואוסט, ווי זי זאָל דאָס פאַר־שטיין... און געוואָרן צעטראָגן, זיך פארלוירן, אראָפּגעפאַלן פון איר קוראַזש, וואָס אַלץ ארום און ארום דער חתונה האָט איר געהאַט פאַרשאַפט, און שוין אזוי גיך נישט מער געקאָנט קומען צו זיך; זי האָט גענומען זוכן סמנים אויף איר קערפּער, מיט יעדן טאָג אַלץ מער געזוכט, געוואָלט עפּעס שפּירן, אָבער דערווײַלע נישט געשפּירט

נאָר ; כאָטש זי האָט גוט געוואוסט, אז ס׳וועט ערשט אָנהויבן צאַפּ־לען ביי איר, לעבן, — אין די העבערע חדשים און אז עס אנטוויקלט זיך דערווייל עפּעס בלויז ביי איר אין די געדערים, ס׳נעמט זיך צונויף פון א פלעק, א רויע אומבאשטימטע זאך, וואָס וועט זיך שפּעטער פאָרמירן אין א געשטאַלט, באַקומען א חיות און געבן א ריר : פּיק... פּיק... דערווייל שלאָפט נאָך אַלץ דאָרטן, נישט מער ווי ס׳וועוּט, ס׳האַלט אין ווערן, אזוי מיט איטלאכן טאָג, מיט יעדע שעה, רגע און אויגנבליק : און דאָס איינציקע וואָס ס׳גיט איר אָנצוגעהערן איז, — וואָס זי ברעכט אראָפּ ס׳עסן, ס׳דריקט איר כסדר אונטערן גריבל ביים הארץ, און האָט דערי־בער די איינציקע מעגלאכקייט זיך צו באַקלאָגן :

— זי שפּירט קיין טעם נישט אין עסן, אזוי ווי ס׳וואָלט נישט געווען ריכטיק דערזאַלצן...

ס׳האָט איר אפשר נישט אזוי שטאַרק געאַרט ס׳טראָגן, ווייל זי האָט דאָך פריער געוואוסט, און זיך דאָס באַלד פאַרגענומען, אז זי האָט חתונה דארויף, און אז זי קען נאָר העכסטנס אָפּשלעפּן א חודש, נאָך א חודש, און אז פריער צו שפּעטער מוז דאָס זיין אומפאַרמיידלאך ; נישט מער, וואָס ס׳האָט זיך אזוי נ׳אָנגלע געמאַכט, פּלוצלינג, גראָד ווען זי האָט זיך נישט געריכט, און אפשר נאָך דערווייל נישט געוואָלט, איז ביי איר אויסגעקומען, — אז ס׳מוז עפּעס נישט זיין מיט אַלעמען ביי איר, און אז ס׳וועט, מסתמא, זיין א פאַרזעעניש ; א קינד מיט א קעפּל פון א חזר׳ל, אָדער גאָר מיט פיסלאך פון א פערדל, מיט קאָפּיטקעלאך, אָדער ס׳מינדסטע שוין — א פלאַם אויפן באַק, א מייזל אויפן שטערן, א שראַם, א בעלמע, אָדער גאָר אן אנדערן חסרון, — וואָס זי ווייסט נישט פון אים...

זי איז געלאָפן, אין געהיים, מיט דער גאַנצער שרעק וואָס איז אויף איר אָנגעפאַלן, צו ווייבער, און מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן, פאַר־שעמט, — אזוי ווי זי וואָלט געווען א מיידל ; מ׳האָט איר געזאָגט: זי זאָל שטאַרק זיין אויסגעהיט ביי די מינדסטע באַרירונג אויף

איר לייב, באַוואָוסטזיניק אָדער נישט באַוואָוסטזיניק, וואָרים דאָס קלענסטע ביסל וויסן, דערשרעק, באַגעגעניש — קען זיך ווירקלאַך באַלד אָפּרופן אויפן פּיצעלע קינד; און זי ווייסט שוין ווי אַ נע־ניטע צו דערציילן פון פרויען, וואָס האָבן זיך אין דער צייט אָנגע־כאַפּט ביים פּנים, זעענדיק אַ פייער — האָבן זיי געהאַט אַ קינד מיט אַ פלאַם אויפן בעקל; אַן אַנדערע, וואָס האָט זיך אַזוי אָרו־מעט פאַרזען אין אַ הויקער... אַזוי, אַז ס'איז גאָר פון פאַרלירן זיך, און נישט וואָס זי האָט אָנגעהויבן אַזוי פרי צו טראָגן, און פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געקענט באַרואיקן, איינס מיט ס'אַנדערע צוזאַמענגענומען און זי איז געווען אויף צרות; מער ווי זיכער: אַז זי איז אָנגעקליידט מיט, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, וואָס פאַר אַ באַשעפעניש; און דעריבער נישט געקענט, ווען אפילו זי וואָלט געוואָלט — זיין פריי, יונג, צעלאָזן, און במילא שטאַרק אויסגעהיטן מיט איטלאַכן טריט...

— כ'וויים, קינדעלע, אַז דו ביזט אין אַזאַ צייט, — נו, ברויכסטו זיין צעטראָגן?... קאַרג פרויען זיינען גלייך מיט דיר, און גאָר נישט אַזוי קאַפּריזנע?... — האָט ער זיך פאַר איר גע־קלאָגט:

— יאָ, — זאָגט זי, — אָבער אַזוי פרי שוין... דערמאָן זיך...

און אַזוי ווי זי האַלט זיך דאָן אָן זיין אָרעם, האָט די געוואוינהייט זייט זי האָט אָנגעהויבן צו טראָגן — זיך צוהאַלטן נייענדיק אין גאַס אָן זיין אָרעם; דריקט זי אים נערוועז, האָט מורא זיך רעכט אומצוקוקן; אָבער דאָ טרעפט זי זיך גראָד ווייל זי וויל נישט, מיט אַ שטיינערן געטל ערגעץ אויף אַ ראָג־גאַס, און זעט ווי עס שטייט אַזוי איינגעמויערט און פאַרקרימט: „לאָז־מיך־געמאַך"... אויסגעבויגן, נאָר אָראָפּצופאַלן... אַזוי גיט זי נאָך פעסטער אַ נעם־אָרום דעם מאַנס האַנט, און מורמלט:

— זעסט: אַ יוזל... אַ יוזל...

ער הויבט אויף נ'קאָפּ, זעט: איר פּנים איז אַזוי בלייך, טויט־דערשראָקן, פרעגט ער:

— איז וואָס, קינדערלע, שרעקסטו דיך אזוי, — א יוזל ?...
רעט זי נישט מער, נאָר פינטלט אזוי מיט די אויגן, און גייט וויטער מיט אים ; און ביז ער קען זיך עפּעס רעכט דערשלאָגן, וואָס־וועז, דער יוזל קען איר שלעכטס טאָן, אזוי באַגעגנט זי זיך שוין ווידער מיט עפּעס א קליין מענטשעלע, א ליליפּוטל, א הויקערל, וועלכעס גייט זיך אזוי לייכט, גרינג, מיט דראָבנע טריטעלאַך, מיט אַן אויסגעגלאַנצט שמעלצנדיק פּנים׳ל, און דריקט שוין צוזאמען מיטן גאַנצן כח די האַנט זיינע, שפּרינגט שיעור נישט פון דער הויט ארויס :

— א הויקער...

איז ער נאָכמער פאר׳חדוש׳ט און פרעגט פארוואונדערט נאָכ־מער פון פריער :

— איז וואָס ארט דיך, א הויקער ?...

זי קען נישט ריידן, וואָרים איר בליק לויפט נאָך ארום צווישן דער מענגע מענטשן, זי זוכט דעם הויקער, כאָטש זי וואָלט אים גערן נישט געוואָלט זען, — און באַגעגנט זיך, מעשה שטן, מיט א נעגער, מיט א שווארצן, שמייכלענדיקן נעגער וואָס איז אזוי עלע־גאנט אָנגעטאָן און פארפּוצט, נאָר מיט א קויל־שווארץ־פּנים, — און הויבט אינגאנצן אָן צו ציטערן, צו פלאַטערן, אז ער כאַפּט איר אונטער׳ן אָרעם זי זאָל איינפאַך נישט אומפאַלן.

— וואָס האָסטו אזעלכעס געזען, זאָלסט זיך האָבן אזוי דער־שראָקן, קינדערלע ?

— א נעגער ! — שטאַמלט זי — א שווארצן...

— נו, איז וואָס גייט דיך אָן דער שווארצער ?...

— דו פרעגסט נאָך : וואָס ?... — ציטערט זי מיטן גאַנצן קערפּער, און קען נישט קומען צו זיך — הייסט : כ׳קען דאָך זיך פארזען אין אים !...

— האָסטו מורא, דו זאָלסט זיך נישט פארזען ? — ציט ער פרייער אָפּ נ׳אָטעם.

— כ׳ווייס ? אין אַזאַ צייט ?... מ׳זאָגט : ס׳האָט אַ סך דערצו... און דו וואָלסט דיך נישט געשראָקן, ווען איך וואָלט געהאַט אַ קינד מיט אַזאַ שוואַרץ פּנים׳ל און שוואַרצע הענטלאַך?...

אויף זיין בלייך פּנים, דעם מאַנס, האָט געשפּילט אַ קריינקלאַך צעצוויגענער שמייכל ; ער איז געזעסן האַלב אָנגעשפּאַרט אין דער ווייכער שטיל, און דער פאַרלייגמער פּוס האָט, קענטיק פון זיך אַליין, זיך באַוואויגן.

— האָסטו טאַקע מורא, פאַר אַ פאַרזעעניש ?... אָן אַ גע־לעכטער, מורא : זאָלסט נישט האָבן אַ קינד מיט אַ קעפּל פון אַ פערדל ?...

זי האַלט די אויגן אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, אַזוי ווי זי וואָלט אים נישט געקענט קוקן אין פּנים אַריין, און איז פּעסט ביי זיך, אָפּגעמאַכט :

— וואָרים, ס׳קען גאָר נישט געמאָלט זיין, מיינסטו ?...

— כ׳ווייס נישט, אויב יאָ — זאָגט ער אָפּגעהאַקט — און אויב ס׳האָט ערגעץ געזאָלט טרעפן: אַ פרוי זאָל האָבן אַזאַ באַשע־פעניש, ווי אַ קינד מיט אַ קעפּל פון אַ פערדל, פּיסלאַך פון אַ חזיר׳ל, אַזוי ווי דו האָסט דיר אין קאָפּ אַריינגענומען....

זי לאָזט זיך נישט איבעררעדן, און ווערט אַלץ מער צע־טראָגן ; האָט אַראָפּגענומען די בילדער פון די ווענט, אַריינגע־שטעלט און פאַרשטעקט די גיפּסענע קעפּלאַך אין דער שאַנק, און דרייט זיך אַרום אין די שטובן, וועלכע זעען אויס אַזוי ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען דערדרוימט ; ביי אים צעשמייכלט זיך אָפּט ס׳פּנים, פאַר עגמת־נפש, פאַרשטייט זיך, און יעדעס מאָל, ווען זי באַגראָבט עפּעס אַנדערש, ס׳זאָל איר נישט זיין אין די אויגן, — זוכט ער אַלץ מער איר אויסצוריידן :

— ס׳אַ נאַרעלע דו ביזט... מיינסט : כ׳מאַך מיר עפּעס ?... ס׳פאַלט מיר גאָר נישט איין !... כ׳ווייס : ס׳איז מיט אַלע אַזוי... ביי אַן ערשטלינג, וואָס איז דער חדוש ?.. ס׳איז ביי דיר פון אַלע

יאָרן געוועזן פאַרשלאָסן, און איבער וואָס דו האָסט אַ מאָל בלויז געקענט קלערן, — לעבסטו עס אַצינד איבער אין דער אמת'ן — וואָס איז דער חדוש, אַז דו ביזט אביסל אראָפּ פון וועג ?... נישט מער, דו וועסט צוריק ווערן אַ מענטש, אַז דו וועסט אויסטראָגן... איבערקומען... און... זען...

זי הערט אים ווי די וואַנט ; נאָר וואָס פאַר די לעצטע טעג איז ביי איר עפּעס געקומען צו קריכן אַ מחשבה אין קאָפּ אריין, אַז זי ברויך גאָר נישט אויסוואַרטן ביזן סוף, ביז זי וועט האָבן, נאָר קען נאָך פריער, אַ סך פריער אויך דערגיין, וואָס ס'טוט זיך ביי איר אין די געדערים, און נעמט שוין, אויף דעם סמך, צו־שטיין צו אים, דעם מאַן, און אויספרעגן אים :

— דו קענסט מיר נישט זאָגן : אויב אַ פאַרזעעניש מיט אַ קעפּל פון אַ חזירל, קען לעבן ?...

— פרעג מיך עפּעס גרינגערס ! — דרייט ער זיך אַוועק פון איר, מיט פאַרדרוס.

— ניין, — קלעפּט זי אין אים — כ'וואָלט דאָס דורכאויס געוואָלט וויסן...

— וואָס ? — שטייט ער אומבאַהאָלפן, און צענומען מיט די הענט.

— אויב אַ קינד מיט אַ קעפּל פון אַ חזיר'ל, קען לעבן ?...

— שטייט זי איבער אים.

— וואָס וויים איך ? — קוקט ער איר מיט געבעט אין די אויגן.

— און אויך מיט פיסלאַך־פון אַ פערדל ?...

— ווילסטו, איך זאָל דיר דאָס זאָגן ?...

— וואַרט ! — האַלט זי אים אָפּ, — ווען דערפילט מען ס'קינד אין בויך ?...

— דאָס זעכטו, איז שוין גיכער אַ זאַך...

— נו, זאָג...

— ברויכסטו ביי מיר פרעגן ?... איך בין געניט אין די זאכן ?... גיי, פרעג יעדע פרוי, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ קינד, וועט זי דיר דאָס זאָגן...

— און דו ?...

— כ׳ווייס ?... — קען ער זיך נישט אַרויסהעלפן — מ׳זאָגט: אַז אויפן פינפטן חודש, מ׳לייגט צו די האַנט צום בויך, שפּירט זיך ווי ס׳גיט אַ פּיק...

— אויב אַזוי ?... — צעשטראַלט זיך איר פּנים, — וועל איך דאָך שוין באַלד אינגיכן וויסן; וואָרים ס׳איז דאָך אוממעגליך, אַז אַ פאַרזעעניש זאָל לעבן...

און זי ציילט, רעכנט, — אַלע טאָג ציילט זי און רעכנט; נאָך איטלאַכן מיטאָג ציילט זי, איז פאַרטאָן בייטאָג און ביינאַכט מיטן רעכענען די טעג; קען אָפּליגן שעה׳ן לאַנג, ביי אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם און זיך נישט געבן קיין ריר, און איז פאַרנומען מיטן זוכן לעבן. אויב זי דערשפּירט נישט עפּעס אַ הויך, אַ בלאָז, אַ ווינטל אין בויך; אַ סך מאָל גיבן זיך ווי געוויינטלאַך, די געדערים אַ טרייסל, און זי מיינט: זי האָט שוין אָנגעטאַפּט ס׳לעבן פון פּיצל עופּה׳לע מיט דער האַנט, אָבער אַז זי בלייבט אין אַ ווײַלע אַרום אָפּגענאַרט, אַזוי ווערט זי אומרואיק: ס׳וויל נישט לעבן ביי איר... זי טראָגט אַ שטיין אין בויך... און די שווערקייט אויפן פּנים רוט דורכאַנאַנד, פּונקט ווי די וואָלקנס חשון־צייט, אויפן הימל; אין איר גיין און שטיין, טאָן — שפּירט זיך די אָנגעשטרענגטקייט; ס׳ציטערן, ס׳פּלאַטערן, קומט אומגעריכט, ווי אָנפאַלן; זי פילט זיך גאָר נישט ווי אַ פרוי אין דער צייט, וואָס ביים ערשטן מאָל, פּלוצלינג, נאָכן איבערלעבן די גאַנצע מיידלשע יוגנט, — ס׳הויבט אָן בליען ביי איר, אומגעריכט, זי ווייסט נישט פון וואַנעט און ווי אַזוי, אויף אַ וואונדערלאַכן אופן גאָר; און דאָס אינערלאַכע, דאָס פרויענלאַכע אין איר באַקומט אַן אַנדער ווענדונג, אינהאַלט; איר קערפּער בויט זיך איבער, פאַר־

לירט צוביסלאַך די יונגע מיידלשע פאָרמען, ווערט אינגאַנצן אַן אַנדערער; מער — צעלאָזענער, צעשווימענער...

און אַז זי וועט האָבן אַ פּאַרזעגכייט, דאָס איז שוין ביי איר געווען פעסט אַריינגעהאַקט אין קאָפּ; זי האָט נאָר נישט געוואוסט, און זיך נישט געקענט אויסמאָלן, ס'אַ שטייגער מין באַשעפעניש דאָס וועט זיין?.... צי מיט פּיסלאַך פון אַ פערדל, קעפּל פון אַ חזיר'ל, אַ קערפּערל פון אַ קינד אויף פיר פּיסלאַך, — פון אַזעלכע אויסטערלישע ברואים ווייסט זי געגוג; און וויפל זי האָט זיך נישט געבראָכן נ'קאָפּ, געזוכט סמנים, איז אַלץ פאַר איר געבליבן אַ סוד, דער אייגענער סוד וואָס ס'איז פריער אוממעגלאַך צו דערגיין ביי אַ טראָגן:

— אויב ס'קינד וועט זיין אַ אינגל אָדער אַ מיידל?...

זי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען אין אירע באַגעגענישן פון פאַר דער לעצטער צייט, אויף וואָס אַ שטייגער, — זי האָט זיך לענגער געקענט האָבן באַרקוקט; האָבן ווי אויף צו להכעיס — פאַר איר אַלערליי קאַליקעס געווימלט, מאָדנע ברואים, פלעדערמייז זיך געטשעפּעט, שאָטנס אויף די גלייכע ווענט געקראָכן, אַזוי דאָס זי האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום מוסטער פון אַ קאַליקע אויף וועלכן זי זאָל באַשטימט האָבן לענגער געקוקט; און ווּסן: אַזעלכעס מער ווּעניק וועט ביי איר זיין...

זי האָט שוין דערנאָך צוליב דעם אינגאַנצן אויסגעמיידט די גאַס, און זיך ווייטער ווי איבער דער שוועל פון איר שטוב — נישט גערירט; אָבער ס'זיצן איינע אַליין, און די ליידינקייט פון אַלע שטובן, האָט זיך באַזונדער זייער שלעכט אויף איר אָפּגערופן; הוריות זיינען געקראָכן אין קאָפּ, אָנשיקענישן, אומגעבעטענע... און נאָך שפּעטער — שוין מיט אַלעם זיך אָפּגעהאַלטן פון אַרויסקוקן דורכן פענסטער, וואָס גייט אַרויס צו דער גאַס; ווייל, עטלאַכע מאָל, וואָס זי האָט צעגומען די גאַרדינען פון דעם איינאיינציקן גאַספענסטער, און זיך נאָר פאַרקוקט אונטן־אַראָפּ, אַזוי

האָט זיך עפּעס אַלץ־אין־איינעם און ווי אויף צו להכעיס אַדורכ־געוואָרפן אַ הויקערל, אַ קליין רירעוודיק מענטשל, טאַקע אַפילו אַן עלעגאַנטל, מיט אַ קורץ פּראַקעלע, און פּיצלאַך לאַקירטע שיכ־לאַך, אַז מ׳האָט קוקנדיק דאַרויף נאָר געקענט שמייכלען: „ווי ס׳מענטשלט זיך, ס׳קליינע...‟ זיין פּנים׳ל איז געווען שוואַרץ, אַפילו נאָכן פּעטן געדיכטן, אויסראַזירן; די שוואַרצקייט האָט געגלאַנצט ווי באַשמירט מיט פּאָמאַדע, און אַזוי ווי ס׳וואָלט זיך געשמאָלצן אויף דער זון, דאַרויף עפּעס צעגאָסן געוואָרן, אַז ס׳האָט נישט ווילנדיק געמוזט שטאַרק עקלען...

אָט דאָס הויקערל טרעט נישט אָפּ פון איר פענסטער, כאָטש ער האָט זאָגאַר קיין איינציק מאָל פאַר זיין אריבערקלייבן זיך פון יענעם ט־אָטואַר אויף אירן, — נישט אויפגעהויבן די אויגן צו איר, געקוקט צו איר, איז זי יעדנפאַלס געווען מער ווי זיכער, אַז ער פּאַרעט זיך דאָ נאָר רק איר צוליב... איינמאָל שטעלט ער זיך אָפּ אין מיטן גיין, פאַרנעמט זיך אַ טריט צוריק און דרייט זיך ווידער באַלד אויס, נעמט גיך און דראָבנע צוריקגיין, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס אַ פאַרגעסענע זאַך, און ס׳האַרץ נעמט איר קלאַפּן:

— אָט־אָט, קוקט ער שוין אַרויף צו איר, זיי זעען זיך, און... שוין... אַזאַ הייקערל וועט זי באַשטימט האָבן...

אָבער ער האָט נישט אַרויפגעקוקט און אויף איר פּנים שיינט אַ גליקלאַכער שמייכל, אַ קורצער, ווי אַ זונעלע אין אַ טריבן טאָג... אירע אייגלאַך גלאַנצן־אויף און ווערן באַלד טריב...

אין שטוב איז אומעטיק־שטיל, ס׳הערט זיך כ׳זשומען פון אַ פליגעלע; אַ זוניקער זייל ליגט פון פענסטער־אויס און שטעכט זיך אַריין ווי אַ שפּיז אין דיוואַן; ער ציטערט, רויעט, ווי אָנגעפּילט מיט לעבעדיקע מיקראָבן... און זי זיצט אַזוי, מיט אַ פּוסטן קאָפּ, ביז זי פאַרלירט זיך מיט אַלעם, קומט אַוועק אין דער אַרומיגער ליידיקייט, צעגייט זיך ווי אַ שטיקל אייז אין וואַרים וואַסער; בלויז ס׳איינע האַרץ פּאָכט, און די לונגען בלאָזן זיך אָן ווי אַ

לעבעדיקע זאַך, — ווייטער איז זי אינגאַנצן טויט, די פּיס אָפּ־געשטאָרבן, די הענט — אָפּגעשטאָרבן, דער גאַנצער גוף ליים, און נאָר־וואָס אין בויך בלויז, דוכט זיך אינווייניק — רירט זיך עפּעס... ס'רירט זיך... פּיק... א פּיסעלע — גערירט... א הענטל זיך גע־וואָלט אויסגלייכן, און אַזוי ווי א פּלינעלע א דראַפּעגעטאָן אויף א האָרעלע, א גערדאַנק — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — און זי שטייט שוין אויף די פּיס, שטייט גלייך, זיכער און אָנגעשטריינגט; ס'פּנים פאַרכאַפּט; און מיט א מאָדנע גרוי־מאַס פון טיפע ענטציקונג, פאַלקאָמע פאַרגעסענהייט, — איז זי אַריינגעטאָן אין זיך, מיט אַלע חושים הערט זי, און וויל נאָכ־אַמאָל דערשפּירן, און נישט צופּעליק, נאָר נאָכאַמאָל טאַקע — אַזוי ווי ס'האָט זיך גערירט ביי איר צופּריער — אָנגעהויבן לעבן פון זיך אליין, דורך א וואונדערליכן אופן; אָבער אַזוי ווי זי שפּירט שוין מער גאָרנישט, — נעמט זי גלייך אויסליינגערן די גלידער, ס'פּנים זיך צו לייטערן, און זי קומט ערשט צום שכל, ווערט גאַנץ באַוואוסטזיניק, פאַרשטייט אַצינד:

— ס'איז גאָר אַן אומעגלאַכע זאַך ס'זאָל שוין לעבן, ווען ס'איז נאָך קיין פּולע דריי חדשים נישט; און ס'איז נאָך נישטאָ קיין קינד מיט אַלעם ביי איר...

זי גייט אוועק איבער דער שטוב, און מיטן ערשטן טריט, נעמט זי א טרונק וואַסער, און אַז זי שפּירט זיך נאָך אַלץ ס'האַרץ נישט, אַזוי נעמט זי די אויפּגעשניטענע לימענע פון טיש אַראָפּ, בייסט איר טיף איין מיט די ציין, אַזש די הויט פון לייב ווערט אויף איר געריגצלט פון דער זויערקייט, און נעמט ציטערן, שפּילן מיט די ציין; לייגט זיך אוועק אויף דער אָטאָמאַנע, אונטערשפּאַרנדיק ביידע הענט הינטערן קאָפּ, ציט אויס די פּיס, וועלכע בלייבן ליגן צוזאַמען, ווי א צווילינג; ס'לייכטע באַטיסטענע שטוב־קלייד פּאַלט איר אַריין צווישן זיי, און ס'קומט אויס אַזאַ לאַנגער טיפער צווישנשייד.

וואָס העכער צום לייב — אַלץ שמעלער, ענגער און גערי־כ־טער; זי באַטראַכט אירע פיס, דעם גאַנצן קערפּער, וועלכער איז איינגנטלאַך פון דרויכן גאָר נישט צו דערקאָנען, און באַהאַלט אין זיך אַ צינד, עפּעס רעשטלאַך פון אַ באַשעפעניש; און ווען די דאָזיקע רעשטלאַך, — טראַכט זי — וועלן זיך אויפקלייבן, צו־נויפנעמען, און אָנהויבן וואַקסן אין אירע גערערים, — אַזוי וועט מסתמא דער בויך ביי איר מיטוואַקסן, זיך צוביסלאַך אויפהויבן, צעציען, ווערן העכער, פולער, קיילעכדיקער, אַז ס'וועט זיך גאָר אָנגיין אַן עקל פאַר אים... מען מוז זיין זייער מאוס, דוכט זיך איר, — ווייל אָנמאַן זיך דענסטמאָל ווי מ'ברויך איז שוין אונ־מעגליך; די טאַליע איז מער נישטאָ, און מ'זאָל זיך ווידער נעמען איינשנירן אין קאָרסעט, קען ער צו שטאַרק צודריקן ס'לייב און מאַכן אַ תל פון פיצל עופה'לע...

אַ שטיל וויינענדיק געזאַנג לאָזט זיך דאַן פון אונטן הערן, פון הויף־צו, עפּעס אַ לאַנגער, אויסגעצויגענער, קלאָגנדיקער מאָ־טיוו, וועלכער גיט איר אַ שטאַרקן ברי; און זי שפּרינגט אויף, פאַלט אַרויף אויפן פענסטער, זיך איינגאַנצן פארגעסנדיק, און דאָ דערזעט זי עפּעס אַ מענטש מיט אַ קליין מאַלפּעלע, מיט וועלכן ער גייט אַ פּנים בשותפות בעטלען; דאָס מאַלפּעלע טאַנצט משונה אויף אַ שטריקל, שפּרינגט, ברעכט זיך: האָפּ... האָפּ... און דער מענטש פון דער מאַלפּע איז אָפּגעריסן, אַרומגעבונדן די פיס מיט שמאַטעס, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען צוגיין פון אַ ווייטע מדינה, — זינגט דאָס אַזוי אומגליקלאַך, און וויינט זיך אויס ס'האַרץ...

ס'ווערט איר שרעקלאַך נישט גוט צוקוקן. די פיס הויבן איר אָן ציטערן, און זי לויפט אַוועק, וויל זיך ערגעץ באַהאַלטן, פאַרשטעקן, און פאַלט אַריין אין דער אַנדער שטוב, אַ שטיק משוגענע; אויך דאָ דערגייט דאָס זינגען, און זי בלייבט שטיין, די אויגן קריכן איר פון קאָפּ, זיי ווערן גרין, נאָר אַרויסצושפּרינ־גען; און — — — — ווי זי גיט איבער אַ רגע אַ ריס אויף

די טירן פון דער שאַנק, באַגראָבט זיך צווישן די קליידער, דרייט זיך איין ווי אַ ביינגל, קאָרטשעט זיך איינגאַנצן צוזאַמען ווי אַ קליין פּיצל קינדעלע, צוגעליינגט פון די אייגענע קליידער, אויף וועלכע ס'האָבן געפּלאַצט די היינגערס, איר אָראָפּגעפּאַלן איבערן קאָפּ, איר צוגעדעקט און געבליבן ליגן, אַ באַרג...

אַזוי איז גוט, ס'איז שטיל, און זי הערט נישט מער דאָס זינגען, זעט נישט די מאַלפּע — אָבער פאַרדאָס דערשפּירט זי אַצינד עפּעס אַ ווייטאָק אינווייניק... יסורים... ס'כאַפּן ווייען... זיי קומען איינער אונטער דער אַנדערע, נאָך קליינע ווײַלעס, און וואָס עפּטער — שטאַרקער, רייסנדיקער, רייסן זיי איר אָפּ די לונג־און־לעבער, ס'האַרץ מיט די בעביכעס, און זי קריכט שוין אַרויס קוים מיט צרות פון דאָרטן, און איין טויט־שרעק, פּרואווט זיך גלייכשטעלן, אָבער אַ קורטש האַלט איר צוזאַמען, האַלט אויס־געקרימט די פּיס; זי דערשפּירט אַ פּייכטקייט אויפן לייב, ס'ווערט איר היים, ס'שווינדערט, אַ טויט־שווייס באַגיכט איר, און קוים וואָס זי דראַפּעט זיך נאָך צו ווי־ס'איז צום בעט, וויכנדיק: „זי האָט זיך צורעכט געמאַכט... דער'הרג'עט..." נעמט קרעכצן, און איינ־איינעם מיט די ווייען, וואָס נעמען ביי איר שטאַרקער, און צעליינגן איר, שרייט זי אויף העכער, פאַרצווייפלטער...

אַז דער מאַן איז געקומען אַ־זונט־צייט אַ היים — האָט ער די שטובן נישט דערקענט; דעם ווייב'ס בעט איז ווי אַריינגעפּאַלן אין עס־שטוב, און מענטשן האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס, פרעמדע מענטשן, וועלכע ר'האָט נאָך קיינמאָל ביי זיך נישט גע־זען, — ווי ביי זיך אין דער היים.

זיי זיינען אויף אים אָנגעפּאַלן:

— פאַרוואָס ר'האָט די פרוי געלאָזט אַליין אין אַזאַ צייט?..

— מ'זאָל נישט געווען באַצייטנס דערזען, וואָלט ער שוין מער קיין ווייב נישט געהאַט...

איז ער געוואָרן טויט, און זיך גענומען בעטן, מ׳זאָל אים זאָגן:

— וואָס ס׳טוט זיך?...

האָט מען אים בארויקט:

— ס׳איז אויף א מאַפּלינג, גאָר נישט קשה...

לעבן

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, און די ליכטיקייט אין זאַל, וואָס האָט געשטראַמט פון טויזנטער ליכטער — האָט געשניטן די אויגן, זיי צוגעקלעפּט; די יונגע פלאַטערדיקע מיידלאַך זיינען אָפּגעשטאַנען ווי די פּישלאַך, וואָס מ'נעמט ארויס פון וואַסער; געווען מיד, און נאָכמער מיד — די לייכטע פּיסלאַך זייערע, וואָס זיינען געוואָרן שווער, פול־אָנגעגאָסן, זיך געבויגן אונטער די קני; און זיי, די מיידלאַך, האָבן זיך ענדלאַך גענומען לייכט און לופטיק אריינלייגן אין די העל־שרייענדיקע מאַנטלען, פאַרנעמען אַ היים; און אין דרויסן, וואו זיי זיינען ארויס — האָבן די שוואַר־באַזעסענע אויטאָמאָבילן ווי אַ היים געבראַכטנס זיי אויפגעכאַפּט, און מיט איינע נאָך דער אַנדערע זיך אָפּגעריסן, אוועקגעטראָגן אין דער פינסטער צווישן די טונקעלע הייזער וואָס בייביידע זייטן פון די גלייכע און צעדרייטע וועגן...

אויך ס'יונגע כלה־מיידל האָט זיך ציטעריק צונויפגענומען, מיט אַ שעמעוודיקן בליק זיך צוגעזעגנט מיט אַלע מיידלאַך, ווייבלאַך און טאַטע־מאַמע — בתוכם, און זיך זעלבסטשטענדיק אריינגעלייקט אין די ווייכע קישנס פון דעם אומרואיקן אויטאָ, וואָס האָט זיך שוין קוים געקאָנט דערוואַרטן אויף איר; זיך צוגעטוליעט מיט אַזוי פיל מורא צום יונגן קרעפּטיקן בחור'ל, מיט וועלכן זי איז ערשט איצט אַליין אַוועק, שוין צו בלייבן מיט אים... די בעקעלאַך אירע האָבן געפלאַמט, די קניען געציטערט, דער קאָפּ זיך געוויגט, שלעפעריק, לאַשטשענדיק־ווייך געוויגט... און ס'הערצעלע האָט נאָך עפּעס געלעכצט, געווען זיס פאַרשמאַכט; אַלע ווילע זיך איבערגעגעבן צו אַ לייכט דרימעלע, וואָס האָט געקענט ווי אַ דין

זיידן שנירעלע שפּינוועבס פון אַ שפּין ווערן איבערגעריסן, ווען דער ברייטער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ הוידלגעטאָן ערגעץ אויפן וועג, וואו ער האָט זיך געהאַט צעלאָזן, און מיטן גאַנצן אימפּעט געלאָפן...

— העלאָ! — האָט דער מאַן אויסגערופן פיל פרייד, זיך שפּעט אויפכאַפּנדיק אין זיין טונקעלן שלאָפצימער — אַזוי פרי ביזטו שוין אַרויסגעקראָכן פון בעט, יונג ווייבעלע מיינס?...

ס׳יונגע ווייבעלע איז שוין פון אַ צייט געלעגן אין דער אַנדערע שטוב, געלעגן מאַכטלאָז, הפקרות׳דיק צעוואָרפן די פיס, און ווי ערשט אויסגעאָטעמט די לעצטע ווייען אירע... געפילט אַזאַ חלשות׳דיקייט אויפן האַרץ, אַ נודנעקייט, דאָס ביי זיין אַריינקומען, האָט זי פאַר זיין בליק שעמעוודיק באַגראָבן ס׳פּנים׳ל, און נאַרישלאַך אים אָנגעקעשטופּט:

— גיי, גיי, כ׳וואָלט געוואוסט דו האָסט אַזאַ שלעכט האַרץ, וואָלט איך גאָר נישט געווען חתונה געהאַט מיט דיר...

ער האָט געלאַכט.

אין שטוב האָט אַ צינד נאָכן האַלבן טאָג, אויסגעזען ווי ס׳זאָל נאָך זיין גאָר פרי; אויף אַלעם איז נאָך אַזוי ווי געלעגן דער טוי פון פריען טאָג, וואָס האָט אין ערשטן פרימאָרגן נאָך זייער חתונה, געוויינטלאַך דאָ, — אַ ביסל שפּעטלאַך אויפגעמאַכט די אויגן...

דעם יונגנמאַנטשיקל האָט געשפּראָצט די פאַרב אין פּנים, די באַקן — געבליט, און אַרומשפּרינגענדיק ווי אַ ציג אַרום איר, דעם ווייכן באַשעפעניש, האָט ער אויף דער גיך ווי ר׳וואָלט קיין אַנדערע אַרבייט נישט באַקומען, זיך גענומען צונויפטראָגן און אָנשטעלן צו אירע פיס דאָס זילבער־וואַרג, דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן באַקומען צו דער חתונה געשענקט, און ווי אַ קינד מיט צאַצקעס — זיך געפרייט:

— ווי געפעלט דיר עפּעס דאָס שטיק זילבער?.. און ס׳אַנ־דערע?... דער רויטער טינטער?...

ס׳יונגע ווייבעלע איז נאָך אַלץ אַזוי ווי פריער געווען אָנגע־ברוגז׳ט, — און די ליכטיקע שטיקער זילבער האָבן איר אויף קיין האָר נישט דערפרייט; זי האָט זיך אפילו געפּוילט צו רירן; איר ווייכער גוף איז געווען שווער, וואָגיק, ווי אַ פייכטער שוואָם, וואָס איז פול געוואָרן אָנגעזאַפּט פון ליגן אַ גאַנצע נאַכט אייפּן רעגן; אירע אויגן זיינען געווען טריב, אַ שטיק נעפּל, יענער נעפּל וואָס ווערט אַזוי אָפט אין פרילינג, ווען ס׳וועטער בייט זיך מיט דער שעה; די ערד ווערט ווייכער, ווארימער די לופט, און ס׳הויבט אָן צו טריפן מיט זאַלבן, שמעקן מיט ווייראויך...

האָט ער איר גענומען אויף די הענט, צוגעטראָגן צום אָפענעם פענסטער, און איר געוואָלט דערפרייען:

— ווי געפעלט דיר עפּעס דער געגנט?... אַ שיין אָרט דיר אָפּגעזוכט?...

האָט זי יאָ צוביסלאַך זיך גענומען אויפהייטערן; דער ליכטיק־געבענטשטער „נעיבאָרהוד“ מיט זיינע גרינע הייזלאַך, שפּילנדיקע זומער־ פייגעלאַך — האָט איר טיף אויפגעוועקט; ס׳האָט איר גע־נומען ציען דאָס אויפגעפּראַלטע לעבן אין דער ברייט־אויפגעוויקל־טער וועלט, ס׳הערצעלע צוריק גענומען פּישטשען, די יונגע ביינדראַלאַך — צו קנאַקן, און זי איז באַלד אַליין געוואָרן ווי אַ זומער פייגעלע, וואָס וואָלט דאָ ארייגעפלויגן דורכן אָפענעם פענסטערל, און גענומען ארומזשומען.

— ווי שיין ס׳איז אַלץ דאָ, מיין מאַן... ווי שיין ס׳איז אַלץ דאָ...

און די פרישע, ווייבליך־געבוירענע פרייד האָט ערשט גענומען פלאַטערן ביי איר ווי ביי אַ יונג פייגעלע, וואָס דערשפּירט די ווארימקייט פון ערשטן שטיקל זינדל אונטער אירע יונגע־פליגעלאַך, נאָר כאַפּנדיק אויפן אויג די שלאָפשטוב, וואו ס׳בעט איז נאָך געשטאַנען פון ביי־נאַכט, — אָנגעוואָרפן, צעלייגט, צערודערט.

אַזוי איז זי גלייך ביי זיך אַראָפּגעפּאַלן און צוגעשפּאַרט צום יונגנמאַנמישיקל, זיך קינדיש גע׳חדוש׳ט ווי אויף גאָר אַ גוואַלדיק־גרויסע זאַך :

— ווירקלאַך, כ׳בין שוין מער קיין מיידל נישט ?...

— כ׳בין שוין מער קיין מיידל נישט ?...

איר מאַן, ס׳יונגע קרעפּטיקע בחור׳ל מיט די רויטלאַכע האָר, און שווערע טרייסלענדיקע שטיקער פליש אויף די הענט — איז געווען זייער אַ היציק בחור׳ל ; שוין שפּעטער אפילו, גאָר שפּעטער, האָט נאָך אַלץ, איין גאָט ווייסט פאַר וואָס, — ס׳בלוט נישט אויפגע־הערט צו זיין אַזוי וואַרים, און לויפן אין זיינע אָדערן ; און פון גרויס חרפּה, וואָס ער ווערט גאָר נישט זאַט — געזוכט אַ תירוץ זיך צו פאַרענטפערן פאַר איר :

— ס׳איז נאָר דערפאַר, וואָס דו ביזט אַזוי שיין, מיין ווייבעלע, אַזוי יונג...

און נישט בלויז פאַר דער צייט, וואָס מיט איר זייענדיק, נאָר אויך פאַר די גאַנצענע טעג וואָס ער האָט געמוזט ערגעץ אָנגיין מיט אַ „שאַפּ“ — איז ער אויך אַזוי צעטראָגן געווען, זיך אָפּט פאַרגעסן, געמאַכט טעותים, אַז אַלע האָבן אויף דעם סמך פון אים אָנגע׳חוזק׳ט :

— ס׳יונגע ווייבל האָט אים נישט־קשה צעדרייט...

אין אָוונט, אַ היימקומענדיק אין זיין ליבטיקע היים, וואָס איז פול געווען מיט די גוואַלדיקע אויפּטועכצער פון זיין יונג ווייבעלע — האָט אים ס׳האַרץ גאָר, גאָר אָנגעקוואָלן, און זיך געקענט נאַריש מאַכן פאַר איר, פּיעשצענדיק זיך :

— אַך, ווען כ׳קען דיך אַזוי האָבן אַ גאַנצן טאָג ביי זיך...

לאַכט זי :

— זע, דו זאָלסט זיך אַרויפּאַרבייטן, און אַליין גיין אין „ביזנעס“ פאַר זיך, — וועל איך קענען צו יעדע צייט קומען צו דיר...

זי איז געווען זייער מילד, ס'יונגע ווייבל, און עפּעס ווי אויס רחמנות אים אַזוי צוגעלאָזן צו זיך; געלאַכט, ווי ס'יונגע מאַנטשיקל ערגערט זיך, דראַפּעט זיך אויף די גלייכע ווענט, און שמייכלענדיק מכלומר'שט אויף אַ געלעכטער זיך פון אים אָפּגעוווערט:

— גיי... גיי... כ'בין נישט איצט אויפגעלייגט צו דיר...

און נאָכאַלעם, פּאַרט אַ מאַן — אים טאַקע דערפאַר נישט געקענט בייקומען, און זיך געמוזט לאָזן... און ערשט נאָכדעם ווידער הארציק לאַכן פון אים, ווען ער פלעגט בלייבן ווי גע־ווינטלאָך, ליגן אַזוי מאַט... שוין אָהן כח און ווידער נישט זאַט... נאַריש שלאָגן איבער'ן פּנים, אים צוטיילן פּעטשלאָך ווי אַ קינד וואָס טוט אַזוינס וואָס מ'באַדאַרף נישט.

— נאַ... נאַ... נאַ דיר... דו וועסט נאָך?..

— דו וועסט נאָך?....

ס'יונגע ווייבעלע, מ'קען נישט זאָגן, איז געווען זייער אַ שיינע, אַ שלאַנקע, אַ מאָגערע, פּונקט מיט אַלעם ווי מ'באַדאַרף, — און פון פּאַר דער קליינער צייט וואָס נאָך איר חתונה, — גאָר נישט געהאַט פאַרלוירן פון איר ריין קערפּערלאַכער געשיקטקייט; און אַזוי ווי זי איז געווען מיידלווייז, — שלאַנק, בויגיק, אַזעלכע איז זי אויך געווען דערנאָך — פון די שפּיצפינגער פון די פיס, ביז צו די אַקסלען; און דאָס וואָס זי האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ מאַן, איר אייגענער מאַן, מעג זיין, — האָט זיך דערוויל גאָרנישט ניט אָפּגערופן אויף איר; און פּונקט ווי זי האָט פריער אָפּגעהיט איר צאַרטן קערפּער — האָט זי ערשט איצט נאָכגיכער געהאַט די מעגלאַכקייט אים אָפּצוהיטן...

יעדן פרימאָרגן, ווען זי איז נאָך געלעגן אין בעט, און דער מאַן איז שוין געווען אַוועק, — האָט זי אים שוין געגלייכט, דעם קערפּער; אָפּגעווישט וואו אַ קניימשעלע; געוואויגן, געבויגן, גע־שטרעקט אין דער לענג און אין דער ברייט; מורא געהאַט, איר

קערפּער זאָל עפּעס נישט נעמען אויף זיך, נאָר אַלץ זיין אַזוי לאַנג, אַזוי דין, — האָט זי געמוזט ווערן נאָכמער איבערקלייבעריש אין עסן, און פּייניקן איר ליב...

דער מאַן האָט דאָס נישט געוואוסט; אָבער דערנאָך האָט אים שוין יאָ עפּעס גענומען גיין אין נאָז אַריין, און בלייבן פאַר׳חדוש׳ט, זיצנדיק מיט איר ביים עסן.

— פאַר וואָס עסטו נישט דאָס ברויט מיט פּוטער, נאָר אַזוי, טרוקן?... — פרעגן ערשטוינט.

האָט זי נישט געוואָלט אויסזאָגן, נאָר שמייכלענדיק באַהאַלטן דעם סוד, דעם סוד פון וואָס איר שיינער קערפּער קען נאָך מאוס ווערן.

— כ׳עם נישט גערן קיין פּוטער, — זאָגט זי.

— און צום פליייש האָסטו אויך, ווי כ׳זע — אַ שוואַכן אַפּעטיט?...

האָט זי יאָ אָפּגעביסן אַ שטיקל, דאָס פויל געקייט, און צום סוף דאָס אויסגעשפּיגן.

— ס׳איז צו פעט, ס׳פליייש...

פון פאַר דער קליינער צייט וואָס פון נאָך זייער חתונה, האָט זי, כ׳יונגע ווייבעלע, זיך קאַרג־וואָס געהאַט אויסגעלעבט פון אירע מיידלשע באַקאַנטע; זיך נאָך לייכט געקענט מיט זיי מיטכאַפּן אויף אַ „רייט“ און געוועזן אויסגעקאָכט אין אַלע זייערע שמד־שטיק...

דאָס אַרויסגיין פון פּאַפּאַ׳ס און מאַ׳ס היים, וואו זי האָט געהאַט איר קליין באַשיידן צוגעקליבן שטיבעלע, — אין דעם זעקס „רומיקן־פּלעט“ — האָט איר גאָר קיין פּיצל מי נישט געקאָסט; פּאַפּאַ האָט שוין געזאָרגט ס׳זאָל אַלץ זיין צו דער באַשטימטער צייט און „אַפּ־טו־דייט“, די מעבל און אַנדערע קאָסטבאַרקייטן; און זי איז דאָך בלויז, ווי זי האָט זיך דאָס איינגערעדט — אין זיי אַריין, אין די שטובן, און אין זיי געבליבן, רק צוליב די

צערטלאַכקייטן פון דעם יונגן קרעפּטיקן בחור׳ל, איר מאַן, ער זאָל ווייניקסטנס שפּירן אַ לעבעדיקן וואַרעמען אָטעם צווישן די טויטע שטיקער „פּאַרניטשור“.

און אין די דאָזיקע, זוניקע, העל־ליכטיקע שטובן, פּלעגט נאָכאַלעם אויך נישט איינמאָל אויף איר אָנפאַלן אַ בענקעניש; און דאָס, ס׳רוב, זיצנדיק אַליין נאָכן האַלבן טאָג אין דער ליידיקייט פון דעם גאַנצן „פּלעט“־שטובן, אַזוי לאַנג און ווייט אַוועק פון איר אויפשטיין אין מאַנ׳ס פאַרשווינדן, און נאָכאַמאָל אַזוי ווייט און לאַנג, ביז ער וועט דאַרפן קומען צוריק; אין די דאָזיקע נאָכמיטאָג שעה׳ן, ווען ס׳האָט זיך דאָ גאָר נישט באַוואויגן, אַלץ אַרום איז געווען אָפּגעשטאַנען, קיין בלעטעלע זיך נישט גערירט. אַ צווייגעלע דורך אַ פייגעלע זיך נישט איינגעבויגן, — איז איר די לאַנגווייליקייט אַזוי שווער געווען ביי צוקומען; און זיך געמוזט אַרויסכאַפּן פון דער לופטיקער געפאַנגענשאַפט אירע, און אַוועק ווי אַמאָל, מיידלווייז, צוריק צו די מיידלאַך...

קיין יונגע פרויען פון איר׳ס גלייכן, וואָס האָבן זיך געזאָלט מיט איר אַרומכאַפּן גלייך נאָך דער חתונה, — האָט זי אין דער משפּחה נישט געהאַט; דער מאַן האָט אפילו יאָ געהאַט אַן עלטערן חתונה־געהאַטן ברודער, האָט זי טאַקע די פרוי יענע, די איינע שוועגערין אירע, — נישט געקענט פאַרטראָגן; קודם כל, איז דער עלטערער ברודער אַליין נישט געווען דאָס וואָס איר מאַן, כאָטש פון איין טייג געקנאָטן; און זיין פרוי — עפּעס געהאַט אַזאַ זיסלאַך קוויטשיק קול׳כל, נערעט אויף דער ביישטימע, אַז ס׳האָט זיך איר נאָר אויסגעדוכט, דעם יונגן ווייבל, אַז ווען וואָס יענע זאָל נישט ריידן, מעג זיין פון „דרעסעס“, פון „דזשולערי“, פון „פּאַרניטשור“. איז עס נאָר בלויז אַן אָנשטעל, ווייל זי מיינט באמת גאָר עפּעס אַנדערש, וואָס זי וויל ביי איר אַרויסקריגן, מיט אַ מיין, אַ פאַרדאַכט:

— אויב ס׳מאַכט זיך עפּעס נישט ביי איר?..

און אויך אויף די אנדערע יונגע מיידלאַך, וועלכע זיינען נאָך געווען מיט איר אַזוי אויסגעקאָכט, א מעשה פּלא — האָט זי אויך געהאַט אַן אויג, דאָס זייער גאַנץ חבר׳ן זיך מיט איר, איז אויך א שטיק נאָר דער־פאַר, וואָס זיי ווילן אַרויסקריגן פון איר:

— אויב ס׳איז טאַקע אַזוי ווי זיי מאָלן זיך דאָס אויס מיידלווייז?...

— ס׳איז טאַקע אַזוי?...

— אַזוי און אַזוי?...

צווישן די אַלע מיידלאַך, ביי וועלכע ס׳האָבן זיך אַזוי קריינקלאַך גערייצט די געבליטן, קוקנדיק אויפן יונגן ווייבל; שמייכלענדיס זיס־אויפגעציטערט מיט די אַקסלען, זיך דערמאָנענדיק אין עפּעס ענליכעס, מעגלאַכעס און אומפּאַרמיידלאַכעס — צווישן די דאָזיקע אַלע מיידלאַך איז אויך געווען איינע, אַן עלטערע, פאַרשוויגענע מיידל, וואָס האָט איצט, אַליין אפשר נישט אויסנזייענדיק גאָר. — געזוכט איר אָנצודריקן די גאַל, נעמען די לעבער; און ווען ס׳איז זיי אויסגעקומעןביידע באַנאַנד צו זיין, האָבן זיי זיך איינס ס׳אַנדערע די הויט אַראָפּגעגעסן; ס׳עלטערע מיידל האָט דאַן אין איר געגנווארט אנגעשטערנגט געאָטעמט, ס׳גאַנצע בלוט האָט אין איר געאַרבעט, געשלאָגן אין פּנים אַריין, און ס׳יונגע ווייבל, ווידער, איז ביי זיך געווען געפאַלן, פּונקט אַזוי ווי יענע א שטייגער — זאָל זיך האָבן אַרומגעטראָגן מיט א פּרעטענזיע אויף איר מאַן; און אפשר גאָר אַזוי געברענט פון אייפערזיכט. וואָס זי, די יונגע קאַץ, לעבט שוין באַצייטנס מיט א מאַן, און יענע די עלטערע, סאָלידע מיידל — מוז נאָך דערווייל פאַר־שווארצן אירע טעג און נעכט ביי זיך, אין ענגן חדר׳ל, און זוכן צו פּטר׳ן די קלעפּיקע לאַנגווייליקייט מיט שווערע ביכער...

ס׳אַלטע, בטבע, רואיקע און פאַרשלאָפענע מיידל, פלעגט זיך אומוואַרפן ווי א געבונדענע אין א שטייג; זיך רעגן באַהאַלטע־נערהייט; און ס׳יונגע ווייבעלע, פאַרקערט, פלעגט ווידער אַלע

ווײלע ארויסקומען מיט אן אנדערע פרייד; מיט א געוויסע צע־רייצטע, צעלאָזענע יונג־ווייבערישע פאַרשייטקייט, וואָס נאָר אין די האָניק־חדשים; און קוקנדיק אויף איר, אויף דעם יונגן ווייבעלע, האָט זיך געשפּירט, ווי יענע ווערט עפּעס אומגעשליידערט אויף א זעלכע מיני־כוואַליעס, וועלכע מוזן אזוי און נישט אנדערש ווי אזוי — ארויסקוועלן ביי איר... א מאָל מיט דעם אומרואיקן וואָרפן פון א פוס; א מאָל — מיט׳ן צאַפּלען פון די הענט, מיט בלאָע שאַרפע בליצן פון די אויגן, און סתם מיט א הילכיקן קוויטשיקן געלעכטער, וואָס קומט פון דער העלער הויט, ביי דער מינדסטער קלייניקייט...

ס׳אַלט־פאַרעלטערטע מיידל ליגט אוועקגעלייגט ווי א דין פלאַך ברעטל אויף דער קאַנאַפּקע, די פיס — שטייף, ס׳פּנים אויס־געלאָשן ווי ס׳אַש אויפ׳ן פּאַפּיראָסל וואָס זי רויכערט.

— ווייסט, — זאָגט זי, איר אנמעסטנדיק פון אויבן ביז אַרונטער — ווען דו זאָלסט מיר אפילו נישט זאָגן, אז דו האָסט חתונה געהאַט, וואָלט איך עס אויך גלייך געוואוסט, קוקנדיק אויף דיר...

— וואָס זעט מען דאָס אויף מיר? — וואונדערט זיך ס׳יונגע ווייבל.

— אין בלויזן זיצן אפילו... — קוועלט ביי איר אָן ס׳האַרץ אויף יענערס געפאַלנקייט.

— ווי אזוי זיץ איך?... — תמ׳עט ס׳יונגע ווייבל.

— א מיידל זיצט גאָר נישט אזוי... — וואַקסט ס׳האַרץ ביי דער אַלטער מויד.

ס׳יונגע ווייבל פּרוּווט זיך צונויפנעמען, אָבער דאָס קומט איר גאָר שווער־אָן, צוליבן גיפט וואָס די אַלטע מויד לאָזט אין איר אריין.

— אַ, דו זעסט?... ווען דו זאָלסט אפילו וועלן זיצן אַנדערש, וועלן שוין די פיס דיינע נישט אזוי פאַרשלאָפן אראָפּהענגען ווי ביי אן אומשולדיק מיידעלע, וואָס האָט גאָר קיין שום אנונג נישט.

און זיך אזוי צענעמען אָן שום מיין...

און דאָס אַלטע מיידל ציט ־ערביי אזוי, אין־לשער, אוים אירע לאַנגע מאָגע־ע פיס, — ווייל זיך געווים באווייזן מיט דער זעלטענער שלאַנקייט פון איר מאָגערן קערפּער; מיט די אויבגע־גאָסענע ליניען וואָס איר אַלט לייב האָט, און איז זיי געווים אויף באַשערט צו האָבן, גאָר נישט אַנדערש ווי ביי א שטיין, וועלכן כ'האָט אזוי צום ערשטן און לעצטן מאָל, און נישט אַנדערש ווי אזוי, — אויסגעהאַקט, ער זאָל זיך שוין מער קיינמאָל נישט ענדערן, ביז'ן טויט אריין...

זאָגט זי:

— נאָ... קוק מיך אָן... קענסטו דאכטן א מאָל נאָך אזוי שלאַנק צו זיין?...

גיט זי א שפּרונג־אויף, ס'יונגע ווייבעלע, א געביכענע; נעמט דין גיין, דראָבנע, אויף די שפּיץ־פינגער, ציקנדיק מיט די אקסלען, און באַווייזט אויף אַלע־ליי ארטן די יונג מיידלשע געשפּיצטקייטן פון איר קערפּער.

— נו?... און אז כ'האָב שוין חתונה געהאַט, בין איך אפשר נישט די איינענע?..

שמייכלט זי אפילו נישט, ס'אַלטע מיידל, נאָר וואָס די אַלע פארזעסענע יאָרן אירע, וועלכע זי איז העכסט ווארשיינלאך פאר־יעסן צוליב די אייגענע מורא, דאָס איר קערפּער זאָל נישט פאר־לירן די שלאַנקייט; די אַלע פארזעסענע יאָרן אירע, קוקן ארויס דורך די שמאָלע צוזאמענגענומענע שפּעלטלאך פון אירע מאטע אויגן, און ווארפן אויף איר אָן אָן אימה.

— אזוי?... ביזט גליך?.. שלאַנק?.. ווארט־זשע, כ'וועל זען שפּעטער, ווי דו וועסט מיט א יאָר שפּעטער, אז דו וועסט אזוי זיין צוגעלאָזן צו דיין מאַן — אויסזען?... אויב דיין יונג שיין לייב וועט נאָך אזוי יונג און שיין זיין?...

ס'אַלטע מיידל, קען זיין, האָט זיך אפשר נישט איבערגענומען, וואָס כ'יונגע ווייבל הוליעט ארום ווי א שמעטערלינג, נאָר גיכער טיפ־באַדויערט די איינגעבוירענע פּון גאָט געבענטשטע שלאַנקייט אירע, וואָס וועט אונטער דער לאַסט פון מאַנס דורשטיקע פאַרלאַנגען, פאַרלוירן גיין ערגעץ, ווי ס'צאַ־טע יונג־פרוויליכע איז ערגעץ ביי איר באַרלוירן געגאַנגען...

און געלערנט מיט איר, געקנעלט...

— דערוווייטער דיך פון אים... מייד אים אויס.. ס'א שאָד דיין שיין לייב... דיין ליכטיק גיין און שטיין...

און דאָס יונגע ווייבל, וועלכע דער ביטערער חשד האָט פון צופריער נאָך, כמעט אזוי ווי פון זיך אליין, א קליין ביסל בלויז געהאַט אָנגעהאַלטן, — איז מיט איינמאָל געוואָרן אויפגעוועקט, אין אַרומגעכאַפּט פון א ברייטע נאַטירלאַכע מורא; און נאָך יעדן מאָל וואָס זי איז אויפגעקומען אין דער פרי, נאָכדעם ווען דער מאַן איז געהאַט אַוועק, — שוין נישט מער אַראָפּגעשפּרונגען יענע זאָרגלאָזע, הויך־לאַכנדיקע יונגע פרוי, וואָס האָט פול געמאַכט מיט איר לאַכן די שטובן; נאָר, גיכער זיך געקענט ראַפּטים א וואָרף־אַרויסטאָן פון בעט, א נאַקעטע, — ווי זי האָט ליב געהאַט צו שלאָפן; מאַכן צוויי־דריי שפּרייז, און בלייבן שטיין א דערשראָ־קענע, א ווילדע — וואָס ווערט אויפגעוועקט דורכ'ן ביטערן צווייפל, שטיין אזוי, צעוואָרפן דעם קאָפּ האָר... און נאָכדאַכטן:

— וואָס ר'האָט דאָ ווידער געטאָן מיט איר, יענע נאַכט, דער מאַן?..

די נעכט אירע ווערן שווער. דער קלעפּיקער קערפּער זיינער וואָס ליגט נאָנט ביי איר אין שכנות, ווי א געדרייענדער באַרג — שטיקט, פאַרכאַפּט נ'אָטעם; און נאָר אינדערפרי, ווען דער טאָג כאַפּט אים אַרויס — אָטעמט זי גיכער אָפּ; א גאַנצן טאָג נאָכדעם, ווי לאַנג זי איז אַליין, האַלט זי דעם קאָפּ אויפגעהויבן, לעבט און לאַכט.

נאָר אַז ס'קומט פּאַרנאַכט, ווען די זון זעצט זיך, — נעמט ז
זיך פּאַרענדערן; ערוואַרט זי ס'אָנקומען פון מאַן, דעם יונגן
קרעפּטיקן בחור'ל וואָס מיט די שווערע הענט, — מיט מורא; דער
יונגערמאַנטשיקל, ווייסט זי דאָך, איילט זיך דערפאַר אַזוי גיך
אַ היים, ווייל ער איז אינגאַנצן באַנומען מיט די ריחות פון איר
וואונדערליך שיין לייב, מיט וועלכן ער קען זיך גאָר נישט אָנ־
זעטיקן; ער עסט ס'עסן, ווייס זי — ר'קוקט אויפן מעבל, לייענט
ס'בלאַט צייטונג, און פילט אין אַלעם דעם ריח פון איר לייב, —
ר'האָט דאָך פאַר איר דאָס אַליין געזאָגט; גלייך, נאָכן עסן שטייט
ער אויף פון טיש, מערקווערדיק־זאַט, איבערגעגעסן, וואונדערלאַך־
באַרוישט, און נעמט אַזוי ווי אין אַ זיס שכרות, אוועקשאַרן די
שטולן; איז אַזוי לעכערלאַך אומבאַהאָלפן ביים אוועקרוימען און
צעשטעלן די בענקלאַך, וואָס שטייען אים אַזוי ווי אַ שכּור די
הייזער, נישט אין ריכטיקן וועג, — וואונדערנדיק זיך נאָר:
— צוליב וואָס מ'האָט דאָס באַדאַרפט אַזוי צו צעשטעלן די
בענקלאַך ?...

זי ווייסט שוין זיין מיין, און פּאַרנעמט זיך לכתחילה אין אַ
ווינקעלע, ער זאָל גאָר נישט באַמערקן און דערקענען אין איר...
נאָר ווען די ראָלעטן לאָזן זיך אַראָפּ ווי ברעמען איבער ליכטיקע
אויגן — אַזוי וואַקסט זי זיך אויס, דאָס דאַרע־קוואַרע באַשעפעניש,
און דרייט זיך אינגאַנצן איין ווי יענער פייכטער וואָרים אין דער
האַרטער ביינערנער מושל, אַז מ'נעמט זיך צו אים צו רירן...
— גיי אוועק ! — זאָגט זי, — וואָרים כ'בין נאָך נישט מיט
אַלעמען...

דאָס איז אַפילו ביי אים שוין אַ נייס; נאָר אַזוי ווי ער שפּירט
זיך דערוויילן נישט, שמייכלט ער זאַט, צופרידן, און קען נאַריש־זיס,
עטלאַכע מאָל איר איבערפרעגן:

— וואָרים דו האָסט דיר ווען אַ מאָל דען אַזוי שטאַרק
נאָכגעקוקט ?...

גלייכט זי זיך מיט איינמאָל אויס, וואַקסט זיך גרויס אויס, שלאַנק און שיין, און זעט אויס ווי עפּעס אַ געשטראָפטער מלאך, וואָס האָט צוליב אַ חטא באַדאַרפט אַראָפּפאַלן אויף דער זינדיקער ערד, דאָ אָפּקומען; און מיט דער קאַלטער לבנה בלייכקייט וואָס ביי יענער פאַרעלטערטער מיידל אין די אויגן — קוקט זי אויף אים, בעטענד און אָפּשרעקנד...

— גיי אַוועק, כ'בעט דיך...

ביים יונגן קרעפּטיקן בחור'ל, איר מאַן, האָט זיך עפּעס גענומען רירן אויף די געהירן, און געהאַט ס'געפיל ווי אַ פליג קריכט דאָרט. קריכט שווער, מיט גרויס סכנות נפשות, קלעפּט זיך מיט אירע דינע פיסלאַך צו דער זעלטענער פעטקייט, וועלכע זי מוז מיט יעדן ריר אַוועקרייסן, פּשוט...

ער האָט געקוקט אויף זיין יונג בליענד ווייב, און אין זיינע אויגן האָבן זיך גענומען צובּיסלאַך אויסברייטערן די שמאָלע אַפּלען ווי ביי אַ קאַץ, ביי וועלכע מ'וויל אַרויסרייסן דאָס בלוטענד־זאַפטיקע שטיק פלייש פון מויל...

— וואָס ?... — האָט ער גאָר נישט געקענט פאַרשטיין — זייט ווען דאָס אַזוי ?... ווי לאַנג ?...

— ס'קען זיין פון אַ צינד, — איז זי געבליבן איינגעשפּאַרט,

— זאָלסטו זיין מיט מיר ווי פריער פאַר דער חתונה, און נישט אַנדערש...

און איר הערצעלע וואַרפט זיך, גיט זיך איטלאַכן הויב, איט־לאַכן צאַפּל, מ'זעט: ווי ס'צאַפּלט זיך אַ שטיק יונג לעבן, וואָס וויל נישט אונטער גיין, אַלט ווערן...

ביי אים ווערט ס'פּנים אויסגעצויגן, און באַקומט אַלע זיבן קאָלירן; די ליפּן נעמען זיך איין, אַזוי ווי די ציין וואָלטן זיך אין זיי איינגעביסן; ער קען נאָך אַלץ נישט ווייסן, ווי אַזוי ס'האָט זיך פּלוצלינג ביי איר דאָס אָפּגעריסן; כאָטש ווייס, ווייט ביי אים אין אַ קליין ווינקעלע פון מח, האָט זיך אים אַלע מאָל

אויסגעדוכט, אז דאָס אַלץ באַדאַרף נישט מער זיין ווי אויף דער־ווייל, און אַזוי נישט זיכער דערמיט, ווי ס'וואָלט אים נישט גע־קומען; און יעדנפאַלס זיך איצט אַנטקעגן געשטעלט, טאַ־קע דערפאַר, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אַזוי איינגעלעבט מיט איר, דאָס ווען אפילו ס'האָט נישט מער געזאָלט זיין ווי אויף אַ באַשטימטע צייט, — שוין דערמיט זיך געפילט אַזוי תקיף. ווי ער וואָלט געהאַט פאַר אַלע מאָל אַ חזקה אויף איר... און ברייט גע'טענה'ט, שטאַרק זיך אויסגע'טענה'עט:

— ס'וועלן דיר נישט אָנגיין די אַלע וואוילערישע שטיק... כ'איז דיר עפּעס אונמערגעפּלויגן... ניין... חתונה געהאַט — מוזטו זיין אַ ווייב מיט אַלעמען...

זי איז שטייף, ס'קעפּל פאַרריסן, און האָט נאָך דאָס עזות, די העזה, זיך צו שטעלן אויף דעם־יענעם, באַשר בכן, וואָס דער מאַן ווערט ס'רוב אין די צייטן פון נאָך דער חתונה ווייבעריש, און פאַר־פלאָפּלט זיך געוויינטלאַך, נעטרויט זיך פאַרן ווייבל פּונקט ווי פאַרן גלח, — פון אַלע קליינע און אומוויכטיקע עבירה'לאַך וואָס ער האָט אויפן געוויסן פון די יונגע און היציקע יאָרן, ווען מ'איז אַזוי נישט איינגעשטעלט, אַזוי נישט געזעצט...

שטעלט זיך דוקא גראַד אויף די שוואַכקייטן יענע, און מיינט אפשר מיטן גאַנצן האַרץ וואָס זי זאָגט:

— ער זאָל זיך ווייטער אַזוי זיין ,ווען אפילו מיט איר, — ווי בחור'וייז; און באין ברירה, ווי דענסטמאָל, אַז ער וועט נישט קענען אויסקומען — זיך גיין ערגעץ וואו אָפּזוכן וועמען, און זיך נאָכגעבן די מינוט, די רגע, ביי יעדער איינע, נישט קיין חלוק, וואו און אויף ס'אַרא אַרט ער זאָל זיך מיט אַזעלכע צינויפּטרעפן; צופע־ליק, פון דער גאַס אַראָפּ, אָדער אָפּגערעט, — אַבי זי זאָל זיך קע־נען דורכדעם אָפּהיטן פון אים, וואָס מיינט: דערהאַלטן איר רייץ... איר יונגקייט...

ס׳האָט עפּעם געשפּילט ביי איר, ביי דעם יונגן ווייבל; דאָ, אַריינקוקנדיק אין זיינע אויגן, וואָס פאַרציען זיך מיט אַזאַ הויט — ווערן איבערגענומען ווי צו אַ שטומע צונג, וואָס ליידט, און גלייך אַרויספאַלן פון איר אַמביציעזער שטייפקייט בלייבן אַנמעכטיק אין זיינע אָרעמס; פאַר דאָס נאָכדעם צוריק אויפפלאַמען מיט גרויס ווייטאָק, און זיך אָפּעסן ס׳האַרץ:

— זע נאָר, ווי זי האָט זיך דאָס געקענט לאָזן אַזוי, צוליב אַ נעבאַכדיקן בליק...

און נעמט, אַ משוגענע, — שטרעקן די פיס, זיי מעסטן אין דער ברייט, נאָכזוכן אַ שלאַד אויף איר קערפּער; זען: אויב ער ווערט שוין נישט מיט דער מינוט ברייטער... צעקראָכענער... הויבן די ברוסטן, — אויב זיי ווערן נישט פולער, שווערער; און שפּעטער, זי קומט אַרויס פאַר דער טיר, גייט זי גלייך אַרויף אויף אַ וואָג —זיך אָפּוועגן; גייט ווייטער, אין ס׳קומט איר אַנטקעגן אַ צווייטע וואָג — גייט זי ווידער אַרויף זיך אָפּוועגן; אַזוי, פון איין וואָג אַראָפּ אויף דער אַנדערע אַרויף; און מער ווי יסורים פון זיי האָט זי נישט; וואָרים, ווען איינע ווייזט איר מיט אַ האָרעלע מער — ווערט איר שוין ס׳בלוט געמינערט.

— אַ פונט ווייניקער ווי אַ לויט — מער, זאָל זיין...

פּטר׳נדיק די צייט ביים וועגן זיך — כאַפּט זי זיך שפּעטער, אַ קאַצענער קאָפּ, אַז זי האָט וועמען אויף זיך געלאָזט וואַרטן; נישט חלילה, דעם מאַן, נאָר טאַקע דאָס אַלטע מיידל מיט וועלכע זי ברויכט זיך נאָך היינט זען... און ביז זי דערלעבט קומען צו איר, — וויל שוין יענע פון גרויס קריינקונג, מיט איר נישט ריידן; אָבער אַזוי ווי זי דערציילט איר נאָר, ווי זי האָט איינגעקלעמט דעם מאַן אירן, אַז ער דרייט זיך אַרום ווי אַן אָפּגעשלאָגענער האָן, איז בלאָ אונטער די אויערן — אַזוי גייט שוין יענע מיט איר אַרויס, פאַרנעמט זיך מיט איר צום ים, געזווינטלאַך... און דאָ, אויפן ברעג, צו וועלכן דער ים וואַרפט זיך מיט גרויס אימפּעט, — נייען זיי ביידע שטיל, אַרטיק, אָרעם צו אָרעם, טויטלאַך

אָנגעפּודערט די פּנים׳ער, רויט אָנגעשמירט די ליפּן; וויגן זיך אַזוי גלייך, געשיקט, מיט זייערע עלאַסטישע קערפּער, אַז ס׳באַקומט זיך דער איינדרוק, ווי דאָס זאָלן גאָר נישט זיין קיין מענטשן, נאָר פּאָרצעלייענע פּופּן, וואָס מ׳האָט אָנגעדרייט אויף דראָטן:

— אַזוי פיל און אַזוי פיל זאָלן זיי האָבן צו גיין; און אַז ס׳וועט זיך אויסנעמען — וועלן זיי פּאַרגעווים בלייבן שטיין, אויסגעקנאָטענע פיגורן פון גיפּס, אָן יעדן וואַרימן אָטעם...

ביים אַלטן מיידל גייט דער ברוגז אַראָפּ פון פּנים, און זי ווערט וואַרימער צו איר, נענטער, פרייט זיך אַזוי, — וואָס ס׳איז איר געלונגען אַרויסצופירן ס׳יונגע ווייבל, פּונקט ווי אַ פרומע שוועסטער פירט אַרויס אַ זינדיקע...

ס׳יונגע, געזונטע בחור׳ל האָט זיך געצאַפּלט אין די ליכטיקע שטובן, ווי אַ פריש אַרויסגעכאַפּט פישעלע אויף דער ערד, — אָבער ס׳יונגע ווייבל האָט זיך שטאַרק געהאַלטן ביי ס׳איריקע, און זיינע רחמנות׳־דיקע בליקן האָבן נאָכער שוין גענומען אָנטרעפן אויף קאַלטע אויגן...

זי האָט אפילו איצט, זיינע פּטור זייענדיג — גיכער גענומען שפּירן דעם עול פון הויז; גיכער גערוימט, און ווען ער האָט געזען ווי זי פּלייסט זיך, ניט אַוועק איר גאַנצע ענערגיע אויף אַ לאַדע נאַ־רישקייט, וואָס איז נישט ווערט די רייד, — האָט ער ביטערלאַך געשמייכלט:

— וואָס מיינט זי, דער נאַר, מיט דעם מיך צו פאַרגיטיקן?...

ס׳בלוט איז אים געוואָרן פעט אין די אָדערן, און זיי האָבן גענומען הויך אָפּשטיין אויף די ווייסע הענט זיינע, ווי די קישקעס... דער קאָפּ איז אים געוואָרן שווער צו דערטראָגן; די שלייפן האָבן געהאַקט; ס׳פּנים, — מאַט, ווי פון אַן איינגעגעסענע וואונד; ער האָט זיך נאָכאַנאַנד אַרומגעטראָגן מיט האַרצווייטאָק, אַזוי ווי פון אַ שטענדיקן מום, אַ מאוסן, וואָס מ׳קען נישט זיינע פּטור ווערן...

און איינמאָל. אוונט־צייט, ווען ער איז געוואָרן פריי, — האָט עס אים שוין איבער אַ גוואַלט נישט געלאָזן גיין מער אַ היים;

דער שטערן האָט זיך אים געקנייטשט פון עפּעס אַ מעגלאַכער מחשבה, און באַוואוסטזיניק זיך געלאָזט פאַרטראָגן פון די פּיס אין נידריקן שטאָט־טייל, וואו ער האָט אַ מאָל בחור'וויִז, — געוואוינט ; אָפּגעפרישט דאָס אָרט, וואו ער האָט פאַר אַ סך יאָר געגעסן אוונטברויט צו דער צייט ; כאָטש ס'האָט אים נישט קיינער דאָ דערוואַרימט מיט קיין שמייכל, מיט אַ ברייטן ברוך־הבא, ווי ס'גיט זיך מיט אַ מענטש, אַ גאַסט, וואָס מ'האָט אים נישט געזען פון פאַר אַ לענגערע צייט, ווייל דאָס אָרט איז שוין, ווער ווייסט, וויפיל מאָל געהאַט איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט, און נישט גע־טראָפן מער קיינעם פון יענע אַלע מענטשן וואָס האָבן אים אַזוי גוט געקענט...

האָט ער זיך דאָך, ועט איר, פאָרט נישט דערמאָנט אין דער מעגלאַכקייט, אַז ס'ווייב זאָל אים ערגעץ וואו אויסקוקן, ווי אויך אין דער ליכטיגקייט פון די שטובן, — וואו ער זאָל ברויכן אויספעלן ; ער איז פון אַלעם וואָס איז צו אים געווען אַזוי נאָענט — געווען אַזוי ווייט אַוועק, מיט גאָר נישט צוגעבונדן פון נעכטן, און צום באַדויערן — מיט אַלעם אָפּגעווישט, וואָס ס'האָט ווירקלאַך געקענט זיין, אויב זי וואָלט זיך געווען אָפּגעגעבן צו אים, ווי אַ ווייב...

אָפּגעגעסן, איז ער אַרויס אין דרויסן, זיך אויסשטעכנדיק פויל די ציין, אין נייגעריק געקוקט אויף די געדיכט־באַוואוינטע הייזער; און דאָ זיינען אָנגעקומען די מיידלאַך, אַ שרעק — נאָך אַלע די אייגענע מיידלאַך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפּשטעלן ריידן פאַר יאָרן אַ הער, אין די בחור'שע צייטן ; זיי האָבן קענטיק, דאָ נאָך געוואוינט, אודאי דערפאַר ווייל זיי האָבן געפירט אַזאַ דער־ווייטערט אָפּגעשטאַנען־לעבן ; ער געדיינקט, ווי נישט איינע פון זיי פלעגט זיך אַ מאָל פאַרגעסן, אָנשפּאַרן מיטן אַקסל אָן אים, און מחשבות'ן, זיך פאַרטראַכטן :

— ס'איז אפשר באַשערט, ער זאָל זיין איר מאַן ?...

דערזעענדיק אים איצט, האָבן זיי זיך נעבאַך אוועקגעדרייט : ייִיסנדיק עפּעס פון אַ דריט און אַ פירט מויל — פון זיינע גדולות,

האָבן זיי געמיינט, אַז די בלויזע נייגעריקייט האָט אים געטריבן און אַראָפּגעבראַכט אַהערצו־צו; ווי מ׳קומט אַ מאָל פון גרויס וואַיל־טאָק, אין רייכן שטאַנד, — אַ קוק טאָן אין דער געוועזענער אָרימ־קייט אַריין, זיך צו וועלן דערמאָנען אָן איר, כדי איר דערמיט נאָכמער צו פאַרגעסן; די בלאַסע שמייכלען אויף זייערע בלייכע באַקן האָבן אים דערמאָנט אָן דער קריינקלאַכקייט פון אָפּגענאַרטע מיידלאַך, ביי וועלכע מ׳קען זיך מער קיינמאָל נישט מיטן לעבן אויסקויפן...

— איר ברויכט מיר נישט נאָכטראָגן קיין בייז האַרץ, ס׳האָט זיך אַזוי געמאַכט, — זיי געפּרואווט געבן צו פאַרשטיין — וואָרים, ס׳איז נאָך נישט נאָכאַלעם אַזוי ווי איר מיינט ?...

און די מיידלאַך, וואָס זיינען פון לכתחילה באַלד נישט געווען אַזוי שטאַרק איינגעגלויבט אין זיינע גליקן — איז שוין איבער אַ רגע געהאַט אַרויס פון קאָפּ, וואָס זיי האָבן אַ מאָל פון אַ דריט און אַ פירט מויל געזאָלט הערן איבערזאָגן, און זיך ערשט רעכט מיט אים אַרומגעכאַפּט; מיט דער אויפגעהעלטער פרייד פון אַלטע איבערגעשטאַנענע מיידלאַך, ווען זיי טרעפן אָן אויף אַן אַלטן היימישן מענטש, וואָס מ׳האָט אַמאָל גאַנץ ערנסט וועגן אים גע־טראַכט...

און זיך געפרייט:

— כע־כע... ער איז נאָך, פּיליי̆כט, נישט מיט אַלעם אויס־געשפּילט, דער בחור...

ס׳יונגעמאַנטשיקל וואָס מיט די גראָבע הענט און רויטלאַכע האָר, האָט טאַקע אָנגעהויבן מער און מער צו פאַרלאָזן די היים, ס׳יונגע געשיקטע ווייבל, און זיך גענומען ווייזן אין דער נידעריקער שטאָט־טייל, ביים וואַסער, — אויסקוקן די אָרימע מיידלאַך פון אַמאָל און מיט וועלכע ער איז ערשט געוואָרן אַזוי היימיש...

און אויפ׳ן ערשטן שטאָק, דאָ ערגעץ אין אַ הויז, וואו ער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו איינע אַ מאַוס׳ע, ווי געוויינטלאַך צע־

פאלענע מיידל, מיט קורצע, גראבע פיס; איינע פון א סך, וואס האט שוין אויפגעהערט צו ווארטן אויף עפעס גוטס אין איר לעבן, און איז תמיד גרייט אויף וועלכן אופן ס'זאל נישט זיין, זיך אפצונעמען א קליין חלק'ל פון א גרויס — אבי אירע יארן זאלן נישט האבן צום איבעריקן פארשווינדן מיט גאר נישט...

ביי די איינע מיידל האט ער זיך געוואלט איינבעטן, און דער גוטער יאר ווייסט, צי ער איז שוין אויף אזוי ווייט געווען פארנארט, אדער געפאלן ביי זיך, אז ר'האט נישט געזאלט זען, ווי אירע אויגן האבן אויפגעלויכטן מיט זיין קומען; זי האט געלאכט מיטן גאנצן הארץ, ווי דאס בחור'ל איז פארשעמט און האלט אראפגעבויגן ס'קעפל; ווארים נאך מיט יארן צוריק, אז ער פלעגט קומען, האט זי אים שוין, צוליב איר הויכע עלטער און מאוסן קערפער, — נישט אוועקגעשטופט; עס איז איר נישט געקומען גאר אויף די געדאנקען, אז ער שעמט זיך איצט, ווייל ער האט שוין א ווייב; ס'קען זיין, דאס איר אייגן פארפינסטערט לעבן, וואס איז אויסגעגאנגען און פארלאשן געווארן אין דעם וויסטן שטובעלע, — האט דאס אזוי מיטגעבראכט, אז זי זאל זיך גאר נישט וויסנדיק מאכן, און אים נאך אפשר גאר דאנקבאר זיין, בענטשן יעדע איבעריקע שעה וואס ער ווילט איר, און דערפרייט איר... זי האט אים געלאסקעט. דעם יונגענמאנטשיקל מיט די רויטלאכע האר, וועלכע זיינען אים אלע מאל געלעגן פארשוויסט אויפן שטערן, נישט האבנדיק נאך דאמאלט קיין אנונג, דאס ער קען איר נאך דערפאר אפשר ליב באקומען... ווירקלאך ליב באקומען... און זיך בלויז באנוגן געלאזט, געווען איבערגליקלאך מיט די געציילטע מינוטן, וואס א מאן, א שטארקער, געזונטער, פול־בלוטיקער מאנסביל, האלט איר אין זיינע ארעמס ארייגענומען...

ס'בחור'ל האט זיך דערפילט יום־טוב'דיק, אויף א מדרגה, דווקא אין דעם ברודיקן לאך פונם טענעמענט־הויז, וואו ס'האט געשלאגן מיט א שרעקלאכן געשטאנק פונם „יארד“, און א זויערער ריח פון פארזויערטע איבערבלייבעניש, האט אפגעדרייט די נאז;

דער קאָפּ איז אים געווען קלאָר, דער שטערן אויסגעלייטערט, ס'האָט אים צוריק גענומען א השק צו לעבן... צו לאכן... זיך הויך אויסצולאכן...

הארט די בלייכע זאמד־ברעגעס ביים ים, זיינען אין די אוונטן פון די הייסע טעג געגאנגען מענטשן; געגאנגען ארטיק, מיט אָפּגעמאָסטענע טריט, זיך נישט איינגעבויגן צוליב עפּעס־וואָס דאָרט. ס'האָט זיך זיי געקענט פּארוואלגערן אונטער די פיס; און נישט איינגעקוקט זיך, ווען דער ים האָט זיך פון ערגעץ אלצאיינאיינעם אָפּגעריסן, און געוואָרן צוגעטראָגן מיט אזעלכע גבורה'דיקע כוואַליעס, צו זייערע פיס; און צווישן זיי, די מענטשן, געוויינטלאַך. ס'יונגע ווייבל מיט דעו אָפּגעבלאַקירטער מויד; נישט געגאַנגען דאָס מאָל פּאר תענוג, נאָר אומרואיק זיך באוואויגן, און גאָר נישט ווי איר שטייגער — זיך געטרייסלט, געשאָקלט ווי א דאַר פּינגערדיק בוימעלע, הערבסט־צייט, ווען דער ווינט קריגט עס אריין אין זיינע הענט, און נעמט עס אזוי מסוכנ'דיק וויגן, אָט־אָט, ביז צום איבערברעכן... ס'האָט איר געדאַרט דער קאָפּ פּאַרן יונגנמאנטשיקל, וועלכער האָט שוין, זי ווייסט גאָר נישט פאַרוואָס — איינגעהערט פון פאַר דער לעצטער צייט אינגאַנצן א היים צו קומען; און אָנגעשטרענגט, ווי ס'הארץ וואָלט איר געזאָגט, אז ער ברויכט זיך ערגעץ דאָ וואלגערן אין די זאמדן, וואו מ'קומט פון אלע ווינקעלאַך פון דער גרויסער שטאָט, — געקוקט; געשלונגען מיט די אויגן יעדע ענלאַכקייט פון א מאַן וואָס פון זיין הויך, וואוקס, ביז ס'האָט זיך פּאר איר ענדליך אויסגעשיילט דער קערפּער — דער פולער אויסגעטאָקטער קערפּער זיינער, — ער איז געווען איינגעדרייט אינאיינעם מיטן גראָבן מיידל, — און ס'הארץ האָט זיך איר שיעור נישט אָפּגעריסן פּאַר צרות:

— וואָס איז, דו ווילסט שוין מער נישט וויסן פון מיר?...

ער האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופן, און זי האָט איבער דער איינער רגע פארשטאנען איר בראָך: אז זי איז איצט געבליבן

אַליין אין דעם וועלטל, איינע אַליין, וואָס וועט באַלד זיין צוגלייך מיט יענעם אַלטן פּאַרזעסענעם מיידל, וואָס מיט איר אָפּגעשלאָסענער טראַכט, וועלכע קיינער וועקט נישט איבער; זי וועט קענען ווי זיי בלויז הנאה האָבן פון די זיידענע פינגער, דינע געשליפענע נעגל, נישט מער... און פאַרביטערט, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איר נישט מער איינגעגאַנגען — זיך גענומען רייסן, רייסן פון דער אַלטער מויד, וואָס האָט באַקומען ס׳אויסזען פון אַ שפּין אין אירע אויגן... און מיט אַ טיפע חרטה צום מאַן, וואָס זי האָט אים געהאַט צו פאַרשאַפן אַזוי פיל פּיין, — געבעטן:

— קום אַהיים... כ׳וועל זיין צו דיר וואָס דו ווילסט...

ער איז געלעגן איינגעדרייט; ס׳האַרץ האָט זיך ריזיק געהויבן, און ס׳צער — ביי אים אַרויסגעברומט ווי ביי אַ טויב פון די אויגן...

דער געוועזענער

מייק, דער געזונטער יונג מיט די ברייטע פּלייצעס, און רויט בלוט־שפּראָציק פּנים, — האָט צופעליק פּאַרלוירן אין פראַנקרייך די פיס; דאָס אָפּשניידן אים די פיס ביז העכער די קני, — האָט, קענטיק, נישט אַזוי שטאַרק געאַרט דעם איבערשטן טייל קערפּער זיינעם, ווייל ער האָט נאָכער גאָרנישט ניט געהאַט פּאַרלוירן פון די שטיקער פלייש, וואָס האָבן זיך געוואָרפן אויף זיינע הענט, אַרום די ברוסטן, און נידעריקער פון די פּלייצעס, ביים רוקן; דאָס לייב איז געבליבן אַזוי איינגן געדיכט אויסגעקנאָטן, קרעפטיק, און אין פּנים האָט נאָכמער געשפּאַרט דאָס בלוט פון די באַקן.

ס'האָט אים גיכער מער געאַרט, וואָס ער וועט באַדאַרפן אָן די פיס קומען צום ווייב, א היים; דאָס ווייב זיינס איז געווען א ווילד אומרואיק שטיק געמיט, ביי וועלכער ס'בלוט אליין האָט געפּאַרבט די באַקן פון איר פּנים; די טעג ביי איר האָבן נישט געדרעמלט ווי די קליינע כוואַליעלאַך, אויף א פּאַרשלאָפן טייכעלע, נאָר פּאַרשריגן געוואָרן מיט דעם מעכטיקן אימפּעט פון אויפגעוועקטע מורא'דיק־צושפּילטע כוואַליעס; ס'האָט זיך ביי איר געכוואַליעט די ברוסט, הייסבאַוואויגן, און ווען זי האָט געוואָלט אַזעלכן ווי זי אליין איז, — האָט זיך איר געמאַכט דער רויטער מייק מיט די לאַנגע פיס, וועלכן זי האָט ערגעץ דערטאַפּט „אויפ'ן דאָק", וואו ער פלעגט אַראָפּקומען פון די שיפן, און אים ברייט אַריינגעלאַכט אין פּנים:

— אַזאַ גבורה'דיקן יונג וואָלט איך טאַקע נייטיק באַדאַרפט האָבן פאַר א מאַן...

און אַז ער זאָל ברויכן קומען צו איר א היים אָן פיס, האָט אים ווילד געמאַכט; כאָטש זי אליין איז אים א שטיק שולדיק געווען, וואָס ער האָט גע'פּטר'ט די פיס; ס'וואָלט אים נאָר קיינמאָל נישט

איינגעפאלן זיך אוועקצושלעפן דארט אין דר'ערד אריין, ווען נישט זי, דאס הייסע שטיק בלוט מיט איר משוגענעם קאפ, וואס האט אים ארויסגעטריבן, מיינענדיק: ס'איז קוני־איילאנדער „מארדי־גרא“, וואו מ'שטעלט זיך אויפ'ן קאפ, ס'ווערט ליכטיק אין די אויגן, דאס לייב שטייף ווי א ברעט, די האר שטעכיק און שארף, ס'גלוסט זיך נאר צו געבן א ווארף, א פלי ארויף ערגעץ אין דער פינסטערער הויך אויף אזא קליין וועגעלע, לופ־דע־לופ, און באלד — א באל אראפ, אז די גערערים אין בויך זאלן זיך איבערדרייען...

אז זי האט דערבליקט ווי ער האט זיך אריינגעשארט אויפן בלויזן אונטן, — האט זיך איר פנים אויסגעקרימט, ס'מויל געווארן ארונטערגעדרייט, און די אויגן ארויסגעזעצט פון קאפ.

— פאר אזא לייט האבן זיי דיך געמאכט, כא?...

און מייק, ביי וועלכן דער קערפער האט כמעט ווי גארניט געהאט געליטן, וואס די פיס זיינען ביי אים געווארן אפגעשניטן, און נאך א קליין ביסל אפשר געהאט דיקער געווארן — האט איבער דער איינער רגע זיך שוין געפילט אזוי געקריינקט וואס ער האט זיך געהאט מיט אזוי פיל הכנעה פון אן ארימען דערשלאגענעם הונט, אריינצושארן אין שטוב; און זיך גלייך אהויבגעטאן אויפן ארט, ווי דא עפעס געוואלט פארכאפן, פארטיליגן דעם אנגעהויערן שטורם וואס האט געהאלטן אין אויסברעכן ביי איר, דערמיט וואס ער האט זיך אליין א כעס'געטאן, נאך איידער זי האט געקענט קומען צו זיך, און איר דערלאנגט מיט דער פולער ביטערקייט, וואס ביי אים אויפ'ן הארץ:

— כוואלט דיר אויך באדארפט אפטאן ס'איינענע, פארשוי־טער רויב־פויגל; נעמען א האק און דיר דערלאנגען דיינע צוויי הענט, אז דו זאלסט ווייניקסטנס ברויכן אנקומען צו מיר, נאך א טובה...

און זי האט אראפגעבוינגן ס'קעפל.

שפּעטער, אַז ס'האָט זיך איבערגעבראָכן בײַ איר, בײַ דעם יונגן שטיק בלוט, און באַקומען צו פֿילן, אַז דער קאַליקע האָט אים נאָך מיט אַלעם נישט אָפּגעטויט; אַז ס'איז נאָך געבליבן בײַ אים אַן אַ שיעור מעגלעכקייטן, וואָס קענען איר גאַנץ אָרנטלעך אײַפּרייצן, — האָט זי אים צוביסלעך גענומען נאָכקומען, און דערווײַל זיך געלאָזט אײַנלעבן מיט דעם איבערגעבליבענעם שטיק פֿון איר מאַן, אויף ווי־ווײַט זי איז נאָך געווען ווײַט פֿון אַן אַנדערן, וועלכן־ס'איז געזונטן, צווײַ פּיסיקן מאַן...

ער, וואָס האָט זיך דאָס נישט צוגעגלויבט, און ס'שטייט זיך, נישט געטרויט, — האָט איר אָפּגעהיט מיט דער גאַנצער אימה, וואָס בײַ אַזאַ שטייגער קאַליקע, וועלכער מוז האָבן ס'קרחות פֿאַר זײַן שיין ווײַב, זי זאָל זיך חלילה, נישט צופֿיל פֿאַרקוקן אויף וועמען, און איר כּסדר געהאַלטן אין דער מורא:

— זי זאָל זיך שעצן גליקלאַך, וואָס זי קומט בלויז אָפּ דערמיט פֿאַר איר חטא, און דרייט איר באַלד נישט ס'קעפּל אַרונטער...

און אַזוי ווי זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק דערשלאָגן, נישט געזען פֿון אים, לאַ־די וואָס ער איז געווען אַ קאַליקע — קיין פֿרײַ אויג, נישט געקענט אויפֿהייבן נ'קאָפּ, האָט ער געפּרואווט נאָכלאָזן ס'שטריקל, און איר אויסריידן, פֿײַערלאַך:

— זי זאָל זיך נישט אַזוי שטאַרק נעמען צום האַרץ, וואָס ער איז אַזוי שלעכט צו איר, — ס'איז פֿאַר ליבשאַפֿט, ווײַל ער האָט איר אַזוי שטאַרק ליב, מוז ער זײַן אײַפֿערזיכטיק; און אויב זי לײַדט, ווײַל זי וועט שוין מער קיינמאָל נישט האָבן אין אים דעם רויטן מייק, וואָס האָט אַזוי פֿלינק ווי אַ קאַץ געקלעטערט אויף די מאַסט־בוימער פֿון די שיפֿן, וועט ער פּונקט ווי פֿריער אַלץ־איינס זען איר צו פֿאַרשאַפֿן דאָס גרעסטע פֿאַרגעניגן...

ער האָט נאָך אַפֿילו נישט רעכט געוואוסט, מיט וואָס אַ שטייגער ער וועט איר דאָס אַזוי באַגליקן, — איז ער שוין געווען אַזוי אײַנגעגלויבט, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך געווען בײַ זײַן ריכטיקער

גבורה פון אַמאָל; און אַז ער איז אַרויסגעקומען אויפֿן גאַס, האָט אים ס׳פּנים גלייך געגומען פלאַמען, צוזעענדיק ווי אַנדערע אָן פּיסיקע קאַליקעס, לאָזן זיך אַרומפּירן אויף וועגעלאַך, און זוכן מיט דער הילף פון עפּעס אַ שפּילקעסטל, די בלויזע אָפּגעשניטענע פיס זיינען אודאי ווייניק, — אַרויסצוקריגן אַ פּעני ביי וועמען; אים האָט געטריבן ס׳משוגעת צו זען דאָס ווייב מלכות׳דיק, — אַזוי האָט ער זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם דאָזיקן זייער געמיטלאַכן שנאָרן, פון וועלכן מ׳קען זיך קוים אַליין דערנערן בצמצום; ער איז נאָך לעת־אתה — זיך נעטראַכט — חוץ די פיס וואָס פעלן אים, מיט אַלעמען, געזונט, — אַזוי האָט ער זיך גיך געכאַפּט צו אַ פּאָר באַרשטן, און אַ לאָזגעטאָן מיט האַסט דאַון־טאַון, איבער די „קאָרנערס״, אַרומשפּרונגען ווי אַ רוח, אָפּרייסן די פּאָלעס, און שרייען מיט אַ לייבן־קול:

— כ׳מאַך פון אַלטע שיך, נייע; פאַר איין ניקעלע מאַך איך פון אַלטע שיך, נייע...

דאָ אויף די „קאָרנערס״, וואו ער האָט זיך פאַר אַ גאַנצן מאַג אַרומגעוואַלגערט, האָט ער אויך אַ סך מאָל אָנגעטראָפן אויף יענע פּריילאַכע „באָיס״ פון די געוועזענע; און דערפאַר וואָס ס׳האָט זיי ווירקלאַך, קען זיין, געזאָלט פאַרקלעמען אויפן ביטערן גורל פון דעם געזונטן לעבע־יונג; און נאָכמער אפשר וואָס ס׳האָט זיי דערמאָנט אין די אייגענע געפאַרן, פון וועלכע זיי זיינען נאָר על פּי נס ניצל געוואָרן, — האָבן זיי מיט גרויס גדולה זיך געלאָזט פוצן ביי אים די שיך, און זיך גערן נאָכגעפרעגט:

— ווי ס׳גייט אים?

— און ווי ס׳לעבט זיך אים?

מער פון אַלע האָט אין אים געקלעפּט איינער פון די געוועזענע, מעקס, אַ טעקסי־דרייווער, וואָס איז אַמאָל ביי אים פון אַ זייט געלעגן אין די „קעמפּס״ און זיך דאָ אויך אומגעוואָרפן מיט זיין מאַשינדל אויף די „קאָרנערס״; פון גרויס מיטלייד צו אים, האָט זיך דערוועקט דאָס גוט־ברודערשאַפט פון די שלעכטע צייטן,

ווען מ׳האָט ביידע אינאיינעם אַמאָל אָרנטלאַך געטאַפּט אַ וואַנט, — און געזוכט אים מיט עפּעס דורכאויס אַ טובה צו טאָן, אַרויס־צוהעלפן...

מייק האָט דערווייל נישט שלעכט אויסגעמאַכט. ער האָט זיך אויסגעטויגט צו דער מלאכה. לייכט און גרינג ווי דער אַמאָליקער שד אויף הינערשע פיסלאַך צו די מאַסטן, — האָט ער זיך אומגע־יואָרפן, און אַז מעקס האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער דוקא ליב געהאַט זיך צו באַקלאָגן:

— ס׳וואָלט נישט געווען שלעכט, ברודערקע, ווען כ׳וואָלט נישט געהאַט דאָס איטאַליענישע קליינוואַרג, וואָס קריכט מיר אין די לעבער...

און באַהאַלטענערהייט געשאַרט דאָס געלט.

פאַר׳ן אַוועקשלעפּן זיך אַ היים, — אַריין אין אַ "דרייגודס־סטאָר", זיך געהייסן אַראָפּגעבן אַ שאַכטל זיידענע זאָקן, עטלאַכע שטיקלאַך וועש זיידענע, און דאָס ברייגגען צום ווייב אַ היים מיט אַזוי פיל אַמביציע....

— וואַרט, וואַרט, דו וועסט נאָך ביי מיר, דערפאַר וואָס כ׳האָב קיין פּיס נישט, — גיין אין גאָלד...

מעקס, דער טעקסי־דרייווער, וועלכער האָט זיך באמת פאַר אים געבראָכן נ׳קאָפּ, האָט איינמאָל, צוזעענדיק ווי יענער יאָגט זיך אַזוי נאָך אַ פאַרדינסטל, איז אַזוי פאַר׳חושכ׳ט, שוואַרץ ווי די ערד, — געגעבן אַ שטעל־אָפּ ס׳מאַשינדל, אים אַריינגענומען, זיך געלאָזט גיין העכער אַפּ־טאַון, און אים באַלד אַראָפּגעלאָזט ביים וואָקזאַל.

— דאָ, „באָי׳לע“, איז ס׳ריכטיקע אָרט, אויב דו ווילסט עפּעס מאַכן מיט׳ן שוכ־פּוצן; בחנם דיינע כחות, וואָס דו וועסט דאָרט צום איבעריקן פּטר׳ן אויף די קאָרנערס...

דער קאַליקע האָט זיך צוגעזעצט, אַרומגעקוקט, און איידער־נאָך וואָס, נישט־ס׳איז־עפּעס, פון גאָר גע׳חלום׳ט, — איז שוין נאָך

ניבער אויף אים אָנגעפאַלן אַ גראָבער פּאָליסמאַן; אַ שווער־אָנגע־פּרעסענער נפש מיט אַ פאַרגאָסן פּנים שמאַלץ, און ביי אים שיעור נישט דאָס איבעריקע איבערגעבליבענע שטיק לייב־און־לעבן געוואָלט צעטראָגן...

— וואָס ווילסטו דאָ טאָן? — זיך ממש צעריסן.

— מאַכן אַ פּאָר סענט! — האָט דער קאַליקע געמורמלט.

האָט זיך ביים פּאָליסמאַן אויפן פּעטן שמאַלץ־פּנים אויסגע־גאָסן אַזאַ ברייטער חוזק, אַז מ'האָט געקענט מיינען: די הויט וועט זיך אויף דעם צעגיין, דאָס גאַנצע שמאַלץ אויסרינען, און ס'וועט שוין מער קיין פּנים אויף דעם אָרט נישט זיין...

— וואו?... דאָ?... וואו די רייכסטע און פאַרנעמסטע לייט קומען?...

און שוין האָט דער האַלבער קערפּער פון שוכפּוצער זיך גע־נומען קייקלען איבער די טרעפּ, אַזוי האַסטיק פליען, און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס'האָט זיך געדוכט: ס'איז שוין איצט געקומען זיין סוף, ס'וועט שוין מער געוויס פון אים קיין שריד ופליט נישט בלייבן; און בלויז דורך אַ נס, אָדער פון דער איבערנאַטירלאַכער גבורה וואָס האָט געשטעקט אין דעם געזונטן שטיק קערפּער, זיך דערהאַלטן — און געבליבן ליגן גאַנץ צופוסנס פון די שטיגן.

— וואו?.... דאָ?... — האָט נאָך אָפּגעקלונגען דער בום ווי פון אַ פאַס.

און ער האָט זיך ערשט איצט דוקא נישט גערירט, דער קאַליקע; געשלאָגענערהייט געלעגן, אַזוי ווי אַ פאַר'משפט'ער צום טויט, וואָס ווייסט: מ'קען אים מער ווי איינמאָל פאַר דעם זעלביקן חטא נישט אומברענגען... און פונקט ווי פריער, ווען ס'איז אים גאָר אין קאָפּ נישט געלעגן דאָ צו בלייבן זיצן, אַזוי האָט דער טויט־קלאַפּ אין אים אויפגעוועקט דאָס באַוואוסטזיין, אַלע זיינע חושים, וואָס האָבן, שטאָל־און־אייזן, אים צוגעהאַלטן, און שוין מער נישט געלאָזט אוועקרירן... דערהאַלטן דאָס אָרט — האָט ער פאַר־שטאַנען, הייסט: דערהאַלטן ס'ווייב; ווייל נאָר דורך אַזאַ

אָרט וואָלט ער געקענט איר פאַרגעניגן טאָן, אָפּוואַשן די אומצו־פרידנקייט פון איר פּנים, זי זאָל נישט וויסן באַלד מער קיין חלוק פון אַ געזונטן מאַן, ביז אַ קאַליקע...

דער גראָבער פּאָליסמאַן, וועלכער האָט אַ פּנים, אין מיטן פאַלן, ווען מייק איז געפאַלן, — דערזען: ר'האָט געשלאָגן אַ קאַליקע; אַ בריקגעטאָן מיט אַ משא פון צוויי הונדערט און עטלאַכע פּופציק פונט, אַזוי פיל ווי ר'האָט געקענט וועגן, — אין דער אויבערשטער העלפט פון אַ קערפּער, וואָס האָט גאָר קיין פיס נישט, — איז ער שטאַרק אָראָפּגעפאַלן ביי זיך, און פאַרשעמט אַ פרעג געטאָן, ווי לחלוטין נישט מער געדיינקט אין דער מעשה'רע, וואָס יענער האָט בדעה געהאַט אָפּצוטאָן.

— וואָס איז דאָס געווען מיט דיינע פיס?...

— מיר זיי אָפּגעשניטן אין פראַנקרייך, — האָט ער אַרויס־געבורטשעט, און נאָך אַלץ אַזוי געלעגן ווי אַ שפּל'דיקער הונט, וואָס מיינט דערמיט צו דערוועקן רחמנות אויף זיך.

ביים פּאָליסמאַן האָט עפּעס ערגעץ אַ פּיק געטאָן, נישט ווייסנדיק וואו, און נישט נאָר וואָס זיין האַנט האָט זיך מער נישט אויפגעהויבן אים צו שלאָגן, נאָר אַ קריינקלאַך געפיל האָט אים באַ־נומען, צוגעשנירט די ליפּן הינטער די פאָדערשטע ציין: „גיי, זיי אַ נביא און ווייסט, אַז יענער האָט זיך נישט באַזעצט מיט פיס, וועלכע ר'האָט געזאָלט האָבן פאַרלייגט פון אונטן, נאָר טאַקע אַ קריפּל...“ און זיך אָפּגעקערט כמעט מיט אַן עקל צו זיך אַליין, און אים שוין געלאָזט זיצן, מיט דער דעה — בלויז אַ „דזשאַב“ צו מאַכן, ביז ר'וועט זיך אַרומזען, וואָס ר'האָט מיט אים צו טאָן אין אַן אַנדערן וועג...

מייק האָט זיך נישט געלאָזט צוגלויבן, אַז ער איז דאָ געבליבן זיצן; די מאַרמאָרנע ווענט, די מאַרמאָרנע שוועלן פון דער פּרעכטיקער וואָקזאַל־געביידע וואָס זיינען עטלאַכע מאָל איבערן טאָג געוואָרן געוויקט אין נאַסע טיבער דורך שווארצע נעגערס, — האָבן

געלויכטן, געברענט, און געפינקלט מיט זייער מאַזאַאיק, ווען די זון האָט זיי אָפּגעלויכטן.

און ס׳האַרץ איז אים שיעור נישט צעשפּרונגען געוואָרן פאַר פרייד; ער האָט גאָר אָנגעקוואָלן, וואָס ער איז אַ קאַליקע:

— ווייזט אויס, אַז דאָס וואָס ר׳האָט גע׳פּטר׳ט די פיס אין פראַנקרייך, איז נאָך יאָ עפּעס ווערט. אויב דאָס האָט איבער אַ רגע געקענט מאַכן אַפּהענטיק אַזאַ גבורה׳דיקן פּאָליסמאַן, יענער זאָל ווערן טויב און בלינד, נישט זען ווי ער זיצט און הערן ווי ער שרייט, רייסט זיך אויס דעם האַלז: „כ׳מאַך פון אַלטע שיך, נייע“...

כאָטש ער האָט נאָך דערווייל דאָ גאָר קנאַפּ געמאַכט; געהאַט, נאַכאַלעם, ס׳גוטע קדחות, — האָט עס אים נישט אַזוי שטאַרק געאַרט; דאָס שטיקל אָרט איז, אמת, נישט געווען איינגעווענט צו האָבן אַ שוכפּוצער, און ס׳גאַנצע ווינקעלע — ווען־אַמאָל געזאָלט דאָס הערן שרייען; דער גאַטונג מענטשן: פּרויען אין רייכע, פאַרבי־קע מאַנטלען, זיידענע קליידער, צאַרטע, דינינקע שיכעלאַך, און מענער, — שטרענג פאַרטאָגענע געשעפטסלייט, וואָס פלעגן דאָ־אַרומעט אָנקומען און פון דאַנען אַוועקפאָרן; אָדער סתם זיך אַזוי דרייען, אויסגיין צוליב פאַרגעניגן, — האָבן דוכט זיך, פון תמיד אַזוי ריין געבלאַנקט, געווען אָנגעקראַכמאַליעט־שטייף; און איז ביי וועלכן אָדער וועלכע — עפּעס דאַרטן אַרויס אויף אַ האָר פון פּאַסאָן, זיך געמאַכט אַ קנייטשעלע, אַ פּאָלדעלע, — האָבן דאַרויף געוואָרט אַזעלכע רייכע מיט גאָלד און זילבער אויסגעשטאַטע „פּאַרלאָרס“, וואו מ׳האָט אפשר דאָס קנייטשעלע נישט מיט ווייניקער פליים און ערנסט געזוכט צו פאַרטאָן ווי אַ דאָקטאָר אַ כירורג איבער אַן ערנסטע וואונד...

מענטשן פון אַן אַנדערן כאַראַקטער זיינען זעלטן דאָ געקומען, און די דאָזיקע האָבן דעם שוכפּוצער נישט באַמערקט, נישט געקענט באַמערקן, ווען אפילו ער האָט זיך נישט ווייניק געריסן דעם האַלז, זיי נעלעבערט די קעפּ; מ׳האָט געזען, ווי ער שטריינגט זיך

אָן מיט אַלע כחות אַזוי הויך צו שרייען, — אַז מ׳זאָל אים דערזען; ס׳גאַנצע בלוט קומט אים אין פּנים אַריין; זיין מויל שלאָגט ממש, ווייל דערשלאָגן די רייכע, דעליקאַטע, זעלטן־איידעלע גע־שלעכט און שטרענג פאַרטאַנענע געשעפטסלייט, ווען ער באַט זיי אָן אַזאַ גליק, אַ ווילדע מציאה:

— זיי מאַכן פאַר איין ניקעלע פון די אַלטע שיך, — נייע...

און זיי גייען פאַרביי טויבע, באַפאַלן אים נישט אין די טויזנטער, אין דער צאָל ווי זיי זיינען עס דאָ, און רייסן זיך צו אים פון אומעטום: פון אונטן, פון אויבן, איבער דער הויכקייט פון אַלע טרעפּן; און ס׳ציען זיך נישט זייערע פיס, שטרעקן און צאַפּלען זיך ווי די שלאַנגען, ווי די הונגעריקע שלאַנגען אַרום זיין האַלז, הענגען אים אַראָפּ איבערן פּנים, איבערן קאָפּ, — בינטנווייז, און צעטראָגן אים, צעלייגן אים:

— מיר אַ „שיין" צופּריער...

— מיר אַ „שיין" צופּריער...

צוזי, איז ער שטאַרק געוואָרן געפאַלן ביי זיך, ביטער ענטוישט, און די אויערן האָבן אים גענומען אַראָפּהענגען ווי ביי אַ געשלאָ־גענעם כאַרט; און אַזוי ווי ער האָט זיך פריער געריסן ווי אַ שכור, באַזויפן פון פרייד, צו מעקס׳ן, אים געלעגן אויפן האַלז:

— מעקס׳ל, דיר וועל איך די ביינדעלאך דיינע אויסקושן...

— מעקס, דו וועסט מיר האָבן ס׳לעבן ביי איר אָפּגעשווינט, ביי מיין ווייב...

איז ער געוואָרן פאַרטרויערט און געהאַלטן אין איין באַקלאָגן זיך:

— כ׳האָב מורא, מעקס, כ׳זאָל מיך נישט האָבן דאָ באַגראָבן...

מעקס האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין:

— ס׳אָרט איז נישט בלויז גוט, נאָר קען גאָר נישט בעסער זיין; די צרה איז: וואָס עס איז נישט איינגעטרייט צו האָבן

א שוכפוצער, און מ׳ברויכט אים נאָר איינארבעטן... דער סאָרט מענטשן דאָ האָט עס נישט געזען נאָך, פארשטייסט ? און זיי ברויכן דיך נאָר זען... בלויז דערזען...

מייק אליין האָט דאָס אויך געוואוסט, אָבער ער איז אָפּ־געפאַלן פון חשק צו די שפּעטערדיקע גליקן ; געמוזט אָפּפאַלן, ווייל ער האָט נישט קיין כח געהאַט אויסצושטיין פון ווייב, וועלכע האָט אים געגעסן ווי א שטיק זשאַוור ; אז ער האָט באַדאַרפט קומען אהיים ליידיק צו איר, האָט ער געשפּירט טעם־טויט...

— כ׳וויל נישט וויסן, וואָס דו וועסט מיך שפּעטער רייך מאַכן — האָט זי געזאָגט — אז כ׳האָב א סך מער געהאַט ווען דו האָסט געאַרבעט דאָון־טאָון, ווי־ווען דו ליגסט איצט דאָרט אויבן, ביים וואָקזאַל...

ווייניק דאָס ווייב, האָט ער נאָך געהאַט א צולייג־עפּעלע, די פּאָליסלייט ; איז ער נאָך נישט אינגאַנצן מיט זיי געווען שוה־בשוה ; בלויז פון זיי מנוחה געהאַט, געווען זייערע שוואַרצע פּטור, — ווען מ׳האָט אים נישט ארויסגעזען פון אונטער די פּיס, וועלכע האָבן זיך אונאויפהערליך געשאָטן איבער די טרעפּן ; קיים אבער האָט דאָס איבער א רגע, ווען ס׳זיינען קיין צוגן נישט צוגעגאַנגען — זיך איינגעשטילט, און דער הויכער צוגאַנג צום וואָקזאַל, פלעגט איבער אַלע טרעפּ בלייבן גענצליך ליידיק ; דער גאַנצער מאַסיוו־פון־שטאָל־אויסגעגאָכענער בנין האָט אַזוי פאַריסן ברייט ווי א חצופה ארויסגעשטאַרצט איר ברוסט, — האָט ער דאָן, דער מאָוס׳ער קריפּל אונטן, אויסגעזען ווי א וואָרים, א מאַוס׳ער ברודיקער וואָרים, וואָס זאָל נאָר מיט זיין קלוגן פארשטאַנד זיך דאָ האָבן אוועקגעלייגט אין א זייט פון „סטריט“, כדי ער זאָל מער זיכער זיין און באַוואָרנט מיט׳ן לעבן ; מיט׳ן איבעריקן איבער־געבליבענעם שטיקל קערפּער, אז ס׳וועט נישט צוטראָטן ווערן פון די אויטאָמאָבילן, וואָס לויפן אַזוי הינטיש פארשייט און יאָגן זיך אָן שום איינזען...

די פאַרגליווערטע, ווי פון טשוגון־אויסגעגאָסענע פּאָליסלייט, וועלכע האָבן נישט געקענט צוזען די מינדסטע עולה פון וועלכן ס'איז אַריסטאָקראַטישן הויז, אַז אַ שטויבעלע זאָל ערגעץ־וואו דאַרויף פאַלן; און אַ שטיקל שפּענדל, וואָס האָט נאָר צופעליג זיך געקענט פאַרוואַלגערן פון די שמוציק אומריינע גאַסן — זאָל דאָ בלייבן ליגן אַ רגע, — זיי האָט דאָס געקאָסט געזונט; זיי האָבן זיך אַזוי געפילט קעגן דעם ריזיקן וואָקזאַל מיט אַלע איבעריקע שכנ'שע, גדלות'דיק־פאַריסענע הייזער, וועלכע האָבן זיך געמאָסט מיט אים, ווייל ער האָט אויף אַ האָרעלע פילייכט פאַרטונקלט זייער גלאַנץ; זיי, די פּאָליסלייט, האָבן זיך אַזוי געפילט בנוגע די הייזער, דערמיט וואָס זיי לאָזן אים אַזוי זיצן, פּונקט ווי יענע פרויען, וואָס זינדיקן באַוואוסטזיניק קעגן זייערע מענער...

און וואָס איינער האָט געפּרואווט צו אים צושטיין:

— גיי, זוך דיר ערגעץ אַנדערש־וואו אָפּ אַן אָרט; מ'וועט דיר נאָך אַליין באַהילפיק זיין אין דעם...

האָט עס אים גענומען וואַרפן, דעם קאַליקע, אַז מ'האָט געקענט מיינען, — די שווערע קריינק וואַרפט אים דאָס אַזוי.

— כ'בין שוין גענוג אויף אַנדערע ערטער אויסגעריסן געוואָרן, און מ'גיט מיר דאָ אויך קיין האָניק נישט צו לעקן...

כאָטש, זיין עקשנות איז שוין נאָכאַלעמען וווייט געווען געבראָכן; און ביים שוואַכסטן געבייזער פון וועלכן ס'איז פּאָליסמאַן, אָפּגערעדט: פון אַ קלאַפּ — וואָלט ער זיך שוין געווים נישט געווען אַקעגנגעשטעלט, ווייל דאָס גאַנצע זיצן זיינס איז שוין מער נישט געווען ביי אים, ווי אַ ריין אָפּקומעניש; בלויז איינער, מעקס, דער כיט־ער טעקסי־דרייווער, וואָס האָט אים איטליכס מאָל, ווען יענער האָט זיך שוין־שוין געוואָלט צונויפנעמען און איינפּאַקן די כלים, — אָנגעטראָטן ווי אַ הונט אויפ'ן קאָפּ און געוואָלט פּשוט ממית'ן:

— ליג דאָ, הונט איינער, ביים די שטיינער...

און אים אזוי פיל פארגרינגערט, מייס׳ן, וואָס ס׳איז שוין טאקע אויך געווען א גוטסקייט — וואָס ער איז אים טאָג־טעגלאך געקומען צונעמען פון וואָקזאל, און אָפּגעפירט אהיים; און דאָס האָט אים אויף אזוי פיל אויסגעמאכט, פונקט ווי ער זאָל אין גילדענעם־גוטן אליין גיין, אויף זיינע אייגענע פיס, א היים; אָפּגערעדט: אז ס׳איז אים געווען אזוי ביטער אויפ׳ן הארץ...

כ׳וואָלט אים באשטימט נמאס און אָפּגעמאוסט געוואָרן, מיט מעקסל׳ס גליקן, און מי יודע: אויב נישט געלאָזן ס׳טייערע אָרט מיט האק־און־פּאַק, ווען נישט די וואָקזאל־לייט גופא וואָלטן זיך, פון ד׳ער העלער הויט — א נעם געטאָן צו אים; די וואָקזאל־לייט — פשוט׳ע, באהארצטע מענטשן, וואָס זיינען אליין געווען זשעדנע אין א פּעני, האָבן זיך עפּעס ארומגעזען ווי דער קאליקע ליגט און מאטערט זיך, גייט אוים ווי א ליכט; די דאָזיקע לייט. וואָס זייער עובדא איז אָפּצוהיטן די צוגן, זיי צו באַפאלן און צו צעטראָגן נאָך איידער זיי האָבן זיך רעכט אָפּגעשטעלט און געהאַ־מעוועט די צעלאָזטע רעדער; און שוין ארויסלויפן מיט די פּעק אזוי ווי ביי א שריפה — זיי אויפליינגן אויף די אויטאָמאָבילן, און דאָס אָפּשיקן אינאיינעם מיט די בעלי הבתים דערפון, אין די האָטעלן...

די דאָזיקע לייט, נאָכגיכער ווי זיי האָבן געפּאקט א מענטשל, אריינגעקוקט דעם אָנגעפּאָרענעם אין די אויגן, און געוואָלט כאָטש אין א הונדערטסטל פון א סעקונדע דערניין, וואָס יענער באדארף אלץ אויף דער מינוט צו האָבן:

— פון א ווייב?

— א באָד?

— א ציגאר?

— א בלאט צייטונג?

אזעלכן ווידער נאָך א „שיין“ אויף די שיך, ניט מער אויעקגע־פירט אין דעם זעלטן רייך־אויסגעשטאטן שוך־פּארלאָר, וואו א

נעגער האָט אים אויסגעקנאָטן די לעדער פון שוך אויפ'ן פוס, זיי אים הינטיש אויסגעטאפּט און אויסגעלעקט, נאָר מיט'ן גאַנצן האַרץ צוגעפּירט צום געזונטן, שטאַרקן און אָנפּיסיקן שוכפּוצער, וואָס אויף די טרעפּ:

— גיב דעם מאַן אַ „שיין“, ווי דו קענסט...

און אַז מ'האָט גענומען שלעפּן צו אים, אויף אים אָנווייזן מיט אויסדרוקפולע בליקן: „אָן פיס און וויל לעבן פון דער אַרבעט, זיך נישט אָנלייגן אויף בעטלעריי...“ האָבן די מענטשן, ראשית: מאַקע נישט אַזוי שטאַרק מקפיד געווען; ס'איז זיי נישט געווען אין לעבן, דאָס אייגענע דורכאויס צו ווען האָבן געמאַכט ערגעץ אַנדערש־וואו; און אַיב יאָ, האָבן זיי כאָטש אַראָפּגעלאָזן ביים בלויזן „שיין“ אויף די שיך, וואָס איז נישט געווען אַזוי מיט אַלע באַקוועמלאַכקייטן, ווייל זיי האָבן שוין דערפאַר געהאָלפן אַ וויסטן קאַליקע...

אַז ס'האָט זיך געמאַכט צו טאָן, מ'האָט גענומען שטיין ביי אים אויף קעפּ, פיס האָבן זיך גענומען שטרעקן, וואַרטן אומגעדולדיק ביז זיי וועלן די זכיה האָבן אָנצוקומען צו אים, — אַזוי איז ער שוין ממילא געוואָרן אַן אַנדערער; דאָס ביטערקייט — זיך פון אים אָפּגעטאָן, און ער איז געוואָרן הייטערער, מער מענטש, און שוין גאָר אינגיכן געקענט אהיימקומען צום ווייב מיט פינקלדיקע אייגלאַך, איר דערלאַנגען עפּעס אַן אַנטיקל...

— אַ ?... זעסט: אַ מאַן, אַ קאַליקע ?...

און ביים ווייב, האָט זיך גראָד איצט, האָבנדיק פון אַלעם גוטן, — גענומען צוברענען אַ מאָדנע געדיכט פייערל; גראָד ווען ס'האָט איר גערונען איבער'ן מויל, האָט זיך עפּעס גענומען רייסן ביי איר, קאָכן דאָס יונגע געזונטע בלוט, אַזוי ווי דורכאויס געוואָלט אַריינפאַלן צו אַ נעניטן באַוועגלאַכן מאַן אין די הענט...

און לעת אתה, נישט געוואוסט: מעקס שטייט איר אונטער די פּלייצעס...

אז מייק איז געוואָרן אויפגעריכט, און ניט געשפּירט נאָך דער־
ווייל דעם ווייבס אויפגעוועקטע ליידנשאַפטן; ס'איז אים נישט
געקומען אין קאָפּ, אז דוקא איצט זאָל זי, פון צו־גוט־גיין —
נישט זיין מיט אַלעמען, האָט שוין אים גופא קודם גענומען
נאָגן אַ ווייטאָק; יענער ריס אין הארצן, וואָס ער האָט שוין יאָ
אזא גאָלד־גרוב, און מוז זיין אזא ווּיסטער קאַליקע; פאַרגעסנדיק
לחלוטין: אז נאָר אין דעם זכות איז ער דאָ געבליבן זיצן, שאַרן
גאָלד, וואָס ס'וואָלט נישט מעגלאָך געווען ווען ער זאָל זיין מיט
צען קעפּ און ניין פּאָר פיס... דער ווייטאָק האָט זיך נאָך
שטאַרקער צעברענט, אַיים קנאה צו זיינע גוטע ברידער,
די געוועזענע, צו וועלכע ס'האָט ארויסגעשפּראָצט אַ לוי־
כערע שנאה, אַ ווילדע פּשיקרע שנאה, ווי ביי אזאַ
שטיינער קאַליקע, וואָס ווייסט, אז ער האָט אַ ברירה
געהאַט ווי יענע אַלע, וואָס האָבן זיך פּילייכט ערגער פון אים
געשלאָגן, — עס נישט צו זיין; און אזוי ווי פריער — ארומהוליען
און האָבן די ליכטיקע וועלט, נישט דאַרפן קריכן ווי אַ פאַרשאָלטענע
חיה אויפ'ן בויך, פּויזשען אויף אַלע פיר...

און אזוי גיך ווי ס'האָט זיך וועלכער פון זיי געוויזן, אים
געקומען ארויסהעלפן — האָט דאָס ערשט אויסגעזען אזוי חוזק,
ווען זיי ווילן אים שמעלצן די זיפּ מיט אַ ניקעלע; און שוין
ווייט נישט מער אריינגעלייגט דעם גאַנצן כח אין זיי, נאָר אפּירטאָן
מיט רוגזה הין־און־אהער איבער'ן שוך, אים אָפּגעווישט, אָפּגע־
לעקט...

— גייט מיר אין גאָט'ס דר'ערד אריין, כ'ברויך אייך נישט
געניייטיג האָבן; גייט, ברעכט די קעפּ, — ס'בעט אייך נישט
קיינער קומען...

ער האָט זיך אפילו געזוכט צו מעקס'ן; וואָס ברויכט מען
מער — מעקס, וואָס זאָל אים נישט געווען אָנטרעטן אויפ'ן קארק:
„דאָ ליג, הונט איינער..." וואָלט ער דאָך געווען, אויב נישט אויף
צרות, — אַלענפאַלס, נישט אזוי שיין ארויפגעאַרבעט; און דעם

דאָזיקן מעקס אפילו איז ער געוואָרן אַ שונא, אַ דם־שונא, און ווער ווייסט: אויב נישט צוליב אים — אויך די אַנדערע אַזוי פיינט געהאַט בתכלית השנאה; און דער גאַנצער כעס צו זיי האָט זיך ־ורך אים געגומען; ווייל דאָס געקריינקטע ווייב זיינס האָט שוין צו דער צייט געהאַט באַוויזן אַריינצושפּריצן אירע גיפטן אין זיין בלוט, און עפּעס אַזאַ געמישט סם־המות'דיק געפיל פון אומגעטריי־ קייט צו אים — איז געוואָרן פּולצייטיק, און ס'האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז דער יונג מוז דאָ האָבן שטעקן אַ יד אין איר אומצו־ פרידנקייט; און אַז די גאַנצע אומרואיקייט אירע וואַקסט אפשר אַרויס צוליב דעם יונג, וועלכער שטייט איר ווי אַ דאָרן אין אויג, זייט ער האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו איר אין שטוב...

און יעדן אוונט, ווען דער יונג פלעגט אים קומען צונעמען אהיים, האָט ער זיך כאָטש געשטילט מיט די טויטע קללות, וואָס ־'האָט אין אים אַריינגעליגט:

— ביזט אַ הונט, מעקס; ס'ערגסטע באַשעפעניש אין דער וועלט ביזטו, מעקס; כ'וואָלט דיך כאָטש נישט געקענט, ס'אַרע טריפה'נער ביין דו ביזט...

און אויסדריקלאַך געמיינט אים צו דערגיין די יאָרן, נישט בלויז ער זאָל זיך האָבן צו באַלעקן דערפאַר, וואָס ער קומט אים אהיימנעמען, נאָר טאַקע אויך פאַרלירן דעם חשק מער דאָס צו טאָן...

מילא, האָבן יענע גוטע ברידער, די געוועזענע, אַז זיי האָבן דערשפּירט זיין כעס צו זיך, עוקר געווען, אָדער בעסער געזאָגט, זיך אויפגעהערט צו ווייזן פאַר אים און אים געלאָזט לויפן ווי אַ משוגענעם הונט; צו קריגן באַצאָלט מיט שטיינער פאַר גוטס — זיינען זיי קיין בעלנים נישט געווען; נאָר מעקסל, דער טעקסי־ דרייווער, וועלכער האָט זיך געהאַט איינגעלעבט מיט אים, און נישט אַנדערש געדענקט, ווי דער חברה־מאַן עסט זיך אויף, וואָס ער האָט נישט די פּיס, און ווער ווייסט, אויב נישט דערפאַר וואָס ער איז שוין טאַקע געווען אַזוי צוגעלאָזט צו זיין ווייב, — האָט

זיך נישט נעמאַכט פון זײַנע קללות; און וואָס מער יענער האָט געשאָלטן, גיכער אים געהאָלפן פאַרנעמען, גיכער אַרײַנגעפּאַקט אין מאַשינדל, און צום איבריקן, אים געזוכט צו פאַרשטופּן ס'מויל מיט א גראָבן ציגאַר.

— ליג דאָרט אינווייניק און פּיפּקע, וועסטו ווייניקער קענען שעלטן...

זיך אָפּשטעלנדיק מיט אים בײַ זײַן הײם, — אים נאָך אײַנגע־שפּאָרט אָן אַרבעט: יענער זאָל זיך ברויכן דראַפּען, קלעטערן עט־לאַכע שטאָק שטיגן, דערמיט וואָס ער האָט אים א כאַפּגעטאָן פאַר'ן אָרעם איוף די פּלייצעס, אַרויפגעטראָגן אין שטוב, און אָפּגעלייגט ווי מ'לייגט אָפּ א זייטל פלייש אויף א ביינקל; און פאַר די קללות, פאַר די חרמות, וואָס ער האָט פון אים אַרײַנגעכאַפּט — אים אויסגערעט פאַר'ן ווײַב:

— אוי, איז דאָס א הונט מיט אויערן, ווי מען מאַכט מיט אים, טויג אים נישט; הערט ער אַלץ נישט אויף צו געבן אין טאַטן אַרײַן; צו דאָס זאָל זײַן א טבע אזא בײַ אַלע קאַליקעס, — די כאַליערע ווייסט זיי...

ס'האָט דעם קאַליקע פאַרוואָרפן צוזעענדיק, ווי ס'ווײַב זײַנ'ס מרעפּט זיך אין אַלעמען גלייך מיט מעקסן, פאַרשטייען זיך, ווען מען ברויכט, אי אויפן וואַינק, און אי אַז זיי זײַנען צעלאָזן, הפקרות'דיק, — מיט אָפענע, עזות'דיקע העזות, נאָכקרימעניש, וואָס מ'קען באַלד פּלאַצן אויפ'ן אָרט, דאָס צוזעענדיק...

מעקבל איז שיין פון פריער אין זײַנע אייגן געווען א מאיס'ער יונג; נישט אזוי ווייט א מזיק, ווי סתם א ביליגער נפש, בײַ וועלכן די שענסטע זאַך יעמענ'ס האָט געקענט זײַן אזוי שפּאָט ביליג, ר'יאָל דאָס אָן א ברעקל געפיל לאָזן צעטרעטן פאַר גלאַט גאָר נישט... ער האָט געוואוסט דאָס זײַן מאַשינדל איז כמעט א באַ־וועגלאַכע זינדיקע נעסט אין די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלאַך, אַרום

די ים־ברעגעס, און אַז ער טוט אָממיינסטן „ביזנעס" ביי נאַכט, אַריינעמענדיק אין דעם אַ האַלב אויסגעלאָסן מיידל, אַ פלאַפּער, און רופט שעלמיש ווי אויף עפּעס רעכטס אַנדייטנדיק, — צו די „באָיס" וואָס אויף די „קאָרנערס".

— ביליג, באָיס, ביי אַ געלעגנהייט אַ „ראַיד" נאָך קוני־איילאַנד...

און זיך נישט געקענט שענקען, וואָס ר'האָט אים לכתחילה באַלד געוויזן אַ גאַנג־וועגעלע צו איר; וואָס ר'האָט זיך גענומען לאָזן אָפּפירן פון אים אַהיים, און אַזוי נאָך אַליין אפשר אים נענעבן אַ צוטריט...

ער איז נאָכאַנאַנד געלעגן ביים וואָקזאַל, געלעקט די פיס, זיי צורעכט געמאַכט, און דאָ האָט דער קאָפּ זיך אים געבראָכן, שיעור נישט געשפּאָלטן זיך פון איבערקלערן:

— דער שוויים מעג, הייסט עס, פון אים אַזוי רינען, אַז דאָס ווייב זאָל פון אַלעם האָבן, און דאָרטן, ווייסט דער גוטער יאָר, אויב זי גייט נישט גאָר אויס נאָך אים, דעם טעקסי־דרייווער?..

און אין די צווישן שעה'ען, ווען ס'זיינען קיין צוגן נישט געווען, און ממילא — אויך נישט וואָס צו טאָן; ער האָט נאָך געקענט זיצן אַ ווײַלע ליידיק, פּאַרלייגט די הענט; און די אייגענע באַנבאַדינטע, מיט אים צוגלייך — זאָלן סתם שטיין, ווי איבעריקע; האָט איינער פון זיי, אַן אַלטער סימפּאַטישער נעגער מיט אַ שמייכלדיק צופרידענעם פּנים, וואָס האָט זיך בשעתו, ווען ־ער קאַליקע איז נאָך געלעגן אין געהאַקטע וואונדן, געווען אויף גרויסע געברענטע צרות — אַזוי צעריסן פאַר אים, ערשט געוואָלט מהנה זיין, וואָס ר'וועט גלאַט אַזוי שטיין, כדי ס'זאָל זיך יענעם צומאָלט נישט לאַנגווייליקן, — מיט אים אויס'טענה'ן; אַזוי ווי מ'רעדט מיט איינעם, בשעת ס'גייט אים גוט, וויפיל געזונט, כח און בלוט דאָס האָט אָפּגעקאָסט; און דערביי דערמאָנט די פאַרדינסטן פון זיינע קאָלעגן די געוועזענע, וואָס האָבן אַזוי פיל אייגזון געהאַט

מיט אים, געלויבט מעקסל׳ען ביז׳ן טאָג אריין פאר זיין גוטסקייט, וואָס יענער קומט אים אָפּנעמען יעדן אוונט אהיים.

— ס׳איז נישט קיין קליינע זאַך, באַי; נישט יעדער איינער וואָלט דאָס באלד געוואָלט טאָן: נישט קיין משפחה, קיין אייגע־נער — און שוינט דיר אָפּ ס׳לעבן...

איז דער קאַליקע, דער שיכפּוצער געוואָרן ברוין און בלוי; כ׳האָט אים אויסגעדרייט הענט און פיס, אויסגעקרימט ס׳פּנים, אזוי ווי א ווינט וואָלט אים פארוועיעט.

— נישט בחנם, דזשאָרדזש... כ׳וועל דיר שווערן דאָס ער פירט מיך נישט בחנם אָפּ אהיים...

מעקס ווידער, אז ער קומט אין זיין שטוב, ביים אָפּבריינגען איר דאָס שטיק אומגליק אהיים, — אזוי ווייסט זי שוין דענסטמאָל, דעם מאַן צו להכעיס — צו שטיין אין א קורץ קליידל א זיידנס, אז די פּולקעס פון די פיס זאָלן זיך צאַפּלען; און דאָס זאָל אויפ־קאָכן די בלוטן ביי דעם וויסטן קאַליקע, ער זאָל זיך דאַרפן וואַרפן אויף איר:

— פּאַרדעק ס׳לייב, מרשעת...

— באַהאַלט די פיס...

ווייסט מעקסל קיין חכמות נישט, און דערלאַנגט איר גלייך, אז דער מאַן זאָל כאַטש צ׳זעצט ווערן — וואוילעריש א יאָג מיט דער ברייטער האַנט זיינער, איבער דער נאַקעטער פּלייצע...

— עך, שוועסטערל, ווען כ׳האָב דיך אזוי, א שעה פּאַרטאָגס, נעבן „שעפּסהעד־בעי“, אָדער ערגעץ אנדערש־וואו, אין מיין מאַשינדל...

דעם קאַליקע טאָטשעט זיך די שוים פאַר׳ן מויל; זיינע באַקן ווערן פויל, און דער איבערגעבליבענער קערפּער וואָס פון די פיס, — נעמט זיך וואַרפן, אינטערהויבן מיט אזא כח, אזוי ווי ר׳וואָלט אים גערן געוואָלט, אויב ר׳זאָל נאָר קענען — צעמאָלן, מאַכן פון אים א באַרג ביינער...

— גיי, ווער געשאָסן, מעקס... גיי פריער אין דר'ערד אריין, איידער דו זאָלסט דאָס דערלעבן... שלאָג דיך אָן מיט דער פאַר־שימלטער טעקסי דיינער אין א סלופּ, פאַל מיט איר אראָפּ פון דער בריק אין „איסט ריווער", און דערלעב נישט מער צו קומען, מיך אָפּפירן אהיים...

ביי מעקס'ן אויפ'ן פּנים שפּילט א שמייכל — איר שמייכעלע, און ער שאַרט אים אראָפּ פון זיך, ווישט אים אָפּ גאָר אָן שום אָנשטרענגונג.

— ביזט א פערד, כ'זאָל אזוי לעבן! ווארים, איך וואָלט דיך טאַקע אזוי שטאַרק, מיינסטו, געוועזן אָנגעהאַלטן ביים וואָקזאַל, ווען כ'וואָלט געוואוסט, — דו האָסט אזא קאַנאַריקל זיצן אין שטוב...

דער קאַליקע, מייק, האָט געקייכט פון איר רשעות; מורא געהאַט זיך צרויסצורירן פון שטוב, און דאָס טייערע ווייבעלע, אז זי האָט דערשפּירט מעקס'ן, — האָט אויף איר די הויט געברענט, דער גאַנצער קערפּער גע'חלשט, געצויגן, צו אים זיך געשטו־עקט.

ליגט ער אָבער איבער איר, דער היגטישער מאַן, ווייל איר נישט אָפּטרעטן, — וואָס טוט זי? נעמט זיך מכלומו־שט ארויפ־שלעפּן א פּאָר אלטע אויסגעדריוולטע זאָקן אויף די פיס, און נעמט דערביי באַלד וויינען ווי א ביבער, זיך באַגיסן מיט טרערן.

— זעסט כאָטש, אין וואָס פאַר א זאָקן איך גיי?... זעסט?.. און דו באשרייסט מיך: כ'האָב שוין געגנוג... ווילסט דיך נישט ארויסרירן מער...

זי האָט אויך באַלד אונטער דער האַנט אָנגעגרייט א לעכערדיק העמדל, וואָס זי שלעפּט אויף זיך קוים ארויף מיט מי־און־מאַטער, אזוי, ס'זאָל זיך דאָס איבעריקע צעקריכן אויף איר לייב, און קלאָגט דערביי אזוי יאָמערליך, אזוי ווי די וועלט וואָלט איר ממש אונ־טערגעגאַנגען.

— נישט קיין רעכט העמד אויפ׳ן לייב, און ער האָט שוין קיין חשק נישט מער צו גיין פאַרדינען...

ער פּרואווט איר דערמאָנען:

— אַז דאָס העמד איז נאָך פון פאַר אַ יאָרן; די זאָקן — נאָך עלטער; און אַז זי האָט זיך שוין נאָכדעם געקויפּט איינמאָל אַ טוץ זיידענע העמדער ביי „גימבעל־בראָדערס“, און אָן אַ שיעור זאָקן איבעראַל אין אַלע געוויינלאָכע „סטאָרס“...

— וואו האָסטו?... ווען דאָס אַזוי?... — נעמט זי אויפגערעגט, כמעט היסטעריש, ציען אַלע שיפלעדער, — ס׳האָט זיך דיר געמוזט חלום׳ען! דו האָסט מיר גאָר קיינמאָל נישט אַזוי פיל געלט געגעבן, איך זאָל אויף דעם אַלעם האָבן, און אפשר גאָר קיינמאָל נישט אַזוי פיל פאַרדינט, כ׳זאָל קאָנען אויף דעם אַלעם האָבן!...

ווערט אים שלעכט אויפן האַרץ, דעם קאַליקע, און ער שלעפּט זיך אַוועק מיט גרימעניש אין בויך פון שטיין און אויס׳טענה׳ען זיך מיט איר; און באַלד ווי ער ליידיקט אָפּ די שטוב, זי באַרשטייט, אַז ער ברויכט שוין אודאי זיין ביים וואַקזאַל, אַזוי זיצט זי שוין ביי מעקס׳ן אין זיין מאַשינדל, און עס צעשפּאַרט איר פון געלעכטער:

— קוים וואָס כ׳האָב געקענט זיינע שוואַרצע פּטור ווערן, דעם משוגענעם הונט...

זי איז אָנגעטאָן אין די דינסטע זיידענע קליידער, אין די פיינסטע זאָקן, טייערסטע וועש, אָפּגעמאָלן הערליך ס׳פּנים, רויכערט אַ ציגאַרעטל, און פלאַטערט.

— פאָר, מעקסל, פאָר אויף די גוטע ערטלאָך, פון וועלכע דו ווייסט!...

קענן אָוונט. זי ווייסט: אַז זי ברויכט שוין צו דער צייט זיין אין דער היים, און ס׳האַרץ טראָגט איר נישט אויס צו הוליען. — כאָטש ס׳האָט איר גענוג געצויגן דוקא נאָך ביי נאַכט אַפּירצו־קומען אין די בלענדיגע סאַלאָנען; ווען מ׳קען זיך, ראשית,

אנדערש אַנטאַן, האָבן א וואונדערליך פּנים אין דער בלענדיגער ליכטיגקייט פון די אַלע קאָלירטע לעמפּלאַך; און נאָכאמאָל אזוי שיין, פארפירעריש און אימפּאָזאנט זיין, זיצנדיק מכלומרשט פאר־שטעלט מיט די פאלשע צווייגלאַך פון א דין ביימעלע, ביי א טישל, פארלייגט א פיסל, ארויסלאָזנדיק דעם רויך, — ער זאָל זיך שלענגלען גלייך אין די אויגן...

קעגן אָוונט, אז זי האָט נאָך דערווייל געפילט א באדערפעניש צו פאָרן א היים, — האָט זי זיך איינמאָל איינגעשפּארט:

— מעקס, דו פאָרסט אָפּנעמען דעם מאַן מיינעם, נעם מיך מיט, כ׳בין א בעלן צו זען ווי אזוי דער קאליקע מאכט אזוי פיל געלט...

איז מעקס אויף איר געוואָרן אנגעצויגן.

— ס׳פעלט דיר נישט מער, ווי נאָר די חיה זאָל דיך זען ביי מיר, אין מיין מאשין...

— האָב איך גאָר מורא! — האָט איר גענומען שפּארן, — ר׳וועט מיך אפשר וועלן שלאָגן, כע־כע... ער מיינט: כ׳מוז נאָר זיין צוגעבונדן צו אים, און כ׳טאָר די ליכטיקע וועלט נישט אָנזען?..

מעקס האָט נישט קיין חשק.

— כ׳וויל נישט — זאָגט ער — ער זאָל אין מיר ארייננבאָ־כען מיט זיין פינסטערע גבורה; ווארים, אז ער נעמט אין מיר אריינלייגן בלויז אויף א געלעכטער, שפּיר איך מיר אויף די זייטן נישט...

דאָס יונגע באשעפעניש איז געווען שטארק אויפגערוימט; ס׳האָט זיך איר נאָך געטרייסלט דאָס לייב, און געכאפּט א ציטער פון זיכן פארגעניגן; דאָס קעפּל, — געריווישט, געווען ארנטלאך פאר־דרייט נאָכ׳ן ארייננגיסן אין זיך די הייסע געטראנקען — אזוי — האָט זי שוין באלד נישט מער געדיינקט פון אים גאָר, דעם קאליקע, אז ער זאָל נאָך גאָר זיין איר מאַן, און אזוי ווי בלויז פון נייגיר צום געוועזענעם, — אים געשפּרונגען אין די אויגן, פון אים געריסן שטיקער...

— פאַר־צו, מעקסל, פאַר...

אזוי האָט מעקסל, וואָס איז סיי־ווי נעגאַנגען מיט זיין מאַשינדל פון די העכערע גאַסן, נישט ווילנדיק עס אַ קירעווע געטאָן, און שוין געבליבן שטיין ביים וואָקזאַל, וואו ער האָט אויכגעשריגן צום שוכפּוצער, דעם קאַליקע:

— העי, פערד, כ׳האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט; דיין ווייבל וויל דיך זען...

דער קאַליקע איז געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט. זיך געריסן פון איר, נישט קיין חלוק, אין דעם דאָזיקן טאָג ווי אין אַלע אַנדערע טעג — ווי אַ הונט פון דער קייט; און גראָד אוונטצייט, ווען ער האָט שוין געוואָלט זיין פריי, גע׳חלשט אהיים, האָט מען אזוי ווי אויף צו להכעיס אים געמאַכט — ס׳זאָלן מער צוגן אַריינקומען, און מער מענטשן זיינען איבער אים געלעגן, אים באַלאַגערט, גע־וואָלט צעטראָגן — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — האָט ער דאָס דערהערט מעקסלען.

און אזוי ווי ר׳וואָלט דערפילט דעם סוף, זיין סוף, — זיך אַ וואָרפגעטאָן, אַ דורכגעשטופּט פאַר אַן אויגנבליק פון צווישן די אַלע פיס, וואָס האָבן אומגעדולדיק זיך געריהרט ווי ביי יונגע פערד־לאַך, — און באַלד דאָרט געבליבן הענגען נאָר אָן אַ זייט, אָן דער מיר פון דער אָפענער טעקסי; אזוי הענגען ווי ס׳הענגט אַ בינטל פלייש אין אַ זאַק, אין אַ טאָרבע, אויף אַ טשוואָק...

— ווי קומסטו צו מעקס׳ן אין דער מאַשין, בעסטעד!

אויף איר פּנים איז געלעגן אַ שמייכל, וועלכער האָט, נאָכ־דעם ווי ער האָט זיך אזוי אויפגעקאָכט — אזוי אייגן געלאָסן גערוט; זי האָט זיך אפילו נישט געוואָלט שטערן די באַקוועמלאַכ־קייט פון דעם אָרט ליגן, ווי זי איז געלעגן: פאַרלייגט אַ פוס, דער קאָפּ אויף אַרונטער...

— דו הערסט דאָך! — גענומען קלעפּיק ציען ווערטער פון מיילכל — מעקס האָט נישט געוואָלט נאָך דיר פאָרן, ווייל דו

שלאָגסט אים, אויב כ׳וועל נישט מיטפּאָרן אים אָפּהיטן פון דיינע קלעפּ...

אָבער דאָס סם־המות׳דיקע שמייכעלע האָט צוגלייך אָפּגעלאָכט פון אירע אייגענע רייד, אָפּגעטויט אין אים איטליכעס לעבעדיקע געפיל, און זיינע הענט זיינען באַלד אינעווייניק אַריין, גענומען איר אַרומזוכן, איר געוואָלט אָנטאַפּן, און דערפאַר קען זיין, האָט זיך דער קערפּער זיינער באַוואויגן, אַראָפּגעפאַלן פון דער מאַשין; און מיט אזא קלאַפּ ווי די משא פון בינטל פלייש וואָלט געוועןצו שווער, און דער זאַק, די טאָרבע — וואָלט זיך דערמיט אָפּגעריסן; דער קערפּער האָט זיך נאָך געפּרואווט אויפהויבן, אָבער פון קלאַפּ, אַוודאי, האָט זיך דער קאָפּ אויף אים צעוויגט ווי ביי אַ שכור, און דער מעכטיקער וואָקזאַל האָט זיך ווי גענומען בוקן אין זיינע אויגן, מיט אַלע זיינע אויבערשטע שטאָקן; די הויכע הייזער זיך אַזוי געלאָזן ליינגן ווי די שטומע קעלבער; און ער האָט שוין לחלוטין נישט מער געדענקט אין גאָר, ווי בלויז אין אינזיך; אַלע חושים זיינען געוואָרן וואַכנדיק און מיט אַלעם אים געזוכט אַרויסצוהעלפן, ווי אַזוי ער האָט אויסצוהיטן די איבעריקע קוים מיט צרות, איבערגע־בליבענע העלפט פון זיין קערפּער, — זיי זאָלן אים נישט, דאָ־דאָרטן, פון אַלע זייטן, און אַרום — צולייגן, פּאַרליינגן, ער זאָל בלייבן ליגן ווי אַ צוקוועטשטע פליג אונטער זייערע שטיקער...

די מעכטיקע הייזער, אין זיינע אויגן, יעדנפאַלס, — צענעמען זיך מערער, ברייטער, צעעפענען זיך, גאַנצע אָפּגרונטן, — ס׳פאַלן אין זיי אַריין אַזעלכע אומגעהויערע לעכער, טיפע גריבער, און ער שפּרינגט אַזוי אָפּ, פון דאָ, דאָרטן און אַרום, אין אַלע זייטן; פון וואו און וואַנען ס׳זעט זיך אים אויס צו זיין מער געפערלאַך, און מאַנצט אַזוי: האָפּ... האָפּ... קייקלט זיך אויפ׳ן הינטן... אויפ׳ן בויך... איבער׳ן קאָפּ... אַרום, רונד־אַרום אין אַ ראָד... ביז ער בלייבט באַלד ליגן צונויפגעדרייט אין אַ באַשטימט אויסזען, אַ קרעפּל פלייש, אויף דער אונטערשטער שוועל ביים צוגאַנג פון דער פּרעכטיקער וואָקזאַל־געביידע...

דער ווייטער

די נעגנד איז געווען אומרויאיק און האָט געפּיבערט.

איבער די פעלדער זיינען שמאָלע פּאַסיקלאַך רויך אויפגעגאַנגען, גראַד ווי יעשן־צייט, ווען קליינע שקצים׳לאַך פּאַרברענען די אָפּגעברענטע באַדיליעס פון די קאַרטאָפל.

טונקעלע הימלען האָבן נידריק געשוועבט איבער דער ערד, און גע׳מבול׳ט איבער׳ן קאָפּ.

ס׳דאָרף, וואָס איז געלעגן אין יענעם שטח, איז געווען גאָל, ליידיק; די הייזלאַך, — פּוסט, פּאַרלאָזן, און מיליטער האָט געראָיעט צווישן זיי, ווי ווערים ארום א פּאַרלאָזטע וואונד.

נאָר אין איין הייזל, וואָס איז געשמאַגען אראָפּצו־צו, אין פעלד, איז געבליבן זיצן אן אלט פּייערל מיט א טאָכטער יולקע, א גראָבע מויד מיט פליישיקע הענט.

ביי זיי אין שטוב האָט געוואוינט א סאָלדאַט מיט קורצע רייטפּיס, וואָס האָט זיי נישט אוועקגעלאָזט, דעם פּייערל מיט דער טאָכטער, פון דאָרף.

ווען אין דרויסן האָבן זיך געפּאַקט די פּויערים, ארויסגעשלעפּט אין די שכנות׳דיקע דערפער זיך איגאיינעם באַזעצן מיט אנדערע געזינטן — האָט אויך די שיקסע גענומען איינגבינדן די קישנס, צוזאַמענלייגן די „אָבראַזן“, און געוואלט אריבערגיין בעטן א „קומע“:

— מ׳זאָל איר שיינקען אן אָרט פאַר׳ן פאָטער אויף דער פור...

האָט זיך אָוועקגעשטעלט דער רוס שפּאַרן מיט איר, ריידן מיטן גוף, מיטן גאַנצן לייב־און־לעבן און, אויב ר׳האָט א מכה געקענט ריידן, זיך קוים ארויסגעשלאָגן מיט זיין קייכן:

— ער וויל, אז יולקע זאָל נישט פאָרן, נאָר איבערבלייבן מיט אים!...

די מויד האָט זיך צעלאַכט, אירע ליפּן ביים לאַכן, ברייטער איפּגעשטאַרצט, און אַרויסגעוויזן אירע ווייסע געזונטע ציין:

— נאַרישער איוואַן, ברויכסט מיך נייטיק האָבן ביי זיך? וואָס, דו וועסט נישט קאָנען לעבן אָן מיר?...

איוואַן, דעם רוס, איז שווער אָנגעקומען אַרויסצוברענגען אַ וואָרט, און ס'האָט אים אַזש געשלאָגן די שוים פון מויל; נאָר אַז ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, איז עס מער געוועזן צו דערקענען אין זיין פּנים, איבער וועלכן ס'האָט זיך פאַרצויגן אַ גרימאַס, און אין די אויגן וואָס האָבן גענומען גרינען, ווי ביי אַ קאַץ.

— יולקע, ס'וועט דאָ זיין „סמוטנע" אָן דיר. יעי־באָגו — דו וועסט מיר פעלן!...

— וואָס טוען דיינע „טאָוואַרישטשעס", איוואַן? — האָט זי געזאָגט — דו וועסט זיי דיר אַריינגעמען דאָ אין שטוב, און ברענגען די שטאַכעטן פון פּלויט... ס'וועט דיר זיין וואַרים און דו וועסט פאַרגעסן אָן יולקען... נאָר, גערענק, איוואַן, זאָלסט נישט פאַרברענען צום איבריקן די שטאַל... מ'וועט נישט האָבן וואו ס'פערד אַריינצושטעלן, אויב מ'וועט נאָך אַמאָל ווען קומען אַהיים.

דער רוס האָט נישט געוואוסט וואָס צו ריידן, און איר געקוקט אין פּנים; ס'האָט אים ווי געטאָן אונטער'ן האַרץ, עפּעס אַ ווייטאַק פון אַן אָקס, אַ שטומע צונג, וואָס קען נאָר מרוטשען:

— יולקע יעי־באָגו, אַז דו ביזט מיט מיר אינאַיינעם, — ווייס איך גאָר נישט, אַז כ'בין אין פעלד; כ'קום אַהיים, מאַכסטו מיר ס'געלעגער, וואַרימסטו מיר אויף ס'קעסעלע און ס'דוכט זיך מיר, יולקע, — איך רייט אַ היים צו זיך אין שטוב; יעי־באָגו, דו כיזט מיר אַזוי ווי ס'ווייב אין דער היים, גאָר נישט אַנדערש...

און עפּעס אַ רחמנות האָט איר אַדורכגענומען צום פאַר־וואָגלטן רוס, וואָס שלעפּט זיך דאָ אַרום מיט'ן פערדל זיינעם, צווישן די פעלדער, — און פון גרויס גדולה, אים אַריינגעוואָרפן אַ פּעטשל אין דער באַק, מיט אַ געלעכטערל:

— גוט, וועסט מיך האָבן ביי זיך, נאַרישע מאַלפּע...

און זי פלעגט אים שוין אָפּוואַרטן ביי זיין אַהיימקומען, אַריינפירן ס'פערדל אין שטאַל, געבן דעם צו עסן, — און אַליין זיך אַוועקזעצן אויף אַ קליין בענקעלע אים צופוסנס, און מיט די קליינע קאַלמיקענע אויגעלאַך, ס'איינציקע מיט וואָס זי האָט זיך געענליכט צו אים, — אים אַריינקוקן אין פּנים:

— איוואַן, האָסט אַ ווייב?

— יאָ, — צוגעשאָקלט מיט דער גאָמבע, די אונטערשטע העלפט פון מויל, וואָס האָט עפּעס ווי באַזונדער אָראָפּגעהאַנגען.

— אַזאַ געזונטע, מיט גראָבע הענט, ווי ביי מיר?...

ביים רוס האָבן געבלישטשעט די אייגלאַך, און נאַריש־תּם'וואַטע געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ הונט מיט די אויערן:

— יאָ...

— און מיט אַזעלכע גראָבע פיס ווי ביי מיר?

— יאָ...

— און צו וואָס ווילסטו, זאָל איך דאָ מיט דיר איינאיינעם זיין? — זיך ברוגז'ן.

ביים רוס האָט געערונען די שלינע פון מויל, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ לאַנג גאַווירדיגע שנירעלע, ווי ביי אַ הונט, וואָס ליגט זיך אַוועק צעיאַכמערט אויפ'ן בויך, און שטעקט אַרויס אַ רויטע צונג; ער האָט היים געבריט מיטן אָטעם אויף איר:

— וואָרים כ'וויים דען, יולקע, אויב כ'וועל נאָך אַמאָל ווען קומען אַהיים צו איר?

ס'האָט זיך, קוקנדיק, דער ווייטאָק צעגאָסן איבער זיין פּנים, די ציין — זיך געשאַרפט, די שלייפן — געהאַקט; און אַ גוואַלדיקער כּח, האָט זי געשפּירט, נעמט זיך שפּאַרן אויף איר וואָס ליגט זי אַוועק ווי אַ שטרוי צו דער ערד, און וואָס אָט־אָט דערשטיקט ער זי אונטער דער משא; און ווי זי גיט זיך אַ וואָרף מיט אַ שרעקלאַכער גבורה, אַ שטעל אויף די פיס, און שטופּט אים אָפּ אַ נאַרנישטל, אַ נעבאַכל, פון זיך:

— גיי, ביזט א נארישער רום, איוואַן, וואָס ווילסטו מיר אָפּטאָן, וואָס ?...

די מויד האָט עפּעס געשפּירט צו אים, און מיט יעדן טאָג אַלץ מער געשראָקן זיך פאַר אים; און ווען ער פלעגט קומען א היים, זיך צושארן צו אים ווי א קאַץ, לעקן, שמייכלען — איז א סך מאָל דאָס זאָגן מיט א ברוגז:

— גיי, נישטאָ קיין הארץ ביי דיר, איוואַן...

דער רום פלעגט זיך עפּעס באַלעקן מיט דער צונג, איר דרייען אין מויל ווי א וואַלגער־האָלץ, און איידער־וואָס באַלד באקומען א באַכע אונטער'ן הארץ:

— ביזט א כאם און, גענוג!

זיין פּנים פלעגט דאַן, אויף א ווײַלע בלייבן פאַרוואָלקנט, אָבער ביים ערשטן שמייכעלע אירן — צוריק אויפהייטערן; און אז ס'האָט זיך צעשפּילט דאָס מאַנגאָלישע אין זיינע אויגן, — האָט ער אויסגעשטעלט די באַק מיט א ביטרע שמייכעלע:

— נאַ, גיב א ליאַפּ!...

זי האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

דאָס האָט אים נאָכמער געברענט, אַנגעצונדן ס'בלוט, און איר צוגעלייגט מיטן קערפּער זיינעם:

— זאָג, שעלמאַ, דו וועסט נאָך שלאָגן?

און גלייך געמוזט אָפּלאָזן, דערשפּירנדיק א ווייטאָק, וואָס אירע ציין האָבן זיך איינגעביסן אין זיין אַקסל.

— אַך, דו סטיערווואַ פּראָקליאַטאַיאַ, האָסט אַזעלכע שאַרפּע ציין ווי א וואָלף.

און ער, דער רום, האָט מיט איטליכן טאָג דאָ שוין ווייניקער נערענקט אַן ווייב, וואָס ר'האָט איבערגעלאָזט ערגעץ הינטער'ן בייקאַל; אז ער פלעגט ווערן אַדורכגעווייקט אין פעלד, נעמען קלאַפּן גוט מיט די ציין, — זיך נעאיילט צו קומען אין שטוב, צו יולקען:

— יולקע, דערוואַרים מיך...

אַז ס׳האָט זיך אים אָפּגעריסן אַ קנעפּל, אָוועקגעטרענט אַ שטיק שינעל, — האָט ער געקוקט יולקען אין די אויגן:

— יולקע, פאַריכט מיר...

און יולקע האָט אים געוואָרימט, פאַריכט, און נישט ווילנדיק אָפּטמאָל זיך אַרויסגעכאַפּט:

— איוואַן, כ׳וואָלט דיר געוועזן אַ שלעכט ווייב, מיינסטו?..

ס׳אַלטע פּייערל, איר פאָטערל, וואָס איז געזעסן אַזוי ווי צוגעוואַקסן מיט די פּלייצעס צום אויוון, ווייל די פיס זיינען ביי אים געווען געלעמטע, און אַראָפּגעהאַנגען ווי די פּלעקער, אָן מאַכט, — האָט קנאַפּ געקענט זיין טאָכטער: מיט יאָרן צוריק איינמאָל צער געהאַט פון איר... און זיך געהאַלטן פּשוט, פאַר אַן אומגליק, וואָס די פיס זיינען ביי אים אָפּגענומען, קען נישט רירן מיט זיי, און ווייס דעריבער נישט אירע וועגן, די טאָכטער׳ס...

נאָר אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו זייער פירונג, האָט ער צומאָל נישט אויפגעהויבן נ׳קאָפּ, נאָר געפּרעפּלט שטיל, ווי אַ קאַליקע און אַ זקן:

— יולקע, געדענק, כ׳זאָל נישט האָבן נאָך אַמאָל צער פון דיר; ס׳גיהנם וועט מיר זיין ווייניק דורך דיינע זינד.

און יולקע, וואָס האָט געפּלאַטערט, האָט זיך צו אים געוואָרפן אויפן האַלז:

— ניין, טאַטולקע, איוואַן וועט מיך שוין נישט אָפּנאַרן...

דער אַלטער איז אָבער ווי פריער געווען פאַר׳צער׳ט:

— ביזטו זיכער מיט אים, טאָכטער? אַ סאָלדאַט — ס׳איז דאָך אַ ווינט....

האָבן איר טרערן געשטיקט, און זי האָט אַלץ נישט געוואָלט ברעכן איר עקשנות:

— ניין, פאָטערל, אַז איוואַן רייט אַרויס, געדענקט ער: ער לאָזט מיך איבער אין שטוב...

איינמאָל איז דער רוס געריטן אויף זיין קליין פערדל וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פון הינטערן בייקאַל, געגלעט אים די גרזשיוווע, געשניפּט ווי א קאַץ די טריט אויף די פאַרלעגענע זאַמדן; און אַרום האָט דער הימל געוואָרפן מיט אזעלכע רויטע אָפּשיינען, גראָד ווי א קופּערנער בעקן, אונטער וועלכן מ׳האָט נישט אויף אונטערצולייגן ס׳פייער מיט פרישע שייטער האָלץ. — האָט ער זיך פאַרטראַכט, געקראָגן א שליאַד:

— די טרים געפעלן אים נישט; די אַרט־לעריע ברייכט דאָ ערגעץ האָבן פאַרטוישט די פּאָזיציע...

עטלאַכע רייטער, וואָס מיט אים, האָבן זיך צעשמעלט אַרום, און שטיל צווישן זיך איבערגערעדט:

— שטיוול־טריט...

— פערד׳ס־טריט...

— א „קאָליע". טיפע פּאַסן אין זאַמד, ווי די אָדערן אויפן לייב פון א מענטש...

און זיי צעקריכן זיך נאָכן שליאַד פון די „קאָליעס", וועלכע צעגייען זיך געדיכט אינם זאַמד, קניפּן זיך צוזאַמען אין אן ענגן קניפּ און צעגיין זיך באַלד ווי די „אָדנאַגעס" ביי שפּין...

ביי איוואַנען ווערן שפּיציק די אויגן, ווי ביי א קאַץ, וואָס צאַטעוועט אויף א מויז, איבער א יאַמע...

— ס׳ברויך שוין ערגעץ דאָ זיין. — גיט ער א מרוק.

עמיץ האָט נאָך נישט באַוויזן צו פרעגן:

— וואו מ׳האָט זיך צו פאַרנעמען?

און ס׳האָט שוין א פּאַטשע געטאָן פאַר די אויגן א בינט־פייער, און די פערד האָבן זיך צעלאָזט ווי די לייבן מיט אויפגע־שטעלטע גרזשיוועס; פאַראויס איז שוין געגאַנגען צעפּראַלט א פערד וואָס האָט אויף זיך געטראָגן נישט מער ווי דעם ליידיקן זאָטל — און נישט אָפּגעטראָטן פון די איבריקע רייטער, פּונקט ווי עס וואָלט געווען זיכער, דאָס פערד, און זיי געטרויט, דאָס דער וועג איז דער זיכערסטער מיט אים געלם צו ווערן...

אַנקומענדיק אויפֿן דאָרף פֿאַרן הייזל, איז איוואַן אַרונטער־געשפּרונגען פֿון פֿערד און גערופֿן:

— יולקע!...

איז יולקע אַרויס, זיך געשטעלט די הענט „פּאָדבאָקעס“, און אים אַריינגעלאַכט אין די אויגן:

— נאָס... ס׳וואַסער גיסט זיך דאָך פֿון דיר אַראָפּ, איוואַן; ווי?.. אין טייך געווען אויפֿגערוימט?...

דער רוס האָט געריבן דאָס לייב פֿון פֿערד, וואָס האָט געפּאַרעט.

— יאָ, יולקע, זיך פֿאַרקראָכן אויף דער סאַמע נאָז, און פֿאַרטריבן מיט אַ בלינדן וועג אין טייך... כע־כע... די קוילן זיינען נאָר אַריינגעפֿלויגן אין וואַסער ווי די נאָדלען... גיב אַ קוק, יולקע, נישט אַמאָל אַ דראַפּע־געטאַן וואו?...

די מויד ווערט אומרואיק, און טאַפּט אים גיך אַרום מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ:

— מ׳זעט נישט; ס׳בלעכל פֿון היטל נאָר אויסגעקרימט, כוואַלאַ־באָגו...

ער שמייכלט מיט הנאה:

— וואָט, אַ מזל, פֿון צוויי רייטער די פֿערד צוריקגעקומען ליידיק...

און זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין שטוב, געלאָזן ס׳פֿערד שטיין אָנגעבונדן ביים בוים, ס׳זאָל זיך אַביסל צעפּאַרען פֿון דער זון, — און דערווייל פֿויל אַרומגריזשען די סקורע.

אַרום האָבן נאָך אַנדערע פֿערד געהירזשעט, און איינצלנע סאָלדאַטן זיינען אַרומגעקראָכן צווישן די האַלב־איינגעפֿאַלענע, צעטראָגענע שטאַלן, — אָנגעהאַנגען די שינעלן אויף די אַקסלען; אַוועק מיטן וועג, וועלכער האָט אַוועקגעפֿירט צו די שכנות׳דיקע „יאַיקע דערפֿלאַך, — האָט אַ צופֿיר פֿאַרק זיך ביסלאַכווייז פֿאַר־לאָרן מער הונטערן וואַלד, גראָד ווי דער אונטערשטער עק פֿון אַ צוג, וואָס פֿאַרקירעוועט זיך אין אַ האַלבן ראָד, אין אַ בויגן...

דער רוס חמר׳ט.

יולקע האָט אים שוין עטלאַכע מאָל געוועקט, און ער מאַכט אַלץ אויף די אויגן, דער רוס, די געלע צעשוואומענע אויגן, און המר׳ט...

— איוואַן, ביזט קראַנק?

— קראַנק, יולקע, — פיבערט ער, — קאַלט, די ביינער ברעכן...

און ער נאָרעט זיך אַלץ טיפער, אין דער אָפּגעקראַכענער ליי־זיקער קאָלדרע, כראָפּעט, שנאָרכט, דער שטערן גליט, — אַ שטיק פייער...

די מויד קען זיך נישט העלפן, עס טוט איר ווי ס׳האַרץ, און זי צימ בארביסן די שטאַכייטען פון פלויט אַרויס, און ברענט זיי; אין שטוב איז אַ היץ, אַ המימה — פון די ווענט קייקלען זיך קליינע קייקעלאַך וואַסער, וואָס לאָזן איבער נאָך זיך אַזעלכע לאַנגע רי־וועלאַך; זי פאַרשטופּט נאָך דערצו די לעכער אין פענצטער, אַז די וואַרימקייט זאָל, חלילה, נישט אַרויס, — און וועקט אים, אַלץ אינאיינעם איבער:

— וואַרימער? איוואַן, וואַרימער?...

אויפן רוס ציטערט ס׳לייב, די ציינער האַקן ווי אַ זעג, און ער טרייסלט די מאָרדע נאַריש ווי אַ חולה׳וואַטער הונט.

— קאַלט, יולקע... קאַלט...

זי ווערט דערשראָקן, לייגט אָן אויף אים אַ באַרג קישנס, שטעלט צו גרויסע טעפּ מיט וואַסער, וואָס נעמען פּאַרען ווי אין אַ שוויץ. אָבער — דער רוס וואַרפט זיך אום אויפן געלעגער אין אַ קדחות, גלאָצט מיט די אויגן, שטרעקט אויס די שוואַרצע קנאָכיקע הענט צו איר און שלעפּט זי מיט צוואַנגען צו זיך, קריצנדיק מיט די ציין:

— קאַלט, יולקע... קאַלט...

זיין בראַנדיק לייב ווערט צעשמאָלצן, ס׳שלאָגט אויף דעם צרויס אַ שוויים, די האָר קלעפּן זיך, שווערע אַנגסטן קומען אַרויס,

און ער קריכט אַלץ טיפער אין איר ליַיב, און היילט ווי אַ געשלאָ־גענער הונט :

— קאַלט, יולקע... קאַלט...

ס'ברענט דער קאָפּ, ס'מישט זיך אויף די געהירן ; ער פילט ווי ס'קערט זיך אים אינוויינינג אַלץ איבער ; נישט אַנדערש, ס'איז עמיץ אַרייננעקראָכן מיט אַ האַנט אונטערן האַרץ, און נעמט דאָרט צוזאַמען ס'גאַנצע בינטל, די לונג־און־לעבער מיט די מילץ...

ער ציט שווער דעם אָטעם, אַז די ווענט פון שטוב, דוכט זיך, וויגן זיך איינאיינעם מיט די ביינער פון זיין ברוסט־קאַסטן. אַזוי ווי אַ בלאָז־זאַק, וואָס נעמט זיך צונויף, און לאָזט נאָך.

— דערוואַרים מיך, יולקע !...

און די מויד, וואָס האָט זיך צענויפגעדרייט מיט אים איינאיי־נעם אין אַ קנויל, — האָט פאַרגלייזט די אויגן, און פילט עפּעס אַזאַ שווערקייט אויף זיך, אַזוי ווי זי וואָלט אינגאַנצן צעפּאַלן געוואָרן אין באַזונדערע שטיקלאַך...

און ווידער איז דער רוש אויפגעשטאַנען. ס'פּנים האָט צוריק באַקומען די מראה, די אויגן זייער ביסטרע שאַרפקייט, און הוקנדיק אויף יולקען זיך געלעקט צו איר, ווי אַ הונט, וואָס לעקט די פּאָלע פונם בעל־הבית :

— וואויל, יולקע... וואויל...

און ער רייט אויף די פּעלדער, וועלכע קאָרטשען זיך ווי צעשניטענע שטיקער שלאַנגען ; אָבער, איטלאַכס מאָל ווען ער רייט אַרויס, טוט אים וויי ס'האַרץ, — יולקע שטייט, האַלט אַראָפּ־געלאָזן דעם קאָפּ ,און קוקט אים נאָך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ :

— איוואַן ! געדענק, איוואַן...

און אין אים קאָכט עפּעס... עס שפּאַרט אים... אָבער ער קען זיך דאָך נישט באַפרייען פון דעם שווערן יאָך, וואָס ליגט אויף

אים אָנגעוואָרפן ווי א משא אויף די פּלייצעס, און שלעפּט זיך אום אַלץ צווישן די פעלדער, מיטטראָגנדיק אין הארץ דאָס שטומע געפיל, יולקעס...

ס׳דאָרף ווערט אַלץ מער פוסטער. די בוימער — מער אַרומגעגריזשעט פון די פערד... די הייזלאַך טוען אויס פון זיך צוביסלאַך די פענסטער, די טירן, און ווערן פון טאָג צו טאָג מער צוגעלייגט...

הינטער די בוימלאַך נעמען זיך אַלץ מער וואַלגערן צעבראָכענע מיליטערישע וועגן, צוויי רעדערדיקע קוילן־קעסטלאַך, וואָס שטייען כורעים מיט די דישעלס צו דער ערד.

און ער רייט, דער רוס, אָנגעשפּיצט די אויערן... רייט... עפּעס ציט אים א שליאַך אין וועלדל, און לאָזט זיך פירן פון פערד נאָך די טריט; שטעלט זיך פּלוצלינג אָפּ, ס׳האַרץ נעמט אים קלאַפּן, ער קוקט זיך אַרום — יולקעס אויגן בעטן זיך:

— איוואַן! גערענק, איוואַן!...

דער שליאַך גיט אים קיין רו נישט; ס׳ציט אים ווייטער... שלעפּט אים... און ער רייט אָפּ אַביסל, — מחשבות קומען אין קאָפּ אַריין:

— די שטוב... יולקע ליגט פאַרן צלם, און קניט... בעקעט... און ס׳גיט אים א נעם האָגלען איבער׳ן קאָפּ:

— טור..... טור־ר־ר־ר־ר....

ס׳בלישטשעט פאַר די אויגן, ס׳שווישטשעט אין די אויערן, און ער אַנטלויפט אויפן פערד; לויפּט מיט אַלע כחות, ציט קוים דעם אָטעם; ער פילט עפּעס א וויטאָק, ס׳ווערט אים שווערער צו זיצן אויפן זאָטל, — און ער וויל זיך נישט אָפּשטעלן קוקן, נאָר רייט גיכער, טרייבט ס׳פערד, ביז ער קומט אָנצולויפן דערמיט אויפן דאָרף. שטעלט זיך אָפּ פאַרן הייזל, באַווייזט נאָך אַריינצולויפן אין שטוב, און פּרייכט, די אויגן קריכן אים פון קאָפּ:

— יולקע, יולקע, גיב א בליק, — ס׳טוט עפּעס ווי... פּייכט.. מ׳זעט נישט קיין בלוט?...

דער מויד פאלט איין ס'הארץ; זי נעמט גיך אראָפּשלעפּן ס'אָנטועכץ פון אים, און פארברעכט די הענט:

— בלוט, איוואן, פולע הויזן מיט בלוט...

ס'פּנים ווערט אים טונקל. ס'געלבלאכע אין די אויגן צע־שווימט זיך, ס'ווערט אים שווארץ און פינסטער, ווי ביי א שלאקס רעגן; די פיס ציטערן, און ער כאפּט איר אָן, יולקען, דריקט איר מיט געבעט און מורא צו זיך:

— קאלט, יולקע, דערוואַרים מיך...

און יולקע וואַרימט אים, אָטעמט אין אים אריין איר הייסן אָטעם, ער זאָל לעבן מיט אים, נאָר ווען ער פאלט ארויס פון אירע הענט, ווי אַן אונטערגעהאקטער בוים, — צעבעקעט זי זיך ווי א קוה ביים אָפּקעלבן:

— נישט געקענט דיך מער דערוואַרימען, איוואן, נישט געקענט...

פון שרעק

דער יונג איז געקומען אהיים מיט א שטיק שגעון אין קאָפּ; אויפן פּנים האָט זיך אפילו ווייניק־וואָס געשפּירט דער טיפער אומרו, וואָס האָט אים ארומגעטריבן מיט אזעלכע פינסטערע באהאלטענע כחות; עס איז אויף דעם געווען פארגליווערט איטלאכעס געפיל, און ס׳האָט זיך בלויז געטונקלט אין דער פארב, גאנץ נאטירלאך, פון דעם וואָס ס׳איז אָפּגעברענט געוואָרן פון אויסערגעוויינלאך שטאר־קע היצן.

זיין אהיימקומען האָט אויפגעלעבט די שטוב, איר אריינגע־בלאָזן א נייע נשמה; צעטריבן די קאלטע מרה־שחורה, וואָס האָט זיך געשפּירט אין דרינען, ווי דער ווילגאָטש אין די ווענט, און עפּעס פריילאכעס האָט אויפגעלויכטן, — ס׳האָט זיך גיכער עפּעס גענומען רירן, פּונקט ווי א צייטיק פעלד מיט זאנגען אונטער א פארכמארעט שטיקל הימל, מיט א רעגן־ווינטל.

און באזונדער איז דעם פאָטער׳ס בליק הייטערער געוואָרן, זיך ארויסגעקליבן פון טריבן, אויסגערייניקט, אויפגעהערט ראָפּיען, און רויט־צינדן.

— אָ — האָ! ביזט טאקע געקומען, זונעלע, דעם טאטנס געריכטסן האָבן א וואזשנעם כח, ציען פון טויזנט מייל!..... ווען אפילו אָרימע... האַ? צו דער רעכטער צייט, בנ׳אָקל, — אים געקלאפּט איבער דער פּלייצע, — גים אויף בוימל, די מאשין ראָסט, טיק־טאק... שטיי נישט, דיינע הענט זיינען מיר נייטיק, פ׳לעבן!

ביים יונג בליצט דער שגעון פון קאָפּ, ס׳שפּירט זיך, קוקנדיק, א מאָדנע עקשנות אין זיין טאָן. א פארביסנקייט פון א הונט, און אן אויסגעהונגערטן דערצו, — וואָס וויל דורכאוים דעם ביי־

צעקנאַקן צווישן די ציין; דאָס אַרומפּליען פון זיינע בליקן ביים סטרינגעווען — גיט־אָן ווי זיין קאָפּ וואָלט עפּעס דערביי אַרומ־געפלויגן אין שוואַרצע, געדיכטע, פינסטערע וועלדער, וואָס באַר־טעמפּען נאָך מער אין אים איטלאַכעס געפיל; מאַכן אים פאַר א חיה, א חיה־רעה, וואָס קען זיין גרייט אויפצושפּרינגען יעדע רגע פון טיש, אויסגלאָצן א פּאָר אויגן און, זיך אליין, אָדער — ווען אן אנדערן צו צעפלעטן נ'קאָפּ...

אויפן אלטן ווירקט עס אומגעהויער; ער זעט איין אינם יונג — ווי ער וואָלט עפּעס צוריקגעקומען אין אן אנדערן גלגול, איבער־געניצעוועט; און לויט זיין אמאָליקע ברייטקייט, אויפגעהייטערקייט ביז איצט, איז עפּעס א שטייגער — ווי ער וואָלט אראָפּגעפאַלן פון זיבעטן שטאָק אין א קעלער אריין... יאָ, ער קען זיך נישט פאַרשאַפן דעם ריכטיקן באַגריף וועגן מלחמה, דער אלטער, און ווידער משפּט'ן לויטן זון, — אז מ'זאָל אָנהויבן ליידן פון משוגעת, ווען מ'געפינט זיך א צייט אין איר, און מיט איר — קומט אים אויך שווער־אָן צו גלויבן; ער קען זיך אליין נישט דאָס דערקלערן און טענה'ט זיך, ווי־נישט־ס'איז אוים מיטן זון:

— זאָג נאָר, דו, זונדעלע... כ'וויים: וואָס דו האָסט דאָרטן געטאָן אויף דער מלחמה דיינע... זיך געדראַפּעט, למשל, אויף די גלייכע ווענט, צו — זיך געגראָבן ווי א מילדוואָרים אונטער דר'ערד... ביזט דו דאָך פינסטער ווי א מילדוואָרים!...

ס'ריידן מאַכט אויפן יונג קיין שום איינדרוק נישט, אזוי ווי מ'וואָלט גערעדט צו דער וואַנט; ס'לאָזט קיין וואַרימען שפּור ביי אים אויפן פּנים, און ער איז, בלייבט אזוי ווי צוגעשניטן פון איין שטיק, אויסגעקאָוועט פון בלעך, א ליימענער גולם, אין וועלכן ס'שווי־מען נישט קיין רעגונגען, סיערט נישט קיין מאַטעריע, — און ס'דערהאַלט זיך אין אים ס'חיות אויף אזוי פיל, אויף אזוי לאַנג, אויף ווי לאַנג מ'האָט אים אַרונטערגעלייגט א שם אונטערן אָרעם, און ווען מ'זאָל דעם דאָזיקן שם פון דאָרטן אַרויסנעמען, אזוי בלייבט נישט מער ווי א שטיק ליים, א ריכטיקער גולם...

ער טוט, דער יונג, און זיין מלאכה טראגט דעם כאראקטער פון איין און דעם־זעלביקן פארמאט; און דער פארמאט, די פארם — די איינע; נישט מער: ס'בייטן זיך די פארהעלטענישן.. מ'זעט: א כח ארבעט אין אים ארום, און דער עיקר — א ווילדע צעדייצט־קייט, וואס קען ווערן געשפאנט ביז גאר, דורך א קלייניקייט, א הארעלע, — מ'גיט א קלאפ, צום ביישפיל, נאגלע מיט דער טיר, א קלונג מיט דער שער, און ס'הויבט אים גלייך אונטער, ס'נעמט זידן ביי אים, די ציינער צו דריזגען...

דער פאטער קען נאך ריכטיק נישט באגרייפן דעם טיפן ערנסט פון זיין נעמיט; די שווערקייט, וואס ליגט דארט אזוי, ווי פון גאנצע הייזער... ער זעט: א שטיק חוש, א תם, און מיינט, אז דערמיט וואס ר'וועט אים אנקריגן אויפן צימבל, אויפן שפיץ, אין יענער אנגעשטרענגטער רגע, ווען דער יונג גלאצט אויס א פאר אויגן, גראד ווי א לאקאמאטיוו וואלט ארויפגעלאפן אויף אים; און מיינט אים איבצוועקן, מאכן לעבעדיקער, באוועגלאכער, אז ער וועט אונטערשטעלן די שער הארט אונטער זיין באק, און א געשריי טאן מיטן גאנצן כח: „מאיר!“ אז דער יונג זאל ווירקלאך ראפטום אומקערן דעם קאפ און באקימען א שטאך אין דער באק; ס'איז טאקע א חכמה, אן אומגעראטענע, אבער ער ווערט נישט דערמיט לעבעדיקער, דער יונג, נאר פארקערט: פארקרימט דערביי זויער ס'פנים, כפי א קראנקער, וואס מ'גיסט אים אריין א לעפל פון א ביטערע רפואה אין מויל; ביים אלטן רייסט זיך אפ א נעלעבטערל, און וועלכן עס ליגט נאך לעת עתה א ביסל גוטמוטיקייט, אבער — האט שוין אין זיך די ערשטע שפורן פון שרעק, טאקע פארן איינענעם זון, וואס טראגט דעם טיפן שגעון אין זיך, ווי א שוואם איר ניפט...

די פרייד איז גיך צעפלאסן געווארן. און נאך א טיפערע זארג איז אריינגעקראכן אינם יונגס מוטער, אן אלטע, צוזאמענגעפאלענע אידענע, ביי וועלכער די וואנגען אונטערן האלז האבן אראפגעהאנ־

נען ווי די שווערע קייטן פון משאות; און זי האָט נאָך שווערער אָנגעהויבן טראָגן דעם קאָפּ, שטייפער, נאָר ווייל זי איז געווען אַ ביסל טויבלאָך, און אַליין געליטן אויף אַ געוויסער טעמפּקייט, האָט זי טאָקע מער געקענט פארשטיין איר זונס צעמישטקייט, מער ווי דער אַלטער, אָבער גאַנץ־ענגאַל, ווי ער אויך — נישט גע־קענט זיך צונויפריידן מיט אים, דעם זון.

— מאיר, וואָס ארבעט אין דיר ארום? מאיר?...

מאיר, דער יונג, הערט, און רעט נאָך דערווייל, — נאָר דאָס איינע, וואָס ער קוקט סטראַשנע מיט די אויגן, באַוועגט שטייף מיטן קערפּער, און חדוש'ט זיך אויף איר, דער מוטער:

— וואָס, מאַמע, ארבעט אין מיר ארום?

ביים פאָטער רינצלט זיך אַ קלאָר שמייכלדיק מינעלע אויף די ליפּלאָך, אזוי ווי אַ שנירעלע די לענג, און לאַכט זיך באַלד אויס:

— גולם, נאַר, וואָס ווילסטו זאָל ער דיר זאָגן, אז אַ דבוק זיצט אין אים?... ער איז דען גלייך צו אַ קראַנקן, וואָס פילט, אז ס'טוט אים ווי? זעסט נישט אין זיינע אויגן, אז ר'האָט אַ מישונג אויף די געהירן?

דער אַלטער האָט אויך נישט ווייניק יסורים, כאָטש אויף זיינע ליפּן שלענגלט זיך ס'קלאָרע שמייכעלע; ס'קריינקט אים טיף פארן זון, און אין געוויסע צייטן ווען ר'איז מיט אים אַליין אין שטוב, כאַפּט אים אָן אַ מורא צו זיצן אין זיינע ד' אמית.

— אַ קשיא אויף אַ מעשה, מיט אזעלכע זאכן, איז זיך נישט גוט צו שפּילן; אז ס'משוגעת זאָל זיך אָנכאַפּן אין אים, צע־שפּרייטן אין אַ העליש פייער, קען עס נישט חרוב מאַכן קיין וועלט?

און כאָטש ס'האָט ביי אים נאָך קיין איינמאָל זיך נישט אָנגעכאַפּט, און נישט אויסגעבראָכן אין כפּאַזמען, נאָר מיט איט־לאָכן טאָג אים מער פארטיפט אין זיך, איז די שרעק ביים אַלטן געוואָקסן, און ער האָט מיט יעדן טאָג זיך אַלץ מער געשראָקן;

אויפגעהערט זיך מיט אים צו מאַכן געלעכטערלאַך, טרייבן הלצה'־לעך, און געוואָלט גיכער עפּעס מער דערגיין פון אים אַ תוך, כאָטש ר'האָט גוט געוואוסט, ס'אַ פאַרפאַלענע זאַך.

— זאָג נאָר, מאיר, דערקענסט דעם טאַטן?

שטעלט דער יונג אויף די אויגן.

— וואָס, ס'ארא שאלה, טאַטע?

— און די מאַמע?

— איז מאַמע.

— און דער ברודער?

— ברודער.

— נו, אויב דו זעסט ווידער די שטוב ווי זי איז, ס'איז נישט קיין גרויסער חלוק אפילו, טאָ וואָס־זשע ביזטו אַזוי פרעמד צו איר?

דער יונג פאַרשווייגט, און דער אַלטער, צוליב דעם דאָזיקן שווייגן, זוכט נאָכמער אַרויסצופרעסן ביי אים, אַזוי ווי ר'וואָלט באמת געוואָרן אויפגעריכט מיט יעדן וואָרט, וואָס ער קריגט אַרויס; און ער פאָרשט אים ווייטער:

— זאָג־זשע מיר, מאיר, דעם יסוד, אויף וואָס ס'האַלט זיך ביי דיר אָט ס'משוגעת דיינס, אפשר קען מען געפינען אַן עצה ותחבולה עס אויסצוראָטן?...

דער יונג רעט נישט; ער פאַרבייסט נאָר די ליפּן, ציט איין די באַקן, — אַזוי ווי ר'וואָלט געהאַט לעבערדיקע יאַשלעס, אָן ציין; ער ווייזט אַרויס אַזאַ פאַרביסנקייט נישט צו ריידן קיין וואָרט, אַז דעם אַלטן ווערט קאַלט אין די ביינער.

אָן אַנדערש מאָל. דער אַלטער פאַרגעסט ווידער אין די שטומע, אומגעווייינלאַכע רציחה, אין וועלכער ער טרייבט אַריין דעם יונג, און ער זעט אים אַ רואיקן, נאָר אַ טעמפּן, אַ געפיל־לאָזן, אַזוי הויבט ער ווייטער אָן זיך אויסצופרעגן ביי אים שטיל, געלאַסן, מיט אַ קאַלטע לונג־און־לעבער, פון אָנפאַנג גאָר־גאָר ווייך, דעליקאַט:

— מאיר, דערשראָקן?

ער שווייגט.

— מאיר, אויסגעמישט זיך אין קאָפּ עפּעס, אָפּגעריסן, הא? ר׳זאָגט גאָר נישט.

— מאיר, נישט א מאָל חרטה? ווען נעשטאָכן?

דערמאָנט זיך דער יונג עפּעס, ס׳גיט א פּיק אינעווייניק, און באַלד א שאָקל אויפגעלייגט מיטן קאָפּ:

— יאָ, געשטאָכן...

— איינמאָל?

— ניין, א סך מאָל.

— אויפ׳ם טויט?

— אויפ׳ם טויט...

אזוי קומט שוין אויס ביים פאָטער גאַנץ נאַטירלאַך זיין משוגעת, און ער לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ, טראַכט גאַנץ געלאַסן, גראַד אזוי ווי איבער אן אנטדעקונג ביי א פרעמדן, און פאַר־געסט זיך אזוי לאַנג, ביז ער הויבט געוויינטלאַך אויף דעם קאָפּ, דערזעט א פּאָר אויגן בליצן, און בלייבט שטיין אקוראַט ווי איינער וואָס גייט פאַרטראַכט דערשפּרינדיק במחשבה, ער איז ארויף אויף דער גלייכער וואַנט...

און די שטוב האָט זיך ביסלאַכווייז איינגעלעבט מיט אים; כאָטש זיין פעלן האָט שוין באַלד נישט קיין סך מער אויסגעמאַכט ווי ס׳איצטיקע זיין אין דער היים, ווייל דער שווערער עול פון דעם יונגנס זיין אויף דער מלחמה האָט נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין רגע, אזוי גוט ביים עסן, ביים שלאָפן, און צוגעלייגט ווי א שווערע משא, — האָט דאָך אן אנגענעמע צופרידנקייט אזוי געגלעט פון דעם זיין באַנאַנד מיט אים, מיט דעם יונג:

— זאָל זיין מיט א שטיק משוגענעם אין דער היים, און זיכער, ווי — מיט א מישוב׳דיקן, א קלאָרן, ערגעץ אין דר׳ערד...

מ׳האָט זיך איינגעלעבט מיט אים, ווי מיט אַ סוכאָטניק אין שטוב, פאַר וועלכן מ׳גייט אַרום מיט שטילע טריט, און מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער, מיט אַ שטומען פּיין, וואָס גריבלט כסדר ביים האַרץ, און מיט אַזאַ טיפע, קאַלטע, אויסגערעכנטע און אומ׳ברחמנות׳דיקע געלאַסנקייט, ווי ס׳לעבן פון אַזאַ שטייגער מענטש איז; מ׳האָט זיך איינגעלעבט, ווייל ס׳איז פאַריבער אַ וואָך, אַ חודש, און דער יונג האָט זיך געפירט שטיל, אַרטיק, — האָט מען שוין מער נישט געקלערט וועגן אים; ער איז אויך קיינמאָל נישט אַרויס פון דער ליניע, דער יונג, נאָר אַזוי איינטאָניק, מאָ־נאָטאָן, איז געווען זיין האַלטונג, אַזוי ווי פון איין באַשטימטער פאַרב, פון איין מאַשטש; אַזוי האָט ער ממילא מיט יעדן טאָג געמוזט ווערן אַלץ מער נאַטירלאַכער פאַר דער שטוב, נאַטירלאַכער פאַר די מענטשן, און אפילו פאַר טאַטע־מאַמע; אַ מענטש ווערט קראַנק, — פיבערט, ס׳וואַרפט אים אין קדחת, שטרענגט ער אָן אַ גאַנצע שטוב מענטשן, אַ הויזגעזינט, ביז ער וועט איבער־האַלטן, ס׳אַ קריזיס; אָבער, אַז ס׳פאַרשלעפּט זיך, נישט אויף קיין טעג, וואָכן, חדשים, ס׳אַ לאַנג־יערלאַנגע גסיסה... ווערט מען אָפּ־געקילט... הערט מען אויף צו חלש׳ן... צו פלאַטערן... און דאָס ווערט שוין אַ זאַך, וואָס מ׳ברויך נישט מער איבערקומען, נאָר אַזוי לעבן דערמיט...

און אַזוי האָט עס געשיינט אויך צו זיין מיטן יונג..

די מוטער האָט זיך סוף־כל־סוף, נאָכן גאַנצן ריידן, זעענדיק, אַז זי האָט זיך נישט געקענט גאָר דערשלאָגן, — פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, אינגאַנצן מיאוש געווען, און געהויבן מיט די שווערע וואַנגען אונטערן האַלז, ווען ס׳מויל האָט נאָר בלויז באַשטעטיקט איר אומגליק:

— אַז ס׳קומען זיינס האָט נאָר בלויז קלאָרער אין זיכערער געמאַכט איר בראָך; אַזוי איז עס געווען צעשווימען, צעפּאַלן, און די רעיונות האָבן אַ סך מאָל איבערגעשטיגן די שרעק גופא, נאָר אַ צינד ווייסט מען ווי ס׳זעט אויס; מ׳קען עס אָנטאַפּן.

ס'האָט אַ ממשות... און ס'איז נישט מער קיין בלינדע זאַך...

אויפן אַלטנס ליפּן האָט זיך ס'שמייכעלע איינגעצויגן אין די ווינקעלאַך, געוואָרן בלאַסער, בלאַסער, ביז ס'איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען; אויך ער האָט ס'אייגענע נעהאַט קלעפּן אויף דער שפּיץ־צונג און דאָס נישט אָראָפּגערעט, נאָר בלויז ביי יעדער געלעגענהייט מסכים געווען:

— אַ לעבעדיקער בר־מנן...

אויפגעהערט צו פאַרפירן שמועסן מער, נאָר זיך גענומען געננוי צוקוקן צום משוגעת, געוואָלט עס קענען לערנען און וויסן: אויב ס'קען נישט ווערן געפּערלאַך פאַר איב און פאַר'ן הויזגעזינט; און טאַקע נאָך אַ לאַנגן קוקן באַמערקט, ווי ס'האָט זיך פּלוצלינג אָנגע־הויבן מיט איטלאַכן טאָג צו פאַרענדערן ביי אים ס'משוגעת, באַקו־מען אַ שינוי, אַן אַנדער קאָליר; אַזוי, למשל, האָט מען געקענט באַ־מערקן, ווי ס'נעמט זיך עפּעס אָפּרייסן דאָרט, אינוויייניק, ס'פלאַמענ־אויף די באַקן, אַ בלישטשל אין די אויגן.

און ער, דער פאָטער, וואָס האָט זיצנדיק בשכנות מיטן יונג, נעשפּירט, ווי ס'קומט צו אַן איבערבראָך ביי אים האָט עס אים פאַר אַ רגע דערפרייט ביז גאָר און זיך נישט געקענט מער איינ־האַלטן, אויסצושרייען:

— יענטל, כ'זאָג דיר, ער וועט נאָך אַרויסקומען!...

אָבער באַלד אַראָפּפאַלן פון דער גדולה, און זיך נישט צו גלויבן זיינע אייגענע רייד; און ניכער איז אים אויסגעקומען איצט זיך צו פאַרטראַכטן איבער עפּעס אַ ווילדקייט, וואָס וועט זיך אַמאָל אָנכאַפּן אין אים, אין אַ צערייצטקייט — אַ טעמפּע, וואָס וועט אַמאָל אַראָפּוואַרפן פון אים דעם מענטש, אַנטפּלעקן די הוילע חיה, דעם רויען אינסטינקט פון אַ חיה, אַז ער זאָל עלול זיין צו ממית'ן, דערשטיקן... און וועלן זען ס'בלוט פון אייגענע, פון טאַטע־מאַמע...

דער יונג גייט אין גאַס; ער גייט גענגעצויגן, שטייף, פּונקט ווי מ'לאָזט נאָך אַ שפּרונזשינע: פון אַנהויב — אַזוי ווי אַ גראַנאַט.

ארויסגעשאָסן מיט אַ שטאַרקן אימפּעט, און וואָס אַ רגע — באַמעלאַכער, פּאַמעלאַכער, ביז ער בלייבט אינגאַנצן שטיין: ט־ר־ר... קוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, און צוריקגעהאַלטן, מיט אַזעלכע בינסטערע כחות, גראָד ווי ער וואָלט דאָ געהאַט צו טאָן מיט עטלאַכע מענטשן אויף אַ מאָל, וואָס האָבן אים געפּאַקט אין אַ פינסטערן ווינקל, און דורכאויס געוואָלט אַוועקליינען אויף די שינעס פון אונטער אַן אָנקומענדיקן טראַמוויי, אַז די רעדער זאָלן איבער אים אַדורכגיין און צערייבן...

דער יונג שפּירט די גאַס נישט; ס'בלענדעניש, דאָס פּיל־פאַרביקע אויסגעמישטקייט פון'ם גיין, און פילפאַכיקע צוזאַמענ־ריידן פון לשונות, דער כאָאָס, — ס'ווירקט נישט אויף אים, און פאַרנעמט נישט זיין מח; ער איז, פאַר זיך געגומען, איינציק און אליין אויף דער גאַנצער גאַס, און אַ חוץ אים איז קיינער, קענטיק, מער ניטאָ; זיין באַסט, די גבורה, דער כח, — דאָס געוועלטיקט איבער אים, און ער איז שטאַרקער פאַר אַלעם וואָס ס'איז אַרום אים, און טרייבט אים אַזוי צווישן אַלעמען ווי אַ ריז צווישן קאַרליקלאַך, מילבן, מיט אַ שטאָלערן האַרץ, שטאָ־לענע שלייפן, געשטאָלטע מוסקולן, צעגליטן אָטעם, — אַלץ קאָכט אין אים אַזוי ווי אין אַן אויפגעזידטן קעסל, וואָס נעמט ברומען, כאַפּן, און ברויך נאָר־וואָס אויסזעצן און אָנמאַכן חרבונות, אַנ־קאָכן אויפ'ם טויט אַלץ אויף אַרום און אַרום.

און עפּעס, אַ פּנים, פילט ער דאָך, דער יונג; ווייל, רגע'ס־ווייז פאַרשאַרפט זיך דער אויסדרוק אויף זיין פּנים, ס'ווערט ערנ־סטער, כמורנער, און רגע'ס־ווייז — מילדער, ווייכער, ס'הויבט אָן צו שמייכלען, שמייכלען אַזוי ווי פון טיפע אינערלאַכע הנאה און צופרידנקייט...

און דאָס איז אויך צו זען צום בעסטן דענסטמאָל, ווען עפּעס אַ באַקאַנטער גיט אים פריינטלאַך אַ קלאַפּ אין פּלייצע:

— העי, מאיר, אַ שטיק חיה גאָר?...

פאַרקוועטשט ער די ליפּן מיט אַ זויערע מינע און זוכט אים

שכל'דיק אויסצומיידן, צו פטר'ן; ער לויפט באלד אוועק פון יענעם אויף א מהלך; און דאס דוקא נישט באוואוסטזיניק, ווייל ס'קען זיין, אז ער ווייסט אפשר גאר נישט ווי אזוי זיך צו האלטן גאלאנט, אפגעמאסטן און אפגעוואויגן איטלאכן טריט — טיק־טאק, טיק־טאק... און גראד ווען עמיץ, אזעלכער, פאקט אים, און נעמט גיין מיט אים האנד ביי האנד, און וויל זיך א דורכשמועסן, ווי ס'גיט זיך...

— וואס איז, מאיר, דיין קאפ טראגט נישט אויס די נאס? ביזט געווארן א שונא די מענטשן?

נעמט ער דענסטמאל גיין אזוי מאשינאל־גיך, אז יענער בלייבט באלד אונטערשטעליק אויף א ווייטן מהלך, און הערט נאר נישט ס'נאכשרייען, ווי יענער שרייט:

— מאיר, מאיר, וואס טראגן דיך די רוחות אוועק?

אין שטוב פארשאפט ער צרות, מאכט כסדר צורעכט וואך־נעכט. דער יונג פארגעסט אפטמאל דעם חשבון, ווייסט נישט ווען ס'נעמען זיך אויס די נארמאלע שפאציר־שעה'ן אין גאס, אז ארום דריי־פיר פארטאג איז נישט ס'אייגענע וואס תחלת־נאכט, און ווערט אפטמאל פארפאלן ביז'ן גראען טאג אריין...

טאטע־מאמע קריכן ארום נישט דערשלאפן, ווערן משוגע ווארטנדיק, פארלירן יעדע געדולד, ווערן גרין און געל פון זארג און קאפדרייעניש; מעסטן די נעכט אין דער לענג און אין דער ברייט, די שעה'ן, וואס ציען זיך ווי פעך; און דער אלטער גייט קיינמאל נישט שלאפן, נאר שלאנדרעוועט ארום צו גאנצע נעכט, ווארקעט עפעס שטיל, ווארקעט:

— נו, יענטל, נישט געהאט קיין מנוחה, האט ער זי מיר פארשאפט, הא?

די מוטער זאגט גאר נישט, ווייל דער אלטער רעט באלד נישט, אויף עפעס זיך צו דערוווארטן א תשובה פון איר; נאר דערנאך,

ווען ער דערשפּירט שוין די שפּעטקייט פון דער דריטער אשמרה אין די ביינער, מיט דער מאַטקייט וואָס צעלייגט זיך אויף זיין גוף, און אַלץ ווערט אויף אים שווער, ער קען מער נישט איינשטיין אויף די פיס, — אַזוי מאַכט ער זיך קוראַזש, נעמט זיך צום ווייב, און רעדט מיט פאַרדראָס:

— יענטל, כ'זאָג דיר, יענטל, ס'וואָלט גלייכער געווען ער וואָלט געשטאָרבן איידער אַזאַ לעבן...

די אַלטע שאָקלט מיטן קאָפּ אויף־אַזוי־זיך, און רעדט ווייטער נישט, — ווערט שוין דאָ דער אַלטער מער אָנגעברוגז'טער, און זאָגט ס'אייגענע העכער:

— יענטל, גלויב מיר, ער וואָלט זיך און אונז מער טובה געטאָן, — ער וואָלט געשטאָרבן, אָדער — אויסגעבליבן דאָרטן...

די אַלטע שפּייט אויס און בטל'ט אויס אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ.

אָבער דער אַלטער האַלט זיך פעסט ביי ס'זייניקע:

— גלויב מיר, יענטל, ס'וועט שוין פון אים קיין לייט נישט זיין; נישט מער, ער וועט זיך און אונז דערגיין די יאָרן...

די אַלטע קומט אין כעס אַריין און שרייט־אָן אויף אים:

— נו, מילא, נעם אַ מעסער, שעכט אים, וועסטו זיינע פּטור ווערן...

דער אַלטער רעדט מער נישט, נאָר טראַכט, און אַז דער זון קומט ענדליך אַהיים, פרעגט ער שוין מער גאָר נישט, מאַכט קיין טענה נישט, נאָר פאַרלעשט גלייך ס'לעמפּל, און נעמט זיך אויסטאָן, ברומענדיק:

— שלאָפן... שלאָפן...

דער יונג בלייבט שטיין אַרומגעכאַפּט פון דער פינסטערניש ווי אַ שטיק געשפּענסט; זיין קאָפּ צעהיצט זיך, און ער נעמט בלאָזן פון זיך ווי מיט אַ בלאָז־זאַק, ביז דער פאָטער קריגט מורא; ער דערזעט פלוצלינג אַ פּאָר אויגן גרינען, און לייגט זיך באַלד איבער, תוך כדי־דבור, ס'עסק:

— א שאלה, ס'שטיק משוגעת זאָל זיך אין אים צעקאָכן, קען עס, ווער ווייסט, — אומברייננגען מענטשן?...

צינדט ער אָן אויף דער גיך ס'לעמפּל און נעמט אים איין:

— מאיר... מאיר גאַפּ... ביזט דאָך א גאַפּ! אז כ'לעש אויס ס'לעמפּל, ווערסטו ווילד ווי א חיה?... געוויזן א גאַנג־ווּעגעלע נישט צו שלאָפן אין דער פינסטער, טאָמער ווייסטו?... אהיים געקומען, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט, ס'חיות ארויסצוגעמען...

דער יונג לאָזט שווייגנדיק אראָפּ דעם קאָפּ, ווי ס'וואָלט אים גובר געווען די ליכטיקייט, אָדער ער וואָלט ריכטיק דער־שפּירט די טיפע קריינקונג פון פאָטער, און טיף חרטה געהאַט...

ס'קומט פארנאכט, דער יונג שטייט אויף פון טיש, האַלט אים דער פאָטער שטארק־אָן:

— מאיר, וואו וועסטו גיין?... וואָס האָסטו דאָרטן אזעל־כעס צו טאָן?...

די הויט אויפן לייב גרוילט אים, שפּירנדיק די שפּעטע חצות'ן, ווען אלץ ארום וועט ליגן פארזונקען אין א טיפן שלאָף, און ער וועט ברויכן זיצן, כאַפּן א דזשים און אויפכאַפּן זיך, אזוי א גאַנצע נאכט, זיך אויסקוקן די אויגן פון קאָפּ, טיילמאָל: אין גראָען טאָג אריין, ביז ר'וועט אים דערלעבן צוריק צו זען, דעם יונג; און דער יונג, ער בלייבט לכתחילה שטיין, עפּעס באַדענקט, נאָכגיביג, און זעצט זיך ס'רוב אוועק אויף א בענקל, זיצט אַפּ שעה'ן, גיט נישט קיין פינטל מיטן אויג, מאַכט נישט קיין שום תנועה צורעכט. נאָר וואָס ער גיט אלץ אינאיינעם א שאָס אין מיטן שטוב אריין דאָס אָנגעקליבענע שפּייעכטס פון מויל, און מיט אזא כח, גראָד ווי עס וואָלט אים שטארק געבריט אינווייניק אונטער דער צונג, אָבער — ס'וואָלט אים שטארק געעקלט דערפאַר...

דעם פאָטער ווערט נודנע אויפן הארץ, און רופט זיך אָן צו אים:

— מאיר, בנאמנות, אויב דו זאָלסט נישט אויפהערן שפּייען, קען מען ברויכן אָפּגעבן ס׳נאַכט עסן...

דער יונג גיט אַ גלאָץ מיט די אויגן, אַ כלישנע מיטן מויל, און אַ שאָס דאָס שפּייעכטס אין מיטן שטוב אריין.

דער פאָטער, פּאַר זיך:

— ס׳איז שוין נישט אויסצוהאַלטן; ס׳וועט שוין באַלד נישט זיין קיין אופן איינצוזיין מיט אים אין שטוב...

דער יונג גיט נישט קיין מיגנע מיטן אויג, אַ קליינע ווײַלע און ווידער אַ שפּיי אין שטוב אריין.

ווערט דעם פּאָטער סוף כל סוף נמאס און ער קוקט זיך שוין מער נישט אום, נאָר ברומט שטיל:

— אַלע גוטע תנועות שטעקן אין אים! אַ קאַטשקע אין מויל, וואָס האַלט אין איין שפּייען!

דעם יונג ווידער ווערט אָפּגעמאוסט ס׳זיצן, און נעמט זיך רירן, צו ערשט, — פּאַמעלאַך, אַ שעה — אַ טריט, באַלד — גיכער, גיכער, ביז ער קומט אריין אין אַ ברען, לויפט, זוכט, שנופּט, די נאָז־לעכער צעשפּרייטן זיך, די אויגן ווערן גרויס, אַ ווילדע, אונגעווײַנלאַכע מורא הויבט אָן ארויסצושיסן פון זיי, עפּעס אַ פּלאָטערניש, אַ צאַפּלעניש פּארוואַרפט איטלאַכס גליד זיינס...

און דערנסטמאָל שטייען שוין טאַטע־מאַמע פּאַרבראָכן די הענט, אָפּגענומען ס׳לשון, און קוקן נאָר צו ס׳גרייטע...

עפּעס מיינען זיי, אַז ס׳קומט דאָ זיין סוף, דעם יונגס, ס׳וועט אים אַ חולה־נופל אומוואַרפן צו דער ערד, און אַזוי לאַנג האַקן קאָפּ אָן ברעט, ביז ס׳לעצטע ביסל חיות וועט זיך אָפּטאָן פון אים, און, בלייבן ליגן אַ שטיק שטיין...

אין אַ שעה, ווען דער יונג דערקענט נישט דעם וועג צו זיין היים, און די שטוב מאַטערט זיך, ווערט געפּייניגט, — זיצט דער אַלטער פּאַרטראַכט איבער זיך, און קומט נאָך אַ ברייטן ישוב־הדעת צום אַלטן אויספיר:

— אַז, ס׳וואָלט גאָר נישט געווען צו באַדויערן ווען ער זאָל דאָרט געווען פאַרבלייבן, אויף דער מלחמה...

די אַלטע שווייגט, און ער בלייבט ווייטער שטיל, און האָט אַלץ מורא ארויסצוברייננגען פאַרן מויל דאָס ריכטיקע, וועגן וואָס ער קלערט שוין זייט אַ לענגערע צייט.

— אַז ס׳איז אַן אימה מיט אים צו זיין אין שטוב...

ס׳גייט אַוועק אַ קליינע ווײַלע, און ער גיט דערווייל עטלאַכע מאָל אַ קוק דורכ׳ן פענסטער אונטן־אַראָפּ, זעצט זיך צוריק אייפן פריערדיקן אָרט, און רעדט ענדלאַך אַרויס, כמעט נישט ווילנדיק, אָבער זיכער:

— גלויב מיר, יענטל, מ׳איז נישט זיכער מיט איבּ אין שטוב צו זיין...

די אַלטע רעדט נישט.

און דער אַלטער פירט ווייטער אויס ס׳זייניקע:

— טאַקע רואיק, אַ שטיל משוגעת, אָבער גאָט באַהיט, ס׳זאָל זיך אָנכאַפּן? יענטל, דענסטמאָל זיינען מיר גאָר ניט זיכער מיט אים, יענטל...

די מוטער ווערט געשטאַרט פון זיינע רייד, ווערט אַ שטיס זאַלץ; דער אַלטער ברעכט זיך אָן אויפהער דעם קאָפּ, די מורא פאַרן יונגס משוגעת, וואָס איז צו אים באַרקלאַכן און געדיכט און טיף אין קאָפּ, וואַקסט פון טאָג צו טאָג, באַגייענדיק צוביסלאַך ווי אַ בלאָנע איבער די געהירן; און צום ערגסטן איז אים ביינאַכט, ווען ער גיט זיך איבער צום שטיקל שלאָף, אָן אַ שמירה. — דער יונג זאָל עפּעס נישט אָפּטאָן מיט אים אַ קינצעלע, אַ שטייגער: ווי חם האָט נח׳ן אָפּגעטאָן...

דער יונג ווידער, שלאָפט זייער שלעכט, אַז ער ליגט זיך אַריין אין בעט, — לויפט אים אויף דער קאָפּ ווי אַ בייל; ס׳פּנים נעמט אָן אַ שרעקלאַכן גרימאַס, אַ פינסטערע מראה, און די הויט ווערט צוזאַמענגעצויגן ווי אויף אַן איינגעפאַלענעם פּענכער.

נאָכמער רעגט אים ווען ס'איז פינסטער; די געדיכטע שוואַרצקייט, קומט אים אויס, אַזוי ווי ער וואָלט געלעגן איינגעמויערט אין איר, ווייל זי איז האַרט ווי אַ וואַנט, ניט אַ ריר־צו־טאָן זיך; און די פינסטערניש איז טאַקע מסוגל דערצו, ווייל זי איז ממשות'דיק געדיכט, קלעפּיק, אַז מ'קען טאַקע פאַרגיין אין איר; די שטוב־זאַכן זיינען שוין פאַרגאַנגען, און אַ צינר פאַרגייט ער אַליין אויך צו ביסלאַך, אברים־ווייז, און ס'וועט [illegible] באַלד פון אים אויך ווערן אַזאַ גראָ־קלעפּיק צעפּלאָסן שטיק פינסטערניש, מיט וועלכע די געדיכטקייט וועט נאָר שטאַרקער און פעטער ווערן מיטן ביסל־קלעי אויף עטלאַכע גראַד...

דער כה־הדם נעמט דאָ אַרבייטן, פאַר דער דערהאַלטונג פונם שטיקל קערפּער, אַלע חושים נעמען זיך צונויף לגבאי דער פינסטערניש, איר גובר צו זיין, פאַרטרייבן, צעבלאָזן; אינאיינעם אַריין דריקט אים אויף דאָס שטילע שנאָרכן, וואָס וואַקסט זיך אַרויס פון אָט דער דאָזיקער פינסטערנייש, און זעט אויס אין זיינע אויגן ווי עפּעס אַ לעבעדיקע צאַפּלדיקע חיה מיט אַ גוף און אַ פּאָר אויגן, און אָט די חיה מיט איר שווערן אָטעם, וואָס צעשפּילט זיך רגע'ס־ווייז, שטאַרקער, שוואַכער, — וואַרפט אים ווי אַ שייטל האָלץ אין פייער...

זיינע הענט נעמען זיך צוזאַמען, ער פאַרהאַלט אויף גאַנצע רגע'ס דעם אָטעם, גראַד ווי אַן אָקס וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן מיט די הערנער גרייט צום שטויסן, און פאַלט פּלוצלינג באַלד אַוועק, אַזוי ווי ער וואָלט אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, ס'וואָלט זיך ראַפּטום אַלץ אין אים אויסגעלאָשן...

און דאָס נעמט זיך אויף באַלד אויס, ער דערשפּירט צוריק ס'חיות, — ווי עס הויבט זיך אָן ביי די שפּיצנפינגער פון די פיס, און גייט בליץ־שנעל אַרויף אַזוי ווי עפּעס אַ וואַרימער שטראָם איבערן גאַנצן קערפּער; און ער האָט דאָס געפיל, ווי עס וואָלט עפּעס אַרומגעטאַנצט אין אים, אין בלוט, אַ שטייגער ווי ס'איז ווען אַ פּוס ווערט אַנטשלאָפן, אָנגעשיט פולע אָדערן מיט

זאמד; אין קאָפּ רויעט, עס דוכט זיך: מייז, פלעדערמייז, פליגן, חיה׳לאך, היישעריקן, —אלץ צוזאַמען און אינאיינעם, — א גאנצע מאָרעוויסקע; און דאָס האָט אים באַזעצט, גראָד ווי עס באַזעצט א נבלה, א פגירה, ערגעץ אויפן פרייען פעלד, און פון וואָס ער האָט אויך מער קיין מאכט נישט זיך ארויסצובאַקומען; און ער ליגט אזוי, מאַכטלאָז, אָפּגענומען הענט־און־פיס, א שטיק לייב־און־לעבן, נאָר מיט א פיל שטאַרקערן שכל ווי ביי א געזונטן, וואָס פאַרשטייט, פילט און לעבט א דורך ביז צו די קלענסטע פּרטים יעדע איבערלעבעניש, וואָס דרייט זיך מיט דער גיכ־קייט ווי פאַסן פון טראַנסמיסיעס, און זעען אוים ווי אויפגע־מישטע זיילן שטויב אויף דער זון... ברעקלאך שטויב... צעשפּלי־טערטע...

ער לויפט דאָ ערגעץ, פּראַלט, פינסטערע כחות יאָגן אים אין א פינסטערע געדיכטעניש, צווישן שוואַרצע מחנות, מחנות שאָטנס; ארום אים, אין א טיפן וואָלקן, אין א גע־ריכטן קרייז, רינגלען אים ארום מחנות קראָהען, פלעדערמייז, וואָס ציפן, בייסן, פליקן, און ער קען נישט — לויפנדיק ארויסלויפן פון דעם פאַר׳כשופ׳טן קרייז: מאָדנע קולות הילכן ארום, בראַזגען, און ער שפירט נישט די ערד אונטער די פיס, קיין אנטועכץ אויפן לייב, אלץ איז ביי אים אָפּגעשיילט, צעפליקט... די פינסטערע כחות טרייבן אים, טרייבן, ביז ער פאַלט, שטרויכלט זיך איבער עפּעס, און בלייבט שוין ליגן אויף דער ערד, פאַרטויבט, מער זיך נישט אויפצוהויבן; איבער אים פאַלט נאָך עמיץ, איבער זיי ביידע, — נאָך עמיץ, און איבער איין רגע ליגט שוין א גאַנצער באַרג אויף אים, א קלימפּער, און ער איז גאָר פון אונטן, צוגעלייגט, ס׳פּעלט באַלד אוים אָטעם, ס׳שטיקט, אויפן האַרץ ווערט ענגער, געפּערלאַ־כער, אָט — שפּייט ער אוים דאָס לעצטע שטיקל אָטעם...

און דאָ קומט ער אויף, — — — —

ער שפּירט נאָך נישט קיין אבר, איננאַנצן פאַרשוויצט איז ס׳לייב, פאַרשטייפט ווי א האָרן, — און טרעפט זיך שוין דאָ

ווידער אויסערן שלאָף, מיט דער איינגענער פינסטערניש, אַטנקעגן וועלכער ס'באַרשאַפן זיך די זעלבע אומהיימלאַכע געפילן, און ער הויבט אָן בורטשען, צוערשט שטיל, באַלד העכער, טיפער, אומגע־קומפּערטער, ביז ער שפּרינגט ארויס, ס'גיט אים אַ הויב אין דער לופטן, אַ וואָרף אַראָפּ פון געלעגער, די אויגן קריכן שוין פון קאָפּ, די האָר ווערן שטייף ווי די דראָטן, די נאָז־לעכער שניפן געפערלאַך, ביז ער נעמט שאַרן מיט די הענט, אָפּטרייבן פון זיך די פינסטערניש, ארויסקריגן זיך פון איר, און ס'הויבן אָן פאַלן בענקלאַך הינטער אים, כלים, שענקלאַך... אַלץ נעמט שפּרינגען טאַנצן, קלינגען, זיך דרייען אין אַ ווילדן מיתה'משונה'דיקן קאַ־ראַהאָד, און צוזאַמענפאַלען אין איין קופּע...

דער פאָטער שפּרינגט ארויס פון בעט, אויפגעוועקט פון גע־קלאַפּעריי, און פאַרביסן, אָן לשון, נעמט ער זיך ראַנגלען מיט אים אין דער פינסטער, וועלנדיק אים אָפּשטעלן, איינהאַלטן און בייקומען, אָבער דער יונג ווערט מיט יעדע רגע ווילדער, און וואָס מער ער דערפילט: מ'שטעלט זיך אים דאָ אַנטקעגן, — אַלץ מער ארבעט ער מיט זיך, און וואַרפט מיט נאָך מער גבורה, שליידערט מיט אַזאַ כח, אַז קיין צען פּאָר פערד זיינען שוין נישט אימשטאַנד אים איינצוהאַלטן; דענסטמאָל שאַרן זיך אַלע גיך ארויס הינטער דער טיר, איבערלאָזנדיק דעם יונג אַליין ארבייטן מיט זיך, און מאַכן אַ תל פון אַלץ און אַלעמען...

דער אַלטער איז איינגעבויגן אין דרייען, ציטערט ווי אַ פיש און ברומט:

— כ'האָב געוואוסט, יענטל, אַז ס'וועט אַמאָל אָנקומען ביי אים, וועט מען נישט קענען מער איינזיין מיט אים אין שטוב... כ'האָב געוואוסט...

זיין חטא

דאָס איז געווען א יונג, א פּרא־אדם, — א שטיק חוש; אויסגע־וואקסן — א שטיק גלאָמב; א ברייטע צעלאַבערטע בריאה, פּלאַט־פּיס, און מיט א גרויסן קאָפּ — אָרים אין שכל; אויגן — פּיצלאַך, און אונטער גרויסע ברעמען, וואָס האָבן געמריזשעט ווי ביי א פארשלאָפענע קאַץ.

ער האָט זיך אויפגעכאַוועט אויף ברעקלאַך, פּונקט ווי א הונט, וואָס כאַפּט אַראָפּ פון די טישן; ארומגעלאָפן זוכן אויף די קופּ־סעלאַך מיסט, אויסגעגראָבן דאָרט שמיקלאַך, זיי ארומגעריזשעט, ארומגעלעקט, און א סך מאָל אוועקגעטריבן א הונט טאקע: „א פּודזשעם פּשא יוכא!..." אים געקיילט מיט א שטיין איבערן קאָפּ און אויפגעהויבן פון דער ערד, וואָס יענער האָט ארויסגעלאָזן פון פּיסק מיט א געהייל — דאָס ארומגעלעקט, ארומגעלעקט, און וואָס ער האָט נישט געקענט אַראָפּלאָזן אין מאָגן, מיט עגמת־נפש ארומגעקוקט, ארומגעקוקט, אזוי ווי ר'וואָלט מקנא געווען דעם הונט וואָס האָט שאַרפערע ציין פאר אים, און דעם ביין יאָ געקענט צעקנאַקן — און נעמווזט אָן חשק נעבאַך אַראָפּלאָזן...

אין קיין אידישע שטוב האָט מען אים נישט אריינגעלאָזט, פּשוט, — ווייל מ'האָט פון אים קיין נוצן נישט געהאַט; אז מ'האָט אים א מאָל וואו דערלאַנגט א קאַן:

— ניי, ברייננג אביסל וואסער...

האָט ער א רגע יענעם געקוקט אין די אויגן אריין, געקוקט — א שטיק חוש, און באַלד א הויבנעטאָן מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט דערמיט שכל געהאַט צו זאָגן:

— כ'וויל נישט...

נאָר די חדר אינגלאַך וואָס ער האָט געוואוסט נאָכצולויפן, און אויסנאַרן ביי זיי שטיקלאַך ברויט, קעז, — פאר קוגצן:

און קונצן האָט ער געמאַכט זעלטענע; זיך געוואָרפן, גערדרייט, געפּאַטשט אין בויך, געקרימט ווי א מאַלפּע, געמאַכט אַזעלכע מיתה משונה׳דיקע גרימאַסן, אז מ׳האָט געקענט פּלאַצן פאַר געלעכטער:

— אַזאַ גרויסער יונג און מאַכט זיך אַזוי נאַריש...

די אינגלאַך, זיי זיינען געווען זיינע כמאַלע שפּייזער, און פון זיי זיך מפרנס געווען; אין דער היים נאָך, ווען מ׳האָט זיי למשל, מיטגעגעבן: צוויי זעמל מיט קעז, זיי זאָלן האָבן פאַר א האַלבן טאָג וואָס צו עסן, — האָבן זיי אין זיינען געהאַט בשתיקה צו נעמען נאָך א חלק פאַר אים אויך, פאַר דעם יונג; אָבער אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט, דאָך קינדער — אים דאָס צו דערלאַנגען אין האַנט אריין; האָבן זיי דאָס אים צוגעוואָרפן אויף דער ערד, א שטיק פאַרדאַרט ברויט, חלה, וואָס ס׳האָט נישט געזאָלט זיין, אין צוגעשריגן:

— נאַ, משה לופּע, טאַנץ!..

האָט ער דאָס צוגעכאַפּט, מיט איין ביס פאַרשלונגען, — אומגעקייט, און געטאַנצט; אָפּגעטאַנצט — זיך געשטעלט קוקן מיט די אייגעלאַך, בלישטשען, נישט גערעט, נישט געזאָגט, נישט צומאָלט קיין וויע געטאָן — ביז ס׳האָט אים ווידער וועלכעס אינגל עפּעס צוגעוואָרפן — א שטיקל קעז, לאָז זיין.

— נאַ, משה לופּע, און גיי אויף די הענט!...

אַזוי האָט ער צוגעכאַפּט דאָס שטיק קעז, פאַרשלונגען, האַם, האַם — אומגעקייט, און גלייך געגאַנגען אויף די הענט; אָפּגעגאַנגען — ווידער א מאָל זיך געשטעלט קוקן די אינגלאַך אין די הענט אריין, אָן א שיעור און א סוף...

ביז צוועלף־דרייצן יאָר נישט גערעט; פלעגט זיך פאַרקלייבן אויפן מיסט, און אַרויסלאָזן א זעלכע אַנגעהיילישע קולות, פינסטערע, — אז מ׳האָט זיך א סך מאָל טועה געווען, גענאַרט, און אויסגעשפּיגן:

— די הינט היילן, דער מלאך־המות איז דאָ אין שטאָט...

און לסוף אויסגעבטל'ט אַלע בייזע חלומות צו זיין קאָפּ, צו זיינע הענט און פיס, און צו זיין לייב און לעבן:

— נאַ דיר נאָר משה לופּע, שונא ישראל...

אונטערוואַקסנדיק האָט זיך זיין שכל צוביסלאַך פאַרבריי־טערט, געוואָרן קלאָרער, ס'לשון — זיכערער, מיט איין וואָרט: אַ יונג אַ דאָרוואָל, וואָס האָט זיך שוין שפּעטער גאַנץ לייטיש אָרומ־געדרייט אויף דער ראַגאַטקע, קרועה־ובלועה, און נאָכגעקוקט מיט היץ די וועגענער וואָס זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט, און אַוועק־געגאַנגען אין דער וועלט אַריין...

זיין לעבן איז געוואָרן די ראָגאַטקע; ס'האַרץ האָט אים גע־פּישטשעט פּאַר אַ פּאָר לייצן; געאַרבעט עבודת הפּרך, — געוואַשן די וועגענער אין „סטאַוו", געפּויעט די פערד, זיי געלאָזט אָנקאָוועןן פּאָדקאָוועס, און געזוען גליקלאַך, אז ר'האָט באַקומען דערפּאַר די לייצן אויף אַ האַלבע שעה, אַ שעה אַ מאָל, ווען דער וואָגן איז שוין געווען געפּאַקט מיט פּאַרשוינען, מיט אַן אָנזאָג פון בעל עגלה:

— נאַ, פּאָר, אָבער נישט ווייטער פון לייביש פּסח'ן, פון וויאָרסט...

ווייל אַליין איז ער פּאַר דער איינער ווײַלע נאָך שטיין געבליבן, כאָטש ר'האָט שוין דעם וואָגן געמיזט אָוועקלאָזן, אוים מורא פאַר די פּאַרשוינען וואָס האָבן זיך געבונטעוועט און געוואָלט צעלויפן — טאָמער מאַכט זיך אים נאָך אַ מענטש וואָס באַדאַרף אַוועק־פאָרן, אַזוי איז ער מיט אים אָנגעלאָפן צום וואָגן וואָס איז זיך ווידער גאַנץ בריות געשטאַנען אויסן שטאָט, און גאָר נישט קיין מורא געהאַט אַז מ'וועט זיך דאָרט פון אים צעלויפן...

און דערפּאַר האָט אים די ראָגאַטקע אַזוי שטאַרק גענייטיקט באַדאַרפט צו האָבן, — ער זאָל צומאַכן ס'מויל ביים וואָגן מענטשן, מיט וועלכן ער האָט בלויז אַרויסגערירט הינטערן שטאָט, און אויפ־סניי מיט זיי דאָרט געבליבן שטיין...

א מקום מנוחה האָט ער זיך פאַרשאַפט, אויף סטאַלע, — ביי לייביש פסח'ן אין גאַרקיך; דאָ אָפּגעוואַרט ביז אַ בעל עגלה האָט אָנגעצויגן מיטן וואָגן אויף דער ראַגאַטקע, און תיכף ארויס אויפן „קאָזשאָל“, ארויסגענומען די לייצן פון זיינע הענט.

— גיב, כ'וועל אליין אראָפּפאָרן אין מארק אריין...

א זעלטענע גבורה האָט אין אים געשטעקט; אז א פּאָר פערד האָבן זיך ווי געוויינטלאַך, איינגעשפּארט, אָדער זיך נישט געוואָלט רירן כ'האָרין ביים ארויסשלעפּן דעם וואָגן פון דער בלאָטע, — האָט מען נאָר געברויכט אַ זאָג־טאָן מישה לופען:

— משה לופע, דו שלאָפסט?...

אזוי האָט ער גלייך אונטערגעשפּארט דעם אקסל אין „פּאָ־שלאדעק“, עטוואָס פארקוועטשט די אויגן, און — העפּ!... ארויס־געהויבן דעם וואָגן אין דער לופטן, און זיך דערביי גאָר נישט וויינעטאָן, אז אלע האָבן געמוזט קוועטשן מיט די אויגן:

— ס'א בייזע גבורה אין דעם יונג שטעקט...

דער יונג האָט אויך באקומען געשלאָגן, גע'הרג'עט, א מינוט צום טויט, און דאָס אלעם — אויף א געלעכטער, פארשטייט זיך, ווען חברה בעל־עגלה'ס זיינען געוועזן אויפגעלייגט, געהאט א כוסה אין קאָפּ, און זיך אומגעוואָרפן מיט אים: פון דאנען א צופּ, פון דאָרט — א קלאַפּ, דאָ — א באָכע, און אלע מיטן אייגענעם פזמון:

— זעסטו, משה לופע!

— געוואָרן א לייט, משה לופע!

ביז ער פלעגט זיך קוים אַרויסראטעווען פון אונטער זייערע הענט, אנטלויפן מיטן לעבן, און זיך אוועקשטעלן האַרט ביים שוואַר־צען סלופּ וואָס מיט דער שווארצער טאבליצע, און אזוי שטיין, — א דראָנג, א צווייטער סלופּ, קוקן א תם, נישט ריידן א שעה א וואָרט.

ס'גרעסטע פארגעניגן פון די בעלי עגלות איז געווען, דענסט־מאָל מיט אים אויפסניי א טשעפּע צו טאָן:

— משה לופּע, דעם גלח׳ס שיקסע וויל דיך פאַר א חתן...

ער שווייגט.

— משה לופּע, אויף בעזעם ריטעלם טאָכטער באַשטייסטו ?..

ער רירט זיך נישט, א שטיין.

— משה לופּע, דער גרעבער׳ס אייניקל וועט גוט זיין ?...

דאָס האָט אים שוין געפערלאך גערייצט, אָבער נאָך אַלץ נישט קיין פינטל געטאָן מיט קיין אויג...

— משה לופּע, טו־טו־טו...

און איינער צעזינגט זיך.

משה לופּע, משה לופּע,

אוי, גוואלד, משה דו...

און דאָ שפירט זיך, ווי ס׳הויבט עפּעס אָן ציטערן ביי אים, זיך צו רירן דאָס פאַרגליווערטע; ס׳געשטויעטע אויפן פּנים אָפּצוגיין, די אויגן — איבערדרייען אין די לעבער, די פינגער אויס־צוקרימען, נעמט זידן ווי א טשייניק וואסער, איידער ער הויבט־אָן קאָכן; און ס׳איז זיך צו ריכטן, ער זאָל ארויספליען פון דער הויט, זיך געבן א וואָרף איבער ווענט, נישט פאַרשטייז זיך אז ס׳איז א געלעכטער, און דערלאַנגען א טויט־קלאַפּ, — אין ווי עס דערלאַנגט אים עמיץ א ברען איבער די פלייצעס, פון די בעל עגלות:

— וואָס שטייסטו, חוש ! זעסט נישט יעקב אריה איז אָנ־געפאָרן ?... גיי, פאָר אראָפּ מיטן וואָגן אין „סטאַוו“ אריין !...

און די אויגן זיינע נעמען גלאָצן, איבער א רגע, ער זיצט שוין אויפן וואָגן, — ניי־געבוירן, אָפּגעווישט דעם כעס מיט איין גלעט, און פאָכעט שוין ברייט מיט דער בייטש:

— ווי־אָ־אָ־אָ !...

די בעלי עגלות קייכן הינטער אים, און ווערן צעפּלאַצט פאַר געלעכטער:

— נאָ דיר א חיה; מ׳זאָל אים נישט האָבן צו פאַרבלענדז די אויגן מיט א וואָגן און א פּאָר פערד, וואָלט דאָס גע׳מזיק׳ט

מענטשן, וועמען איינגעשלונגען, אויפגעפרעסן מיט די קאפּיטעס.

און נאָכאַלעם איז ער געלעגן און געוואַרוועט ווי א הונט; קיין נעץ האָט אים נישט אַראָפּגעטריבן; די קעלט נישט באַריאָגט; זיין גאַנץ גליק איז געווען די ראָגאַטקע; א פּאָר לייצן; און האָט ער א מאָל אָנגעטריבן א ליידיקן וואָגן איבערן שטעטל, אַז ס׳האָט געהילכט, — האָט מען אים פאַרשאָלטן די ביינער:

— משה לופּע, ער וועט אַמאָל וועמען איבערפאָרן נאָך אויפ׳ן טויט, א נישט, — אליין אַראָפּפאַלן און צעברעכן ס׳געניק אונטער אים...

און געטראָפן האָט, ער איז אומגעריכט געוואָרן אויפגעריכט מיט א וואָגן און א פּאָר פערד, משה לופּע, געוואָרן א יושב־ראש אויף דער קאָזלע, — אין א פּריוויטיק פּאַרנאַכט, ווען ער איז געשטאַנען און אָפּגעוואַרט שמואל אריה׳ן, וואָס האָט באַדאַרפט אַנטרייבן אַ היים צו ליכטצינדן, ער זאָל פאַרפאָרן מיטן וואָגן אין הויף אַריין, אויסשפּאַנען די פערד און אַוועקשטעלן אין סטיינע, ווי ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט א סאָלדאַט פאַרן גאָרגל, און פאַרפאָרן א ברען אין קאַרק אַריין:

— וואָס שטייסטו?... אויב דו קענסט נעמען א פּאָר לייצן אין דער האַנט אַריין, טאָ קוק נישט ווי א נאַר, נאַר פּאָר!...

זיינע אויגן זיינען געוואָרן גרויס, גלאַנציק, נישט צוגעגלויבט די אויערן וואָס זיי הערן, און פונדעסטוועגן זיך אַרויפגעוואָרפן ווי אויף א היים געבראָטנס, — אויפן וואָגן; נאָך איידער ער האָט געוואוסט פאַר וואָס־און־ווען ס׳קומט אים, — האָט ער שוין אויסגעקנאַקט מיט דער בייטש זיין הילכיקן: „וויאָ־אָ־אָ!..." אַז ס׳האָט געפּלאַטערט... א פּאָר פערד האָט ער געהאַט — לייבן, וואָס מ׳האָט נאָר באַדאַרפט א שמיצער־טאָן, אַזוי זיינען זיי שוין אַרויס פון די כלים, און צעטראָגן דעם וואָגן אין לופטן...

צווישן די אַבאָזניקעס איז ער באַלד געוואָרן אַן איינענער;

ער האָט אַרויסגעקריגן אַ פּאָר זעלנערשע הויזן, אַ סאָלדאַטסקע „יופּקע“, מיט אַ הויכע ווייסע „פּאַפּאַכע“, געוואָרן אַן „אָבאָז־ניק“ פון דער העלער הויט מיטן פולן מויל, מיט אַ וואָגן און אַ פּאָר פערד, פון וואָס ער וואָלט גאָר קיינמאָל נישט גע׳חלום׳ט. — געוועזן כשר וישר כאָטש ער האָט קיינמאָל אין מיליטער נישט געדינט, פאַר׳ן דאָקטאר נישט געשטאַנען, וועלכער וואָלט אים אודאי גאַנץ גוט געוועזן אויסבראַקירט...

די סאָלדאַטן פלעגן זיך אַרומשטעלן קוקן ווי דער בחור זופּט די טריפה׳נע „יושקע“, פרעסט אויפזעצנדיק די סאָלדאַטסקע קאַשע. און אים דאָס נישט פאַרגונען, — כאָטש ס׳האָט זיי אליין קיין עסן נישט געפעלט; און פונקט אזוי ווי די בעלי־עגלות באַלד אין אים דערטאַפּט דעם שטיק נאַר, די טעמפּקייט זיינע, און אויך ליב געהאַט אַ טשעפּעטאָן אים; ווער מיט אַ שטופּ, ווער — מיט אַ שטורק, אז דער לעפל זאָל זיך אים אָנשטויסן דאָ אין דער געמבע, דאָ — אין באַק, אין נאָז, און דערצו זיך נאָך אויס־גיסן...

ער האָט נאָר געבורטשעט...

און זיי האָבן געלאַכט:

— דאָס האָט עפּעס אַ קישקע אָן אַ דנאָ...

— ס׳אַ חיה, נישט קיין מענטש...

— ווייסט נישט פון קיין גאָט און נישט פון קיין טאַטער...

פון ריידן האָט מען גאָר נישט געקענט ביי אים אַרויסקריגן, און זיך אָפּגעשמועסט:

— מ׳וועט זיך ברויכן אַ מאָל נעמען צו אים אויף כח, און זען מיט וואָס ער שמעקט...

אָבער איטלאַכס מאָל ווען מ׳האָט זיך צו אים צוגערירט, האָט ער גענומען זידן, אַז מ׳האָט זיך גלייך אָפּגערוקט פאַר דער פינסטערע גבורה, וואָס האָט זיך געשפּאַרט פון אים.

— טפו, צו אַלדי רוחות... ס׳אַ מאַלפּע...

דער סטאַרשי פון „אַבאַז“, אַ פּראָפּאָרשטשיק, האָט אים ליב געהאַט, ס׳לעבן; געקלאַפּט ביי יעדע געלעגנהייט אין פּלייצע, און צוגעבאַמקעט:

— פון גאַנצן „אַבאַז“ האָט ער איינעם, משה לופּע; און ווען ער זאָל ווען אַריינטרעטן אויף „סלוזשבע“ — וואָלט ער אים צוגעשטעלט צום ראַפּאָרט, ר׳זאָל קריגן אַ בענדל...

דאָס האָט אַזוי געדויערט, דער גוטער יאָר וויי־סט, — משה לופּע האָט נישט מער געדיינקט באַלד פון שטעטל, וואָס ר׳האָט געלאָזן ערגעץ שטעקן הינטער זיך, און וואו מ׳האָט אודאי גע־טראַכט איבער אים:

— ער איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין דר׳ערד אַריין, און שוין מער אודאי קיין תחית־המתים נישט אויפשטיין...

ער איז אַלץ געפאָרן מיט׳ן וואָגן, געפירט מעל, גרויפּן, און זיין צעשעקעטע פּנים האָט געלויכטן זיצנדיק אויף דער ערד, צווישן די „אַבאָזניקעס“, אין די שווערע פּעלצן, ווייטע, הויכע פּאַפּאַכעס, ביי אַ צעלייגט פייער, און זיך געוואַרימט די ביינער; ביז ס׳האָט אים עפּעס אנגעשפּאַרט, איבערגעקערט זיך, עפּעס וואָס אַ קאַפּויר געקומען: לייביש־פּסח, שמואל־אריה, די ראָגאַטקע, דער „וויאָרסט“ און זיך אָפּגעשטעלט:

— הע? וואָס איז דאָס פאַר אַ פאָרן ביי אים?.. וואו שלעפּט ער זיך אַרום אין אַל־די־רוחות... צו וואָס?...

ער זיצט אויפן וואָגן. די פערד שלעפּן פויל, נאַכלעסיג, און ער האָט אָפּגעלאָזן די לייצן, איינגעדרימלט, — אַזוי האָט זיך אים אויסגעדוכט ווי שמואל אריה שטורקעט אים מיט אַ געבייזער:

— אַ סוף, משה לופּע; ריר מיטן וואָגן, ס׳איז פּריטיק פאַרנאַכט, באַלד ליכטצינדן, — אַבאַל!...

און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט; עפּעס גע׳תמ׳עלט, געפּינטלט מיט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט — צי מ׳זעט טאַקע נישט ערגעץ שמואל אריה׳ן, און דערשמעקט, ר׳איז אין אַ פּרייטיק צונאַכטס, נאָך ליכטצינדן ערגעץ אין אַ קליין שטעטל; און אַזוי גיך ווי מ׳האָט

זיך אָפּגעשטעלט לאָדענען, האָט ער אַלץ איבערגעלאָזט, נישט גע־פרעגט קיין שאלות, און זיך געלאָזט גיין אַ היים; דער וועג איז אים געווען גוט באַקאַנט — דער אַלטער היימישער וועג אויף וועלכן ער האָט זיך נישט איינמאָל מיטגעכאַפּט מיט די היימישע בעלי־עגלות; דאָך האָט ער זיך אים איצט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי פּוסט, פאַרפינסטערט, און וואָס מער, ער איז אויף אים אָוועק, — מער אימה׳דיקער אויסגעזען, אַלץ זעלטענער וועמען אָנגעטראָפן; ביז ר׳האָט מיט אַלעם אויפגעהערט צו זען אַ מענטש פאַר די אויגן, און בלויז אָנגעטראָפן די אייזערנע סלופּעס פון די „וויאָרסטן" וואָס האָבן אויסגעזען ווי וועכטער, וועלכע מ׳זאָל האָבן צעשטעלט פאַר אַ שמירה איבער דער גאַנצער לענג פון וועג...

ער איז אָנגעקומען אין וועלדל, וועלכעס ער האָט באַדאַרפט אַ דורכגיין, און שוין נישט מער געהאַט ווי צוויי „וויאָרסט" וועג אַ היים אין שטעטל צו זיך, האָט מען אים אָפּגעשטעלט; אַ זעל־נער, שווער אָנגעפּעלצט, גאָר נישט אַזוי ווייט צוליב די קעלט, ווי אָפּצושרעקן מסתמא, מיט אַ הויכע „פּאַפּאַכע" איבער די אויערן, — האָט אים אַריינגעקוקט אין פּנים, דורכגעשטאָכן מיט די אויגן, און ביטרע שאַרף אַ פרעג געטאָן:

— וואו האָסטו דאָס חשק געהאַט צו גיין?...

משה לופּע האָט נישט געוואוסט פון זיינע הענט און פיס צו זאָגן, און געזאָגט פּשוט, כמשמעו:

— אַ היים...

האָט דער סאָלדאַט געפּיפּן און פון ערגעץ איז אָנגעקומען אַ רייטער אויף אַ פערד, וועלכער האָט זיך שטיל בסוד סודות צע־רעט מיטן פריערדיקן סאָלדאַט; עטלאַכע מאָל אויפגעהויבן די אויגן אויף משה לופּען, ווי ער וואָלט אים נאָכדעם, ווי יענער דאָט אים אָנגעהאַקט אַ פולן קאָפּ — גוט באַטראַכט, און זיך אַזוי ווי נישט געוואָלט צו גלויבן, אָדער באַוואונדערט, און מלאַס־קענדיק מיט די ליפּן ווי ער וואָלט זיך באַלעקט מיט אַ געשמאַקן ביסן, אַ זאָג־געטאָן:

— קום מיט...

איז ער מיטגעגאַנגען ביי דער זייט פון פערד, ביז ר'איז מיט אים צוגעקומען צו א „פונקט״; דאָ איז אַרויסגעקומען עפּעס איינער, וואָס איז גלאַט געווען צעדרייט, אין בלאַנקן העמד אויפן לייב, בלויזע הויזן אויף די פיס, אויף וועלכע ס'האָט נאָך חלילה נישט געפעלט דער קנייטש; דער רייטער האָט זיך אָנגעבויגן פון פערד צו אים, און אויף דעם סמך וואָס יענער האָט אים אָנגעהאַקט א פולן קאָפּ, — נאָכמער זיך צעשפּרייט, און דערציילט וועגן אים וואונדערלאַכע זאַכן: ווי דער חברה־מאַן וואָלט געפּלאַנט, גאָט דער לעבעדיקער ווייסט — וואָס; און אז מ'זאָל אים נישט געווען אָנקריגן באַצייטנס, ווער ווייסט, — אויב ס'וואָלט נאָך דאָ עפּעס געבליבן א שריד־ופליט פון וועמען; אזוי ווייט און ברייט, אזש דער מענטש האָט שוין נישט געקענט דערשטיין און דאָס אויסהערן מיט אזא קאַלטע לונג־און־לעבער, און אים אריינ־געשריגן אין די אויגן, משה לופען, — וועלכער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר א צימעס מען מאַכט דאָ מיט אים.

— מ'וועט דיר געבן, הונט איינער, בליי, וועסטו האָבן צו לעקן און צו שמעקן...

און באַזונדער אָנגעזאָגט, זהיר וזהיר, דעם רייטער:

— ר'זאָל אים וויסן אָפּצושיקן אין שטאָט אריין, באַלד אין דערפרי, וואו מ'בעדאַרף...

קעגן טאָג האָט מען אים שוין געטריבן, משה לופען, מיטן איינגע־נעם וועג צוריק; מ'האָט אים צונויפגעפּאָרעט מיט נאָך אַנדערע צוויי, איינער — א באָשניאַק, א מין לאַנג־ אויסגעצויגענער נפש, אָן א פּיצל הויט אויפן לייב, א טיפּיש סעמיטיש פּנים, מיט א קליין קיילעכדיק טערקיש היטעלע אויבן שפּיץ קאָפּ, און דער אַנדערער — א סערב, גרויס ווי א געניץ, מיט א פאַרלעגן פּנים; זיי האָבן זיך געשלעפּט זאַלבעפירט איבערן אייגענעם שאָסע, און ער, משה לופע, האָט זיך אזוי געטריי געהאַלטן ביי זיינע

חברים, נישט חלילה אפגעווענט ס׳אויג פונם סאלדאט, וועלכער האט זיי געפירט; דאס סאלדאטשיקל, אן אלט באוואקסן פייערל. וואס האט זיך אין „סטראי" נישט געטויגט, — האט זיך קנאפּ־וואס אומגעקוקט אויף זיינע מענטשן; טויט־הונגעריק, אדורכגעפרוירן, איז ער געלאפן בּאראַיִס, געטאפּטשעט מיט ביידע אויסגעקאשליוועטע שיך, אזוי ווי צום פּריסטן געוואלט אנקומען אין שטאט, און דעריבער געלאזן די עטלאכע לייט זיינע א שטיק הינטער זיך, — וועלכע האבן אים אבער נאכגעצויגן ווי געטרייע הינטלאך; אויפן באשניאק איז נעבאך געווען א ביטער רחמנות — ער איז גאר נישט געווען צוגעוואוינט צו די קעלטן, און געצימערט ווי א קראנק פערדל; און דער סערב ווידער, האט זיך אלצאינאיינעם געריבן ס׳באוואקסענע פנים, און אהן חרפה געבעטלט ביי די אנטרייבער פון די פורן:

— כ׳האב דאך צוליב דעם די ביקס אוועקגעווארפן, זיך צו אייך איבערגעגעבן, כ׳זאל האבן צו עסן... גיט מיר א שטיקל ברויט...

משה לופע איז אויך נישט ווייניק געווען אויף צרות, כאטש דער יונג איז יא געווען ביי זיך אין דער היים און נאכדערצו אויפן וועג, וועג איבערהויפּט, יעדער וועג — איז דאך זיין היים געווען; נישט טילקע דער דאזיקער שאסע, הינטער דער נאז פון זיין שטעטל, וואו יעדער שטיין האט אים געקענט; וואו: אריה, לייביש, פסח און אלע איבעריקע בעלי עגלות האבן געטאגט און גענעכטיגט ס׳גאנצע לעבן — האט ער דאך זיך געפילט ווי נישט ביי זיך; שוין דערמיט וואס ער איז געווען ערשעפּט פון די כחות — פון זיינע כחות, די פינסטערע, וועלכע האבן זיך אזוי ווי אפּגעטאן פון אים, און זיך אלע מינוט געמוזט צוזעצן אויף א שטיין, וואס פון יענע ווייסע שטיינער, מיט וועלכע דער שאסע איז אנגעזעצט פון ביידע זייטן, לענג־אויס; און דאס נישט אויף לאנג, ווייל אזוי גיך ווי דער עטאפּ איז פון אים אוועקגעגאנגען, האט ער זיך שוין געמוזט אויפכאפּן, נאכלויפן א שטיק וועג, אזוי ווי ס׳וואלט

אים, מי־יודע, אויסגעקומען ס׳אַרא גליק צו פאַרלירן, — ביז ר׳האָט אים געקענט אָניאָגן, דעם עטאַפּ, העט איבער אַ באַרג, אַ טאָל, אַרי־בערשרייענדיק:

— שטייט נאָר אַ ווײַלינקע, וואָס נעמט אייך דער שוואַרץ־יאָר פון מיר אַוועק...

און נישט ער, משה לופע, ווי דאָס זעלנערל מיט דער ביקס, וואָס האָט זיי מכלומרשט באַדאַרפט אָפּפירן אין שטאָט, — האָבן נישט געוואוסט, אַז ער איז נישט גלייך מיט די אַנדערע גע־פאַנגענע, און אַז מ׳ברויך אים גוט האָבן אויפן אויג, זיך גאַנץ באַזונדער מיט׳ן אומגיין; דער יונג אַליין, ווען ער וואָלט געהאַט פאַרשטאַנד, און באַנומען ווי דער רייטער מיטן שלעפּעריקן מענטש ביינאַכט האָבן אים ערנסט גענומען, — וואָלט ער עפּעס זיך דאָך געוואוסט משער זיין; אָבער אַזוי ווי אין זיין פינסטערן מח האָט זיך נישט אַריינגעריסן אַ פּונק שכל ווי אַ פלעמל די גרויס פון אַ גראָשנדיק ליכטל, אַ שפּילקע קעפּל, אַז ער זאָל דאָ עפּעס פאַרשטיין; און ס׳איז נישט געווען אויך קיינער, וואָס זאָל אים אויפטאָן מיט אַ ווינק, צי אפילו מיט געבייזער, אויפ׳ן אָנשרייען:

— ס׳איז גלייכער פאַר דיר, הונט, מענטש, חיה, וואָס דו זאָלסט נישט זיין, איז אַלץ טויזנט מאָל גלייכער פאַר דיר, — אַז דו זאָלסט אָפּשטיין פון זיי, זיי נישט נאָכגיין, און אינגאַנצן בלייבן הינטערשטעליק.

איז ער אַזוי געגאַנגען, אַ שטיק פּגע...

און ערשט אין שטאָט, וואו מ׳האָט זיך מיט אים אויפן גרויסן אָרט, אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ הייסגעבראָטענס, און יעדער איינער פון „נאַטשאַלסטוואָ“ איז געלאָפן קוקן אויף זיין שוואַרץ־וואונדער, האָט זיך יאָ עפּעס גענומען ביי אים רירן, און נעבאַך געזוכט אויסצומיידן די שטעכנדיקע אויגעלאַך, וואָס האָבן אים אַדורכגענומען מיט ענטציקונג און בלוט־דאָרשטיקע פרייד; און נאָכמער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אויפגעוואַכט טיף, ווי אַ גאַנצער פאַרשטענדיקער מענטש, ווען מ׳האָט אים אָפּגעטיילט פון

די אַנדערע צוויי לייט, און אַריינגעלייגט אין אַ תפיסה; איז ער דאָ געבליבן שטיין אַזוי ווי אויסגעניכטערט פון אַ שכרות, געקוקט מיט די אויגן, געדרייט די גאַלעס, ווי אַן אָקס:

— העט, פאַרוואָס דאָס אַזוי?...

— און פאַר ווען דאָס אַזוי?...

און ער האָט זיך שוין פאַר דער האַנט געפונען צווישן אַ באַנדע אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע סאָלדאַטן, דעזערטירן, מורדים, — אין אַ גרויסע, שמוציקע, קאַזאַרמע, אין אַ חזירים־שטאַל, וואו זיי זיינען געווען אַזוי צוזאַמענגעקוועטשט ווי די הינער אין אַ שטייג; אַלע צוזאַמען האָבן דאָ געשאָלטן, זיך געזידלט, געקלאָגט, אויסגערעט אויף די אָפיצירן מיט די גענערעלער אסור לדבר, וואָס ס׳איז אין דער קאָרט נישטאָ...

די קישקעס האָבן אים געשפילט אַ מאַרש, און ער האָט זיך פריער פאַר אַלעם צוגעכאַפּט מיטביידע הענט צום קעסעלע „יוזשקע“, געזופּט מיט אַזאַ אַפּעטיט ס׳הייסע וואַסער מיט די גרויפּן, פונקט ווי איינער וואָס שנאָרכט פון מיטן שלאָף־אַרויס; נאָר די אַנדערע זעלנער, חצי זעלנער, וואָס זיינען שוין נישט איינמאָל אַראָפּ־אַנטלאָפן פון פראָנט, אָדער סתם זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, און זיך אַזוי אַרומגעוואַלגערט מיט אַ באַזונדערע ליבשאַפט, קען זיין, אין די ערטער, האָבן זיך באַלד מיט אים ארומגענומען; אַזוי ווי געוואָלט דערגיין פון נאָך איינעם אַזעלכן פון זייער׳ס גלייכן — ס׳אַרא שטראָף ער האָט באַקומען, זיי זאָלן וויינקסטנס וויסן, מיט וואָס זיי וועלן האָבן אָפּצוקומען... און צוגעשטאַנען צו אים נישט קיין חלוק, אַזוי ווי צו יעדן איינעם פריש־צוגעקומענעם.

— ס׳אַרא פאָלק, ברודערל?...

— נישט קיין פאָלק...

— אַן אַנטלאָפענער?...

— ניין...

— און פארוואס האט מען דיך אהערגעברענגט?...

ער ווייסט נישט.

און איינעם, וואס זיין צורה, דעם יונגס, איז פון לכתחילה נישט זייער איבעריק געווען געפעלן, האט זיך אנגערופן:

— טרעט אים אפ; דער רוח ווייסט, ס'א שטיק חוש... אין דער דאזיקער מלחמה, האט מען נישט ווייניק מיט זיי זיך אפצוויאגן... כ'האב אליין געהערט, דערציילט א מעשה, ווען מ'איז געגאנגען אריין אין מזרח פרייסן, איז אונז ארויסגעלאפן אנטקעגן אזא חברה מאן, א שטיק משוגענער, און געסטראשעט מיט א פינגער: מ'זאל נישט אריינגיין אהער, ווארים ער וועט אליין גיין אויסזאגן פאר די דייטשן... נו, האט אים חברה צעשאסן, געמאכט פון אים א זיפ...

עפעס איינער, אן אלטער, וואס האט זיך גאר מיטגעשלעפט מיט זיין בין־יחיד אזש אהער פון פאלטאווער גובערניע, — מיט א גרויס אפיצערסקע היטל וואס איז אים געלעגן איבער די א.יגן.

— איז שוין אזוי גיך נישט אפגעטראטן פון אים.

— טי, גאלובטשיק, זאג מיר נאר: וואו מ'האט דיך דא צוגענומען?...

— אויפן וועג! — ווייסט ער צו זאגן, משה לופע.

— וואס האסטו געטאן אויפן וועג? — פרעגט ער אים.

— גאר נישט, כ'האב געוואלט גיין אהיים...

— וואו שטעקט דאס דיין היים?...

— אט־א־דא, הינטערן נאז, נישט ווייט, עטלאכע מייל וועג. אז מ'גייט גלייך מיטן שאסע — צענעמט משה לופע די הענט, ווי ער וואלט געוואלט דערגרייכן צו איר...

— כ'קען נישט דא די וועגן! — האט זיך דער אלטער רום פארטראכט, און געפרעגט ביי די אנדערע — וואס איז עס אזעלכעס אויף דעם שאסע, וואו דער יונג האט געוואלט גיין?...

— דער פראנט! — האט מען זיך צעלאכט.

— אזוי ?... אדורכגיין דעם פּראַנט האָסטו געוואָלט ?... — האָט דער אַלטער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ — אוי, ברײ־ערל, נישט גוט מיט דיר... גאָר נישט גוט... צו וואָס האָסטו עס געוואָלט טאָן ?...

און די אַרומיקע, אַז זיי האָבן דאָס דערהערט, איז ביי זיי שוין געווען אַ זיכערע זאַך, אַז דער יונג וועט קריגן ס׳שטריקל...

נאָר בלויז זיין גראָבער קאָפּ, וואָס האָט שוין אפילו יאָ עפּעס גענומען בעגרייפן, סתם אין דער וועלט אריין, — האָט דאָך אַלץ נישט געקענט אויסטראַגן, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן פאַר אַ מעשה־רע, מ׳זאָל זיך מיט אים וועלן מאַכן אַזאַ געבריי ?...

פאַר׳ן סאָנד, וואו מ׳האָט אים באַלד, אַזוי ווי דער טאָג איז נאָר אַוועק, — געשטעלט, האָט ער זיך אין־לי, געהאַלטן ביי ס׳זייניקע:

— ר׳האָט געוואָלט גיין אַ היים...

— וואו אַ היים ?...

— אָ, דאָ, אין שטעטל...

— מיט וואָס אַ היים ?...

— מיט גאָר נישט...

— צו וואָס אַ היים ?...

— גלאַט אזוי, ווייל ס׳איז אים אָנגעקומען...

— צו וועמען אהיים ?...

— צו לייביש־פּסח׳ן אין גאָרקיך; צום „וויאָרסט"... צו שמואל אריה׳ן... צו הירשל׳ן... און צו אַלע איבעריקע בעלי עגלות וואָס אויף דער ראָגאַטקע...

זיין משפּט איז פּאָרגעקומען אין אַ קליין זייטיג חדר׳ל, ביי דער אייגענער קאַזאַרמע; און ס׳קען זיין, אַז מ׳האָט אים אפילו נישט געמאַכט אויף דער מינוט, צוליב אים, נאָר פּשוט ווייל מ׳האָט נאָך אַנדערע, פון פאַר אים געברויכט משפּט׳ן פאַר אזעלכע און

ענליכע חטאים; און זיין מזל, אַז ר׳האָט גראָד באַדאַרפט אַנטרעפן אויף דער הייסער מינוט, מ׳זאָל אים אויך פאַרבעטן אויף דער חתונה...

ביי די עטליכע אָפּיצירלאַך, וועלכע זיינען דאָרטן געזעסן אַרום׳ן טיש, זיינען, פּון דער טונקלער אבאַזשור וואָס אויפ׳ן נאַפט־לאָמפּ, — זייערע פּנים׳ער אויסגעקומען מער עלטער און שאַר־פער, ווי זיי זיינען עס געווען אויף אַן אמת; און איינער פון זיי, וואָס האָט זיך געוויגט ווי אַ שכור, אַזן באַשטימט גאָר נישט געהערט ווי דער צווייטער האָט זיך געריסן איבער אים, משה לופּען:

— זאָג, צו וואָס דו האָסט דאָרט געוואָלט גיין?... ווער כ׳האָט דיך געשיקט?... און מיט וואָס?...

האָט ער געקוקט ווי אַן אָקס, משה לופּע, און אויף זיין פּנים האָט זיך, מערקווערדיק, גאָרנישט אומגעביטן פון יענעמ׳ס שרייען, סטראַשען און טופּען מיט די פיס; עס איז געבליבן אַזוי איינגן פאַר־גליווערט, נישט מער וואָס אין זיין מח איז עפּעס געבליבן שטעקן אַ נעראַנק, געבליבן שטעקן ווי אַ נאָדל.

— ס׳מוז דאָ עפּעס זיין אַ טעות מיט אים; און אַז מ׳האָט אים דאָ אָנגענומען פאַר עפּעס אַנדערש ווי דאָס וואָס ער איז אין אמת׳ן...

אָבער אָנשטאָט אַ מויל, אַ פּיסק, ער זאָל אַרוים מיט לשון, און נעמען ריידן פאַר פייער און וואַסער, — האָט גאָר אַ ביטע־רער פאַרדרוס, אַ פּייערל, ווי אַ קליין שפּילקע־קעפּל די גרוים, זיך אָנגעצונדן, און ער האָט זיך נישט געקענט שענקען דאָס ברע־פעלע נאַרישקייט צוליב וואָס די גאַנצע חתונה איז אַרויסגעקומען; נישט חלילה, וואָס ער האָט געוואָלט גיין אַ היים, וואָס מ׳האָט נישט געטאָרט, נאָר ווי וואָלט, למשל, געווען, — ווען ער זאָל נישט אָניאָגן דאָס זעלנערל מיט דער ביקס, וועלכער האָט אים באַדאַרפט אַהערברייינגען?... ווארים יענער האָט אים דען גענייט: ער זאָל יאָ גיין, נישט גיין, און אים געפירט ווי אַ הונט אויף אַ שטריציק?..

אַלמאַי האָט ער אים נאָך געהאַט נאָכצולויפן אַ מהלך וועג, און נאָך נאָכשרייען: „וואו לאָזט איר מיך אַליין איבער?...“ וואָלט ער נישט געווען פיל גליקלעכער געמאַן, ווען ער בלייבט הינטערשטע־ליק?... מיט אַלעמען הינטערשטעליק, און גייט זיך זיין וועג, וואו ס'האַרץ גלוסט אים?...

איין אפיציר ביי וועלכן דעם יונגס פּנים, האָט זיך טאַקע נישט מיט אַלעם אויסגעוויזן — האָט אים אַ קאַפּויערגעהויבן נ'קאָפּ ביי דער שפּיץ־גאָמבע, אַוועקגעמאַכט די אונטערשטע לעפּ־לאָך פון די אויגן, און געפרעגט:

— ביזט נישט אַמאָל קראַנק געווען?...

האָט ער אַלץ געהויבן מיט די אַקסלען, משה לופּע:

— ר'ווייסט נישט...

און מ'האָט אים צוגענומען פון זייערע אויגן, אין קאַזאַרמע...

געוואַוסט עפּעס מער, האָט ער נישט, דער יונג; און געזאָגט, האָט אים קיינער פון די אָפיצירען אויך נישט; נאָר די אַנדערע, וואָס זיינען אָנגעקומען פאַר אים און נאָך אים פאַר די אייגענע שופטים, — האָבן אים באַדויערט:

— וואָס ווייסטו נישט, ברודערל, אַז מ'וועט דיר געבן ס'שטריקל?...

זיינען די ווייסלען פון זיינע אויגן געוואָרן געל ווי געשלאָ־גענער וואַקס; די האָר, פּייכט און נאַס אויפן שטערן, — ווי אַ בייזע פינסטערע קריינק וואָלט זיך ביי אים מיט איינמאָל אָנגערופן...

אין קאָפּ איז געווען שטאַרק ענג, און ער איז געוואָרן גרויס, דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אַ געוויינטלאַכער קאָפּ, און שרעקלאַך שווער צו דערהאַלטן אויפן קאַרק; זיך געכאַפּט עסן פונם קעסעלע. און באַלד גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל — אַזוי האָט ער זיך אַראָפּגעלייגט אין אַ ווינקעלע, זיך איינגעדרייט ווי אַ חולה־וואַטע הונט, צוגעמרוזשעט מיט די אויגן, שווער געצויגן נ'אָטעם און געפּרייכט...

מ׳האָט אים גע׳עצה׳ט:

— אָנצושרייבן אַ בקשה צום קייסער...

אָבער אַנדערע האָבן געלאַכט:

— ביז וועןֿוואָס, אַהיןֿאוןֿאַהער, — האָ־האָ!... וועט ער זיך שוין פון לאַנג האָבן אויסגעלייכט, דער יונג..

— נאָר וואָס דען טוט מען, אַז זיי זאָלן וויסן, זיי האָבן אַ טעות? — האָט משה לופּע געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט עמיץ באַמערקט — ס׳איז בחנם; מ׳וועט זיי דאָס זאָגן, וועלן זיי זיך אויך נישט מאַכן וויסנדיק... אַ דאגה, זיי וועלן האָבן אַ מענטש ווענִיקער...

— אויב אַזוי, איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך...

און דער קאָפּ האָט זיך אים צעברענט, צעגליט; נישט געקענט מער שלאָפן; קוקנדיק — געוואָרן אוים מענטש, אויסגע־גאַנגען ווי אַ ליכט; ביי איטלאַכן טריט וואָס אין דרויסן, סקריפּ פון טיר, האָט עס אָפּגעשלאָגן ביי אים אין האַרץ, און זיינע אויגן האָבן גענומען לייכטן אין דער פינסטער ווי צוויי גרינע פלעמלאַך; צוגעמאַכט די אויגן, — דערזען ס׳שטעטל, די ראָ־גאַטקע, שמואל אריה׳ן, לייביש־פּסח אין גאָרקיך, דעם „וויאָרסט“, און זיי דערציילט ווי אויף חדושים, ווי מ׳האָט אין אים אַ טעות געהאַט; און נישט מער און נישט וויניקער ווי געוואָלט אים הענ־גען, ווייל ער האָט געוואָלט גיין אהיים, זיך אביסל פרייען מיט זיי, כאַפּן אַ גלעזל בראַנפן, און זיך טאַקע אויך אביסל אַדורכפאָרן מיט אַ וואָגן איבער׳ן מאַרק, ווי ער קען — פאַר וואָס דאָס נישט?...

און זיך אויפגעכאַפּט, ווען מ׳האָט אים געשלעפּט פאַרן אַקסל: „שטיי אויף... מ׳וועט דיך באַלד לייגן שלאָפן...“ און דערזען: דער טויט שטייט אים פאַר די אויגן... האָט דער כח־הדם זיך ביי אים צעשפּילט, די פינסטערע גבורה זיך אָנגערופן, זאָון זיך איינ־געבויגן ווי אַ ווילדער אָקס, גרייט צו שטויסן מיט די הערנער...

עמיץ האָט ערגעץ פאַראַכטליך אַ שאָסנעטאָן מיט אַ מויל שפּייעכטס אויף דער ערד.

— די כאַליערע ווייסט : צו זיי זאָלן זיין אזוי בלינד און פאַרנאַרט, און אויף אַן אמת נישט ווּיסן, אַז זיי גייען אומברייננגען אַ שטיק משוגענעם, אַ פאַרנאַרטן...

און אַ צווייטער האָט זיך איבערגעדרייט אויפן געלעגער, אַריבערגעשלעפּט די אָפּגעקראַצכענע קאָלדרע איבערן קאָפּ, און זיך אָנגערופן ווי ס'וואָלט שוין ביי אים געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך :

— וואָס ווייסטו נישט, ברודערל, אַז אין דער איצטיקער מלחמה, ריכטן זיך אַלע משוגעים און פאַרנאַרטע אויס אַ ווייסטן כּוח...

דער פּלעס

אין שטוב האָבן זיך ארומגעדרייט צוויי מיידלאַך, דערוואַקסענע, וואָס וואָלטן אפשר ערגעץ־אַנדערש־וואו געווען אַ ברכה, און דאָ געטריקנט ווי צוויי אויסגעוואַקסענע פון דר׳ערד זאַנגען, אָן אַ קאָפּ רעגן איבערן קאָפּ.

זיי האָבן זיך געגנוג שיין צוגעקליבן, די מיידלאַך, און ס׳האָט אַלע מאָל פון זיי אַראָפּגעשמעקט ; די הויכע ליכטיקע קעפּ האָבן זיך אויף זייערע אַקסלען געוויגט, און אין דער לעבעדיקער וועלט אַריין, וואו זייערע אויגן האָבן מונטער געקוקט, — האָבן זיי פונדעסטוועגן קיין שום אינטערעס צו זיך נישט ארויסגערופן, פונקט ווי זיי וואָלטן נישט געווען מיט אַלע אַנדערע מיידלאַך צוגלייך, געבענטשט מיט וואַרימע הערצער, וואוילע געזיכטער און גלוסטיקע קערפּער.

און נישט בלויז וואו זיי זיינען געקומען, די מיידלאַך, איז מיט זיי געווען ליידיק ס׳אָרט, נאָר אפילו דאָרט וואו זיי זיינען פון תמיד געווען, אין זייער אייגענער היים ; גאָרנישט ווי ס׳גיט זיך אין הייזער, וואו ס׳זיינען פאַראַן דערוואַקסענע מיידלאַך, — יונגע לייט זאָלן זיך צוזאַמענקומען ; די פרייליכע יונגקייט — אַדורכשפּאַרן די ווענט, פאַרכאַפּן, וויינקסטנס, אַ שמאָל שטיקעלע פון ברייטן, זייער ברייטן דרויסן...

אַן אָפּגעטאָן הויז. צוויי פענסטער צו דער גאַס, — איז אויך די שטוב פון אינוויייניק תמיד געווען פאַרשטעלט מיט טונקעלע פאָרהאַנגען ; בלויז אַנטקעגן אוונט האָבן זיי זיך צעגומען, די פאָרהאַנגען, און אויף אַזוי פיל, אַז די צוויי פול־אויפגעקעמטע און רונד־אָפּגעטאָקטע קעפּ, זאָלן בלייבן איינגעפּאַסט, און קענען אַרויסקוקן פון צווישן זיי...

און אזוי ווי די צוויי מיידלשע קעפּ האָבן פאַר יאָרן צייט, יעדן אָוונט ארויסגעקוקט פון די פענסטער, — איז שוין דאָס ביי איטלאכן געווען אזוי נאַטירלאַך, אזוי ווי ס'וואָלט שוין אזוי באַדאַרפט זיין פון זייט־ווען, האַ־האַ, וואָס קיינער גערדיינקט נישט מער, און פאַר אַלע מאָל אויך...

האָט געטראָפן: אז ס'האָט זיך עמיץ יאַ פאַר'ן פענסטער אַ צאַפּלגעטאָן; אז די גרויסע אויגן פון די צוויי אזוי ווי פאַר־גלאָזטע קעפּ, — האָבן וועמען געפּאַקט, אים געהייסן בלייבן שטיין, און קוקן — — — איז אָבער נאָכמער חדוש געווען: וואָס יענער איז פאַר אַ גאַנץ קליינער ווײַלע שוין געבליבן מיט אַלעם אָפּגעקילט; און נאָך מיט אַ ווײַלע — שוין אויך מיט גאָר נישט אוועקגעגאַנגען...

האָט דער יעניגער אפילו אליין געמעגט חלש'ן נאָך אזא בילד־שיינעם קאָפּ, באַלד אויסגיין, האָט ער זיך פונדעסטוועגן אָפּגעטראָגן, אזוי ווי פאַר אַ שאָטן; אזוי ווי די קעפּ זאָלן האָבן געווען אריינגעשטעלט אין אַ טונקעלן שאָטן; און — אַוועקגייענדיק שוין מער אין זיי נישט געדענקט, פאַלקאָם געהאַט פאַרגעסן...

און דאָס אויך האָט בלויז געקענט טרעפן מיט אזעלכן, וואָס איז דאָ פּלוצלינג, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן; ווייטער, פאַר אַלע איבעריקע, וואָס אויף די גאַסן פון דעם דאָזיקן שטאָט־פּערטל, האָט שוין יעדער איינער געהאַט די קעפּ פאַר די אויגן, און בלויז דערנסטמאָל, אז זיי האָבן אויסגעפעלט צו זיין אין די פענסטער, זיך גע'חדוש'ט:

— העי?... איז מעגלאַך, אז די פענסטער זאָלן קענען בלייבן צו דער צייט איין ווײַלע ליידיק, אָן די צוויי קעפּ פון די מיידלאַך?...

די צוויי מיידלאַך זיינען נישט געוואַקסן פון דר'ערד ארויס; מיט זיי אין שטוב איז אויך געווען אַ מאַמע, וועלכע איז גראָ געוואָרן אָן יאָרן, און אַ טאַטע, וואָס האָט גיכער אינגאַנצן קיין טאַטע נישט געמעגט זיין; ווייל, ס'איז אים אַ פּנים, אַ קנאַפּער חלוק געווען,

אויב די מיידן זיצן שוין אזוי באַלד צוואַנציק יאָר אין די פענסטער, אָדער זיי האָבן ערשט נעכטן, אייערנעכטן אָנגעהויבן זיצן.

אַן אָפּגעטאָגענער טאַטע; אָפּגעטאָן פון דער שטוב, און פון די קינדער, — האָט ער זיך ביי זיין לעבן ארומגעדרייט אויף די וועגן פון דער גרויסער שטאָט, און מיט זיינע פינסטערע בליקן גיריק געראַבעוועט ביי מענטשן דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג; געקומען דאָ אַהיים איז ער, דער פון אייביק גאַל־ביטערער, נישט באַרואיק־טער, אזוי ווי פון וועמענס הענט־אַנטרונענער, און געלעגן דאָ, צו באַדאַרפט איבערליגן אזוי לאַנג און אויף אזוי פיל, ביז ס'וועט דאָרט מיט אים שטיל ווערן, אָדער צייטיק זיין דער רויב, וואָס זאָל אים נאָכגיכער פון דער שטוב ארויסנעמען...

מער ווי זיין צעטראָגנקייט, ווילדער רשעות, וואָס האָט אזוי, בעת זיין זיין אין שטוב, — מערדערלאַך דערשלאָגן און צוגעליינט די ביידע מיידלאַך, זיי די קעפּ אַראָפּגעהאַקט, אָפּגעשניטן די יאָר, — מער ווי דאָס גוטס האָבן זיי פון אים קיינמאָל נישט געהאַט; נאָר וואָס שפּעטער, איז די מאַמע זייערע אויפגעשטאַנען איבער אים, און אים געפּרואווט בייקומען, זיך אַדורכרייסן דורך דער אומרואיגקייט צו אים, און אים דערנענטערן צו דער שטוב, צו די קינדער:

— יאָ, ס'איז געווען גוט... און כ'האָב דיך נעקענט לאָזן לויפן, ווען די ביידע מיידלאַך זיינען געווען קליין; ס'איז נישט געווען ווער, וואָס זאָל דיך אָנגיין... אָבער איצט, ווען זיי זיינען שוין אזוי גרויס און ווערן אַלט אָן יאָרן, — קענסטו זיך נישט אָפּהאַלטן אויף אַ טאָג, אַ שעה, און זיך פאַרטראַכטן וועגן זייער גורל?... וואָס זייער סוף וועט זיין?... טראַכטן כאָטש, אויב די קענסט זיי נישט העלפן?... און ווייסן, אז זיי גייען דיך אָן, זיינען דיר אַן עול אויפ'ן קאָפּ?...

אָבער דער טאַטע איז געווען אויסגעטאָן פון דער שטוב, און פאַר זיינע קינדער נישט געלעבט; נישט געהאַט דאָס געפיל, דאָס פאָטערליכע געפיל, וואָס זאָל דערשפּירן זייער צער; ער איז אזוי

ווי פון אייביק געווען געבוירן און אריינגעטאָן מיט אַלע זיינע חושים אין רויבן, און מיט אזוי פיל קאַלטבלוטיקן אויסדויער געלעגן אויף די וועגן, זיי אָפּגעהיט, ביז ס'וועט אַ מענטשעלע צו אים אריינפאַלן... כיק־כיק... איבערפּירן דאָס קלינגל איבער'ן גער־געלע, און לאָזן פאַר אַ ווײלע זיך אזוי שיין צאַפּלען אין זיינע הענט...

גערדאַרט האָט די מאַמע; גערדאַרט פון אייביק צוליב דעם ביטערן מאַן, וואָס איז צו איר אַליין אויך נישט מער געווען ווי אַ שטיק גיפט; און געגלויבט, אַז זי איז, נישט אַנדערש, ווי אין איר מאַמעס בויך פאַרשאָלטן געוואָרן, מיט אַזאַ מכשף אָפּצופּינסטערן איר לעבן...

אָנגעהויבן שטראַלן האָט זי ערשט, די מאַמע, ביי אירע קליינע מיידלאַך, — מיט יענער מוטערלאַכער פרייד, וואָס זי האָט נישט געבוירן קיין גיפטיקע הינט, ווייל אזוי הפקר ווי מיט אַ הונט האָט זי געלעבט, — נאָר פיינע שפּראָצונגען, איידעלע קינדער, וואָס קענען זיין אַ פרייד פאַר יעדער שטוב, און פאַר יעדן הארץ.

אָבער איר פרייד, וואָס איז לכתחילה אזוי שיין איפּגעגאַנגען, איז נאָכגיבער פאַרגאַנגען, מיט די יאָרן וואָס די בײדע מיידלאַך האָבן פּלוצלינג אויף זיך אָנגעהויבן נעמען, און געבליבן זיצן... דאָס איז איר אין פּלוג נישט אין קאָפּ אריין, אָבער באַלד דערנאָך שוין גענומען ארומלויפן אַ פאַר'סם'טע איבער די גאַסן, שרייען אין דער וועלט אַריין:

— וואָס ווייכט מען אזוי פון די מיידלאַך אירע ?... אין אַז זייער טאַטע איז שוין אַ גזלן, אַ רוצח, אַ כל־בו, — וואָס זשע האָט עס צו טאָן מיט אירע קינדער, וועלכע זי האָט מיט אַזוי פיל ווייטאָק אויסגעפּיעשטשעט אין דעם שלאַנגען־נעסט, און אַזעל־כע זיידענע, טייערע קינדער פון אים ארויסגעבראַכט ?...

ביז זי איז מיד געוואָרן שרייענדיק, און זיך אריינגענומען אין קאָפּ אריין, די מוטער פון אירע קינדער, וועלכע זיינען אַליין

כשר׳ע, ערלאכע, און מיט אלעם גוטן געבענטשט, — אז זייער וועלט איז זיי אונטערגעגאנגען נאר דורך דעם פינסטערן טאטן זייערן... און אז עס בעלט זיי נישט מער ווי די שטיקער וועלט, וואס זיינע הענט האבן ביי מענטשן אויף די וועגן צוגענומען; די שרעק, וואס ער האט זיי געמינע־ט ביים רויבן, — דערווייטערט די גאנצע וועלט מענטשן פון זיינע קינדער, פון זיינע אייגענע קינ־דער...

און זי האט גענומען פון צרות איינגיין; אוועקקומען לעבע־דיקערהייט; געבליבן איז בלויז ביי איר אזוי אומפארענדערט, דער קאפ, אזוי גרויס ווי ער איז געווען, און אפשר גאר זיך נאכמער אויסגעוואקסן, נאר — אויף א קליין קערפערל, א דינ׳ס, וואס האט אין אנהויב פון די מיטעלע יארן שוין אויסגעזען ווי דער קערפער ביי א זקנה, א ניינציקערן...

דער פאטער פון די מיידלאך, ווי זעלטן ס׳האט אים נישט אהיים־געבראכט, אויף איבערצעווארטן די צייט, ביז זי וועט פאסיק ווערן פאר׳ן רויבן, — האט נאך געהאט אויף אזוי פיל חוש, צו זען איטליכס מאל דאס אייגענע ווייב אין אן אנדער געשטאלט; און דאס העלישע רויב־פייער וואס האט אים תמיד געהאט פארנומען ביז איבער די אויערן, האט אים פאר א רגע אויסגעלאזן, און ער האט גענומען מרוקען, פירכטלאך מריקען:

— וואס פאר א ווארים טאטשעט דיין לייב, און צופרעסט אים?..

און זי, אויב איר מזל האט א מאל יא געשיינט ביי אים; און זיך נישט געמאכט, נישט געוואלט מאכן פון די קלעפ, זיי געזוכט צו פארגלעטן דערמיט, וואס זי איז אפגעזעסן וואכן און מער אין שטוב, צוליב אן אינטערגעשלאגן אויג, אויסגעלינקטן אבר, געשוואלענעם ארעם; און אפשר גארנישט געשפירט דעם ווייטאק פון די אונטערגעשלאגענע אויגן, ווען ס׳האט צו זיי אומ־שולדיק געלאכט א פיצל אומפארשטענדיק פייגעלע פון דער האנט

אראָפּ; און נאָך, נאָכוויייניקער שוין געליטן שפּעטער, ווען די קינדער זיינען געוועזן מער דערוואקסן, און פול מיט ליבע און צערטלאַכקייט דעם קראַנקן אָרעם געהיילט...

זי, די מאַמע, וועלכע האָט נאָר רק געוואָלט איבערקומען, איבערקומען, פארשטופּן די יאָרן, וואָס מער און וואָס גיכער, ביז די קינדער וועלן גרויס, גאָר גרויס ווערן, און אָנהויבן לעבן פאַר זיי, פאַר די קינדער אירע, — איז געבליבן שטיין אנטקעגן אים הימל־ברייט אויפגעפראַלט, ווי דער ים פול אנגעלאַדנט, און אנגע־הויכט ווי די וועלט; און דער גרויסער קאָפּ אויף איר דינעם קארק האָט זיך אָנגעצונדן, געגומען ברענען מיט יסורים פון אלע קלעפּ, וואָס זי האָט פון אים באַקומען אין אלע צייטן:

— אויב די וועלט איז פאַר זיי אָפּגעשניטן, וואָס האָב איך ווידער געהאַט פון דיר אזוי פיל און בחנם צו ליידן ?...

איז דער אלטער צעטראָגענער רויב־פויגל אויף א ווײַלע ארויס פון זיין צעטראָגנקייט, און געבליבן זיצן אין שטוב, שוין נישט אזוי ווי אויף איבערצעווארטן די צייט, ביז זי וועט פּאַסיק זיין צום רויב, נאָר ווי א פּאָטער, א טיפגעקריינקטער טאַטע, וואָס פילט פילייכט נישט ווייניקער פאַר איר דאָס צער, און נאָר ווייל ער קען ווייניק־וואָס העלפן, — זיך ווילד צעשריגן:

— כ'קען שעכטן, אויפשארצן בייכער, אָבער נישט צוליינן

יענעם א מעסער צום האַלז, — אויב דו ווילסט נישט ווערן מיין טאָכטער'ס מאַן, שנייד איך אים דיר איבער! סיי, אויב זיי באַשטיין אויף יענע לייט, וואָס העלפן מיר ארויס; האַלטן צו די הענט ביים שטיקן... זעצן זיך ארויף אויפ'ן בויך.. אויף די פיס... וואו מ'קען...

האָט דער גרויסער קאָפּ די מאַמעס, וואָס האָט העל־רויט, העל־גרין, אזוי וואונדערלאַך געפלאַמט — זיך גענומען לעשן,

ווערן טונקלער, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז מיט דער רגע וואָס ער ווערט מיט אַלעם טונקל, און לעשט זיך אויס, איז ביי איר אויס מיט אַלעם...

און ער האָט אָפּגעהאַקט.

אין פינסטערן אַלקער, וואו זייער פּאָטער פּלעגט איבערקומען די צייט, איז ער יעדעס מאָל דאָרטן אַזוי שווער געלעגן, געבראָפּעט, מערדערליך געפּייפּט מיט דער נאָז, פּונקט ווי אַ געבונדענע חיה; און פון דער מאַמען, וואָס האָט אים באַדאַרפט אָפּהיטן, איז געווען אַזוי שטיל, אַזוי מערקווערדיק שטיל, גראָד ווי זי וואָלט דאָרטן גאָר נישט באַדאַרפט זיין, און אויב יאָ — ליגן צוגעלייגט אונטער אַזאַ שווערע משא, זי זאָל אפילו נישט קענען דעם אָטעם כאַפּן...

די מיידלאַך פּלעגן דאַן שטאַרק איבערקלערן וועגן דעם גורל פון זייער מאַמען, ליגן אין איין טויט־שרעק, און אָפּוואַרטן די מינוט, די רגע, ביז זיי פּלעגן איר דערלעבן צו זען אַרויסקומען נישט צעשלאָגן, און מיט אַ ריין פּנים, — ערשט אויפהויבן די הענט:

— נאָר אונזער בעטן, גוטע, טייערע מאַמע, איז דיר בייגע־שטאַנען, וואָס דו ביזט אים איבערגעקומען, און גאַנץ אַרויס פון זיינע הענט...

און איצט, ווען דער גזלן איז מיט איינמאָל געוואָרן אַ טאַטע: און ס'האָט אים אַזוי מורא'דיק אָפּגעשראָקן דאָס פינסטערע איבערבלייבעניש פון זיין ווייב, און געווען גרייט זיי צו ברייינגען וועלכן פון זיינע יונגען, וואָס העלפן אים אַרויס ביים רויבן; וואַרפן אַרויף אַ זאַק איבער'ן קאָפּ... שיטן זאַמד אין די אויגן...

האָבן זיי, די מיידלאַך, ווידער דערזען דאָס אָפּגעהאַקטע לעבן, די מאַמע'ס; געהאַט פאַר די אויגן דאָס פינסטערע גע־שטאַלט איר'ס, ס'טויטע פּנים, ווען זי פּלעגט אַרויסקומען פון אַלקער, און ברויכן גומל בענטשן בלויז פאַר אַ צעשלאָגן אויג;

און זיינען אויפגעשטאַנען אויף אים, גאַרנישט ווי שטילע טייבע־לאַך, נאָר ארויסגעשטעקט ווי די קליינע טיגערלאַך, די שאַרפע נעגל:

— זיי וועלן די לייט די אויגן אויסרייסן, די פּנים׳ער אָפּשיילן, אויב זיי וועלן פּרואוון קומען איבער דער שוועל פון דער טיר...

האָט דעם טאַטן דאָס בלוט, וואָס איז אפילו אין די גוטע צייטן ביי אים געווען אין די אויגן, — זיי אויפּאַמאָל אינגאַנצן פאַרגאָסן, און זיין שווערע האַנט האָט זיך אויפגעהויבן איבער זיי אַרונטלאָך צו דערלאַנגען, און איז אַזוי שווער ווי ביים רויבן, — אַראָפּגעפאַלן אויפ׳ן ווייב׳ס גרויסן קאָפּ, וועלכע איז נעבאָך אונטערגעלאָפן אַפּראַטעווען די קינדער; און ער האָט דערלאַנגט אַ שאָס, דער קאָפּ, אַ הילכגעטאָן, און איינגעפאַלן ווי אַ געפּלאַצטער פענכער... קליין געוואָרן... זיך צוזאַמענגענומען, אַ בלעזל... און זיך שוין מער נישט אָנגעזען אפילו אויף דעם, לפּי־ערך, פאַר־העלטנישמעסיק קליינעם קערפּער אירן, וועלכער האָט זיך איצט אַזוי ווי אויף צו להכעיס געפּלייסט גרעסער צו ווערן, און לענגער אויסצוזען...

די שטוב איז נאָך דער מוטערס טויט נישט איינגעפאַלן, געבליבן ווייטער שטיב, בלויז דער אַלקער איז געבליבן פאַרוויסט, ס׳האָט נישט קיינער מער געהאַט אין אים צו שלאָפן; דער פאָטער האָט אויך אויפגעהערט נאָכדעם צו קומען שלאָפן דאָרטן, אָדער, סתם ליגן, ווי געוויינטלאָך, ער פלעגט אַלץ אינאיינעם באַדאַרפן איבער־ליגן אַ צייט, ביז ס׳וועט מיט אים ווערן שטיל, און ווידער פאַ־סיק זיין צום רויבן...

אַמאָל, אַמאָל פלעגט ער ראַפּטום אויפמאַכן די טיר, זיך בגנבה אריינרוקן, נאָר נישט ווי ער וואָלט בדעה געהאַט דאָ צו זיין, נאָר אַזוי ווי דאָס אחריות פאַר די מיידלאַך וואָלט אים אָהער־

געבראכט; נישט געלאזט אים דארטן אין ערגעץ, דער רוח ווייסט, וואו, — איינליגן; און ארומזעענדיק זיך, אז די מיידאלך זיינען מיידלאך, די שטוב — שטוב, צוריק אנטקומען ווערען, אזוי גיך און פלוצלינג ווי קומען...

די מיידלאך זיינען אליין געווען מיט דער שטוב; איר אפגעהיט, באדינט, אזוי ווי א הייליק איבערבלייבעניש פון זייער גרויסער מאמען; און ס׳האט איצט אויסגעזען ווי זיי וועלן זיך שוין אזוי עלטערן מיט איר, ביז די שטוב וועט זיי אויף די קעפ איינפאלן...

ביז דאן, פלעגט זיך נאך באוועגן, ווי א טיף ווייך געבעט, דאס מאגערע געשטאלט פון זייער זעליגער מוטער, וואס פלעגט אנאויפהער ארומוואגלען, בעטן רחמים, צווישן באפעלקערטע גאסן, אלצאיינס, ווי אויף זאמדיקע מדבריות, — אבער דאך געווען א גע־בעט, וואס האט ווען־נישט־ווען, לאמיר זאגן, דאך געקענט דער־ווארימען א הארץ, רירן א שטיין...

מיט איר אפשטארבן, ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, האט שוין זייער וועלט אינגאנצן געזאלט האבן אונטערגענאנגען; און ס׳זאל נישט זיין מער קיין תקוה צו זיי; עמיץ וואס זאל זיך קימערן, — אויב זיי לעבן, די מיידלאך, גייען אום און ווארקען ווי צוויי אלטע טויבן, אדער גייען ארום זינגען, קאנאריקלאך אונטער פרעמדע פענסטער...

און — — —

ס׳האט זיך אויפגעמאכט ברייט די טיר, דער פאטער איז ארייגעקומען, אנדערש ווי אלע מאל, און מיט זיך מיטגעבראכט א פרוי, פאר איר פארגעשטעלט:

— דאס איז די שטוב.. די קינדער... די מיידלאך מיינע...

א נידעריקע פרוי, אויפ׳ן קוק: דער טאטע, זיינע קעציש־לייערנדיקע אויגן, פארשניטן פנים, און זי איז גלייך מיט׳ן ארייגקומען אירן שוין געווען אזוי היימיש, אויסגעקאכט מיט דער שטוב, מיט׳ן קלענסטן ברעקעלע וואס אין דער שטוב, פונקט ווי

זי וואָלט שוין פון יאָרן אהער דאָ געזאָלט זיין, האָבן פאַרקערט מיט איר, אָדער כאָטש מיט׳ן בעל־הבית פון הויז, אַז מ׳זאָל קענען האָבן אַזאַ דרייסט צו אַלעם וואָס קער זיך אָן מיט דער שטוב פונ׳ם בעל־הבית...

— צו וואָס האָט דער פאָטער די פרוי אהערגעבראַכט? — האָבן זיך די מיידלאַך אָנגעצונדן, — וואָס, איז די שטוב נישט גענוג שיין געווען אין זיינע אויגן, ווי זיי האָבן איר געהאַלטן?...

ווארים, איר באַנעמען זיך, דער פרוים, צו דער שטוב, האָט זיי גאָר־גאָר אונטערגעהויבן; יענע האָט זיך גלייך פון דער ערשטער רגע געוואָרפן מיט אַזאַ אימפּעט איבערשטעלן זאַכן, וואָס זיינען שוין פון יאָרן אהער געווען איינגעשטעלט; ארויסוואַרפן אַזעלכע אַנטיקן, ווי צום ביישפּיל, די אַלטע פאַרוועגלטע בלומעלאַך פון זייער מוטערס וועלאָן, וואָס זי האָט געטראָגן צו דער חתונה מיט זייער פאָטער; און גלייך דערשמעקט, אַז איר רייסן שטיקער פון די ווענט ווערט נישט געטאָן פון אַ מענטש, וואָס האָט נישט מער ווי אַ קליינע ווײַלע דאָ צו זיין, נאָר וואָס קלערט שוין מער נישט אַוועקצוגיין, ווייל זיך באַזעצן, און אַזוי איינשטעלן אַז ס׳זאָל איר זיין צום האַרץ, און נאָך איר געשמאַק...

און די צוויי פאַרעלטערטע, בטבע שטילע מיידלאַך האָבן זיך אָנגעצונדן, גענומען קוואָקען ווי די אַלטע הינער; כאָטש די פרוי האָט גאָר נישט גערענקט, אַז דאָס זאָל אַזוי די מיידלאַך פאַרדריסן, און ווי נישט פאָרט געזוכט נושא־חן צו זיין ביי זיי, — האָבן זיך די מיידלאַך רק אָפּגעשאָקלט פון איר, פון איר איטלאַכן קער און טראָט, צוזעענדיק, ווי יענע פּלייסט זיך אויסצואוואָרצלען יעדן זכר פון זייער פאַרשטאָרבענער מוטער מיט׳ן וואָרצל, איר אָפּמעקן מיט אַלעם פון שטוב, אַזוי ווי איר געביין וואָלט דאָ גאָר קיינמאָל נישט געווען...

דער פאָטער וואָס איז איצט ניכער געווען באַנאַנד מיט דער שטוב, האָט זיך געוואָלט צושאַרן צו זיי, און זיי האָבן זיך אָפּ־

גערוקט פון אים, זיך דערוווייטערט ציטערנדיק אַפּטמאָל מיט די קערפּער פון גרויס כעס:

— אהא! ער וויל גיין זוכן אַ היתר אויפ׳ן פרישן ווייב, דערמיט וואָס ער וועט אונז צושמייכלען; פון דער העלער הויט ווערן אַ טאַטע, וואָס ער איז ס׳גאַנצע לעבן נישט געווען...

די מיידלאַך זיינען געווען פלאַם־פייער; די שטוב האָט מיט זיי געברענט; דער אַלטער פאַטער זייערער איז געווען אין קלעם, זיך נישט געקענט העלפן; ס׳האָט אים גענומען ברענען אַ כעס, יענער כעס, וואָס האָט אים אַרומגעטריבן אויף די וועגן, נישט האָבנדיק ס׳רוב מאָל מער ווי די בלויזע הנאה פונ׳ם פאַרגיסן בלוט; די זעלטענע הנאה פון יענעם׳ס שרעק און צאַפּלען זיך, און איר געוואָלט איך דערשפּירן אין דעם ווייכן פלייש פון זיינע טעכטערס העלזער, — און באַלד דאַרויף אָפּפאַלן, ווייט־ווייט אָפּ־פאַלן, ביז צו אַ דערשלאָגן בחור׳ל, וואָס מ׳האָט געכאַפּט ביי זייער אַ מאוס׳ע מעשה...

ס׳האָט אין אים געזאָטן די שטילע רציחה, וואָס פון אייביק, און זי איז געוואָרן אַ שרייענדיקע ביי אים; זי האָט גענומען אַרויסשרייען פון אים, און מיט די מורא׳דיקע געשרייען געוואָלט איינגעמען די טעכטער, אָבער די טעכטער האָבן זיך נישט געלאָזט איינגעמען; זיי זיינען געווען שטייף, פאַרביסן, נישט אויפגעהערט ברענען, בלאָזן אין בלאָז־זאַק, אַז ס׳פייער זאָל זיך אַלץ מער צעשפּרייטן...

די פרוי האָט געזען, ס׳איז אַזוי, האָט זי צוגעהאַלטן דעם אַלטן אין שטוב, אין אים נישט אוועקגעלאָזט:

— זי וויל נישט בלייבן אַליין אויף גאַנצע טעג צווישן שונאים, וואָס ווילן זען איר בלוט...

און דער אַלטער גזלן, ליגנדיק איבער דער שטוב, האָט זיך געוואָרפן ווי אַ געבונדענער אין תפיסה; ס׳האָט אים געברענט אַ ווייטאָק, אַ צווייפאַכער... יענער וואָס פון דער פאַרשטאָרבענער

ווייב זיינער, — ווערכן ער האָט נישט ארויסגעוויזן, און אפשר, אויך נישט געקענט ארויסווייזן אזוי אָפן ווי זי, די מוטער זייערע: אז ער עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט, וואָס זיינע קינדער ברויכן איבער אים פארזיצן... ס'איז נישט געווען אין זיין נאטור... און נאָכמער, וואָס זיינע קינדער קענען זיך נישט דארויף, ווייסן נישט אז ער ליידט נישט ווייניקער באַר איר, די מאמע, ווי ווען זי האָט געלעבט, און ברויכט דערצו זיין דער שלעכטער ביי זיי אין די אויגן, דער היצל...

ס'האָט אים ווייגעטאָן, וואָס זיי קענען זיך נישט אויף דער פרוי, און ווייסן נישט, אז ער איז איינגעגאנגען איר צו נעמען אין שטוב אריין, נישט ווייל ער האָט איר געוואָלט האָבן... איר... זיך גענייטיקט אין א ווייב.. נאָר ווייל זי האָט געדארפט זיין פאר זיי די ריכטיקע ישועה... זי האָט געהאט דערוואקסענע זין, און אזעלכע זין ווי ער אליין האָט זיך אויך געוואונשן באַר זיי צו האָבן, — שטילע, איינגעהאלטענע, יונגעלייט; און נישט ווי ער פלעגט, פון גרוים פארלעגנהייט, ווען מ'איז אים דערגאנגען די יאָרן, זאָגן: ער וועט זיי ברייננען פון יענע לייט, וועלכע העלפן אים ארויםביים רויבן, — וואָס ער אליין וואָלט געווען דער ערשטער זיי די קעפּ אראָפּצושניידן, אויב זיי וואָלטן באמת זיך צוגערירט צו וועלכער ס'איז פון זיינע מיידלאַך...

— נאָר גיי, דערצייל דאָס די מיידלאַך, און זאָלן זיי אים דאָס גלויבן, ער זאָל זיך באלד ס'הארץ אויפשניידן; זיך אפילו אויסציען זיי אין די אויגן!...

אז די מיידלאַך האָבן בלויז געזען דאָס, וואָס ער גייט אריין שלאָפן צו איר אין אלקער, איז ער שוין דערמיט אליין געווען געננוג טריפה; דער ערגסטער מענטש אין דער וועלט... א רשע... א צורר... וואָס איז נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים, און מ'ברויכט אים פארשטיינען... און נישט אזוי ווייט אים, ווי —

איר, נישט פאַרגינענדיק איר, וואָס אַזאַ עלטערע פרוי זאָל זיין מיט וועמען, און זיי, עלטערע, דערשטאַנענע מיידלאַך זאָלן ברויכן אַפּוויסטן אַליין...

— כע־כע... גיי און גלויב אים, צוליב וואָס און ווען ער טוט עֵם?...

און אפשר גאָר געווען פאַרביטערט צוליב אַן אַלטע שנאה, וואָס פון פאַר זייער מוטער:

— איצט ליגט ער אין דער שטוב, היט אָפּ דאָס ווייב, און פריער ווען זייער מאַמע האָט געלעבט איז ער ערגעץ־וואו געלעגן אין דר׳ערד; דער נוטער יאָר ווייסט אים, אויף די ראָגן...

און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— זי זאָל אים גיין ברייננגען די זין אירע, אין שטוב אריין...

די מיידלאַך האָבן נאָך דענסטמאָל געפּרואווט אויפשטיין, אויפשטיין מיט דער גאַנצער גבורה, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט; נישט אַנדערש, נאָר ווי ס׳וואָלט זיי פאַרגעשטאַנען מיט׳ן קומען פון אירע זין, אפילו דאָס לעבלאָזע לעבן זייערס אויך צו פטר׳ן; און שרעקלאַך מורא געהאַט, נישט אַריינצופאַלן ביי זיי אין יענעם אייביקן גהנים, אין וועלכן זייער מוטער איז געוואָרן געפייניקט, ביז זי האָט איר לעצטן אָטעם אויסגעהויכט... והא ראיה: די פרוי אַליין?... אויב זי האָט געקענט איינגיין מיט אַזאַ גרינגע לונג־און־לעבער צו נעמען איר פאָטער, כע־כע... וואָס פאַר אַ פיינעלאַך קענען שוין זיין אירע זין, אויב נישט געראָטן אין זייער טאַטן, און אפשר נאָך מיט אַ שמיציק אַריבער?... און ווי שייך, האָט זי פריער נישט געזאָלט וויסן, מיט וואָס זייער טאַטע שמעקט?

אָבער אירע זין האָבן די מיידלאַך יאָ איינגענומען, אַז זיי זאָלן נישט אַזוי דרייסט און אָפן שפּרינגען אין פנים אַריין; בלויז מיט׳ן אַריינקומען פון מענער, סתם מענער, האָט אין דער דאָזיקער שטוב, וואָס איז געווען אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, ערגעץ אויסער־

האַלב די וועלט, — עפּעס אַ צימערגעטאָן, אַ ווינט אַדורכגעלאָפן, די לופט — פייכטער און זאַפטיקער געמאַכט, מיט מער געשמאַק... און די ליידיקייט וואָס פון אייביק, די פּוסטקייט, איז מיט איינמאָל געוואָרן אויסגעפילט... ס'האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלט מיט זייער קומען זיך געענדערט דער הילוך, דער גאַנצער הילוך פון טעג, חדשים און יאָרן...

יאָ... מיט די מענער איז די אַלטע איינגעפאַלענע שטוב געוואָרן פעסטער, אַזוי ווי מ'וואָלט איר אונטערגעשפּאַרט מיט שטאַרקע בוימער... די מיידלאַך האָבן זיך אַוועקגערוקט אין אַ ווינקעלע, פאַרהאַלטן דעם אָטעם, ווי קעץ ביי וועלכע מ'האָט אַוועקגעשטעלט אַ הונט אין אַ שטייג אונטער קראַטן... דער שרייענדיקער, צאַפּלדיקער כעס, איז ביי זיי צוריק פאַרקראָכן אין די ביינער, און ס'האָט בלויז געברענט דער טיפער אינווייניקסטער פאַרדרוס, אַזוי ווי אַ שווערע אונהיילבאַרע וואונד... זיי האָבן שוין מער נישט הויך געשריגן, נישט געקענט שרייען, ווייל די מיידלשע שעמעוודיקייט וואָס פון פאַר פרעמדע מענער, האָט זיי אָפּגעהאַלטן, און זיי האָבן בלויז געקענט טראָגן די שטילע, באַהאַלטענע שנאה, וואָס האָט שוין אָבער אויך געמוזט זיין שטיל און באַשיידן...

די צוויי יונגעלייט, אירע זין, זיינען נישט אויסגעוועזן נאַר; און זייענדיק מיט די מיידלאַך אינאיינעם אונטער איין דאַך, האָט זייער געוויסן נישט אויסגעטראָגן, אַז זיי זאָלן זיך אינגאַנצן פון זיי דערווייטערן; נישט נאָכטראַגנדיק דאַ קיינעם פון צופריער און דערנאָך קיין שום שנאה, — איז עס ביי זיי געוועזן גאַנץ פּשוט, אַז די מאַמע האָט גענומען אַ צווייטן מאַן; און נישט מער ווי רעכט, אַז זי האָט זיי דערנאָך, איינלעבנדיק זיך אין דעם דייז, — אריינגענומען, און דאָס אויך געמאַכט פאַר זייער היים...

עס האָט זיי נישט גע'חדוש'ט די נאַאיווע בליקן, וואָס האָבן

זיי באַגלייט אויפ'ן גאַנצן אַרום; זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָס איז, מסתּמא, פון געוויינלאַכן נייגיר, וואָס מ'האָט צו אַ פרעמד פנים פון אַ שכן, וועלכער קומט אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט, ביז ער פרעמדט זיך אויס, און ווערט מיט אַלע צוגלייך, היימיש...

און אפשר, ווייל זיי זיינען ווי די אייגענע מיידלאַך דאָ, אַליין אויך ערגעץ־אַנדערש געוועזן אַרומגעקריידט מיט שוואַרצן קרייד, פאַר קינדער פון קרעציקע, מצורעים, פון וועלכע מ'קען זיך חלילה, אָנשטעקן, און דאָס צרעת צעטראָגן איבער דער ברייטער וועלט, אַז ס'זאָל זיך אָנהויבן פּילן מיט אַזאַ מיאוס'ן, עקלהאַפטן גערוך... און אפשר דערפאַר בכיון אָוועקגעקוקט, וויסנדיק זאָגאַר געגנוי פון דעם הויז, אין וועלכן זיי גייען אַריין און אַרויס, — ווייל זיי האָבן געהאַט דאָס אייגענע מזל אין דער וועלט, וואָס די מיידלאַך, צוליב אַ טאַטן אַ גזלן, וואָס האָט ערגעץ געשאָכטן און געראַובט, און פאַרפאַלן געוואָרן אויף די וועגן?...

און צוליב דעם אייגענעם זיך אויך געזוכט צו דערנענטערן צו די צוויי מיידלאַך; נאָכדעם ווי זיי האָבן איינגעזען, אַז די צוויי מיידלאַך האָבן אָפּגעלעבט זייערע יאָרן, געוואָרן פאַרעלטערט, די פנים'ער — געגרינצלט, צוליב דעם טאַטן, דעם רוצח, וואָס האָט מיט זיין רויבן, ביי זיי אָפּגעשניטן די יאָרן צום לעבן?... האָבן זיי אַזוי שטאַרק געזוכט ריינצעוואַשן זיך פון דעם אייגענעם חשד, וואָס האָט די מיידלאַך פון זיי דערווייטערט, און זיי געפּרואווט דערקלערן:

— זיי זיינען נישט אַזעלכע ווי זיי מיינען, די מיידלאַך, — וואָס פאַלן־אָן אויף די וועגן, נאָר קרבנות פון אַזעלכן... קרבנות אַזעלכע, ווי זיי אַליין זיינען... און אַז ס'איז דעריבער גאָר נישטאָ וואָס קיין מורא צו האָבן, און זיך פון זיי צו דערווייטערן?...

ביי דעם אַלטן פאָטער האָט דער נזק אויפגעהערט, וויינקסטנס, אין שטוב, אַרויסציקון פון די אויגן; דער טאַטע וואָס ביי אים,

האָט אָפּגעהיט יעדן קער, איטלאכן בליק, וואָס ביי די צוויי יונגע־לייט, אָפּגעהיט מיט גרויס חשק און הנאה, און מיט צופרידנקייט גערעדט צו די מיידלאך:

— לייטישע יונגעלייט ביי מיר אין שטוב, בע־כע... איר ווילט נאָך אַלץ נישט גלויבן, הע?...

די מיידלאך האָבן נישט געגלויבט, אָבער די איידלקייט פון די יונגעלייט, זייער פיינקייט — האָט אליין פון זיך אראָפּגערעדט; און ביי איטלאכן קער, וואָס די מיידלאך האָבן אין דער געוויינ־לאכער ענגשאפט נישט געקענט אויסמיידן, זיי זאָלן זיך נישט אנשטויסן, — זיך גלייך אָנגעקוקט און גע'חדוש'ט:

— ווי קומט עס טאקע, ביי איר, דער פרוי, מיט אזא פאר־דעכטיק צעשניטן פּנים און גזלנ'ישע אייגעלאך, — אזעלכע פיינע זין צו האָבן?...

און זיי האָבן פארגעסן, אז דער איינענער חדוש עסט זיי אליין אויך נישט ווייניקער אויף, די יונגעלייט:

— ווארים, ווי קומט עס צו אים, דעם גזלן, אזעלכע פיינע טעכטער צו האָבן?..

הינטער זיי ווידער זיינען געזעסן די מיידלאכס פאָטער, די יינגעלייטס מוטע, זיך געפּרואווט אויפקלערן דאָס רעטעניש, און זיך אליין נישט ווייניקער גע'חדוש'ט:

— ווי אזוי?... און אין וואָס ס'ארא אופן ס'באדארף זיך מאכן!.... האָט אין די קינדערס זכות איר מאן באַ־דארפט אוועק, און זיך מער קיינמאָל נישט אומקערן; און זיין ווייב פאַלן א קרבן אונטער זיינע הענט... אז זיי זאָלן זיך, די אַלטע לייט, אזויערנאָך טרעפן, זיך פריער קענען נעמען, און די קינדער — דערנאָך...

צוקוקנדיק, ווי די יונגעלייט, וואָס האָבן אפשר נישט ווייניקער געטראָגן זייער פאָטערס שאנד, ווי די מיידלאך זיינע פון אים — ווערן מיט זיי איינס, האָט דער אלטער זיך אויסגע'טענה'ט מיט די

קינדער, איבער זייער פאַרשטאָרבענער מוטער, און אַזוי ווי דערמיט געוואָלט האָבן פאַרגיטיגט פאַר איר משונה׳דיקן טויט:

— זי וואָלט דאָך יעדער רגע און צו יעדער ציים געוועז באַשטיין אויפ׳ן גוטן אופן זיך צו לאָזן אומברייגנגען, אויב ס׳וועט דורכדעם ארויסקומען א טובה פאַר אירע קינדער...

און די מוטער, צו אירע זין:

— איר זעט איצט אַליין, מיינע ליבע זין, אַז איר האָט פריער נישט געקענט אויף דער ברייטער וועלט ארוים, ביז אייער פאָטער איז ענדלאך פאַרפאַלן געוואָרן, זיך מער נישט צוריק אומ־געקערט פון רויבן...

די יונגעלייט האָט דאָס האַרץ נישט אַזוי ווייגעטאָן פאַר זייער פאָטער, פונקט ווי ס׳וואָלט נישט געקענט ווייטאָן די מיידלאך זיין מ׳זאָל זיי געווען פריער קומען זאָגן: אַז זייער פאָטער איז גע׳הרג׳עט געוואָרן... אָבער די מיידלאך האָבן נעבאך יאָ באַוויינט זייער מוטער:

— וואָס זיי האָבן נישט געקענט חתונה האָבן, ביז די מאַמע זייערע, די גוטע מאַמע, האָט געמוזט גיין פון דער וועלט... זייער מאַמע איז דאָך נישט געווען די יונגעלייטס טאַטע?... יענער גזלן וואָס האָט אפשר באַדאַרפט אומקומען, און נישט דערלעבן די גדולה?...

און שיעור נישט משוגע געוואָרן ביי דעם געדאַנק:

— אַז נאָר דאָס, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געלעבט, איז אפשר געווען די איינציקע סבה, וואָס זיי זיינען אַזוי לאַנג געזעסן, גע־זעסן אַליין...

די קללה

צווישן ברייטע שטחים אויסגעהאקטן וואלד, פון וועלכן די פיעניעס זיינען שוין פון לאנג געווען אויסגעפוילט און אויסגעהוילט ווי די באַק־ציין ביי א זקן אין מויל, — איז געלעגן פארוואָרפן א הייזל, וואָס די מראה דערפון, איז זייער ענלאך געווען צו דער האָריקער ערד פונם אויסגעהאקטן וואלד.

אויף א ברייטן מהלך האָבן זיי זיך געצויגן, די אויסגעהאקטע שטחים וואלד; ברייט־ארום, וואו־ווייט ס'אויג האט נאָר געגרייכט און אנגעכאפּט, — איז אויסגעקומען צו טרעטן אויף עטוואָס אזא ווייכן און נאָכמער אָבער אויף פארדארטן וואלד־גראָז, וועלכעס איז אויף א סך ערטער נישט אדורכגעווייקט געוואָרן, אפילו פון די גרעסטע גאָס־רעגנס, נאָר געבליבן אזוי אייגן הארט, טרוקן און פארדארט, פארסיסעט; עפּעס שטשעטשינעס אזוינע, צו וועלכע ס'פלעגן אין די ווארימע לינדע טעג ארויסקומען אלטע גויעם מיט באָרוויסע פיס און אָפּגעטראָגענע בגדים, און דאָס געשניטן...

טאפּנדיק אין די טונקעלע נעכט א וועג צום הייזל, וועלכעס איז דאָרט געלעגן אזוי ווי באהאלטן פאר די טאָג־ליכט, אין אן אויסגעהוילטן בארג, האָט מען שוין לכתחילה געקענט האָבן א באגריף און זיך אויסמאָלן, — אויב ס'איז דאָ ווירקלאך אמאָל א וואלד געווען, א מהלך־רב ברייטער וואלד, דורך וועלכן מ'האָט זיך גאָר נישט געקענט אדורכקאָפּן — אזוי האָט דאָס הייזל אין אים געברויכט זיין א יאמע, די לעגענדארע, פינסטערע יאמע, וואו די אויסגעטראכטע גזלנים האָבן זיך אויפגעהאלטן, און ס'אָנגערויבטע גוטס אין די קעלערן באגראָבן...

דער טיפער שפּור פון דער אמאָליקער ווילדקייט און רציחה, האָט נאָך, אזוי צו זאָגן, גערוט אויף די קרעציגע פעלדער, נאָכ־

דעם אַפילו ווי דער וואַלד איז שוין פון לאַנג נישט מער געווען, — פּונקט ווי אויפן שטערן פון אַן אַלטן גזלן, ווען אַפילו ער האָט שוין לאַנג פון זיין גזלנישקייט אָפּגעהאַקט; יענער פינסטע־רער שאָרך וואָס אין די אַמאָליקע פינסטערע וועלדער, בעת זיי זיינען נאָך געווען, און וועלכע האָבן צוגענומען ס׳לעבן ביי אַזוי פיל מענטשן, וועלכע האָבן אים נישט געקענט אויסמיידן — האָט זיך כמעט אַזוי אייגן ווי ביים לעבן פון וואַלד, אַמאָל אויפגע־הויבן, ברייט אויפגעהויבן, און זיך אַדורכגעטראָגן ווי אַ שוידער צווישן די ריפּן פון אַ גוסס...

אין טריבע טעג, נאָכמער: רעגנדיקע פאַרנאַכטן, האָבן, דוכט זיך, ווי נאָך אַראָפּגעהאַנגען די שווערע כמורנע ברעמען פון די גזלנישע אויגן, מיט די בקשות׳דיקע בליקן פון יענע אומגליקלאַכע, וואָס האָבן צו זיי אין די הענט באַדאַרפט אַריינפאַלן, און שוין מער נישט אַרויסקומען...

ערשט אַרום אויסגעהוילטן באַרג, ביים הייזל, האָבן זיך גע־לאָזט שפּירן פּלעקן פון ישוב; זייענדיק נאָך פון דערווייטנס, בלויז אין שכנות, האָט מען שוין געקענט הערן ס׳קרייען פון הענער, כ׳מונטערע געדעריי פון גענז, אַ ליב וואָרקען פון טויבן, און ס׳איז עפּעס געווען אַזוי ,ווי ס׳וואָלט דערמיט גרינגער געוואָרן אויפן האַרץ, זיך באַפרייט פון אַ שווערע, דריקנדע משא, און לייכטער אָפּ־געצויגן נ׳אָטעם; געהאַט ס׳איינגענע געפיל, ווי מ׳זאָל זיך האָבן ערגעץ נאָך אַ לאַנג אַרומשלעפּן פון אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ פוהר, בלאָנדזשענדיק אָן אַ וועג און אָן אַ שטעג — ענדליך דערוואַרט אויפן שטיקל טאָג, ס׳זאָל ווערן ליכטיק, און מ׳זאָל זען וואו מ׳האָט זיך אַרויסצוקאָפּן...

אַזוי אייגן איז אויך ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, מיטן הייזל, אין מיטן פון צווישן די ברייטע מדבריות פון׳ם אויסגעהאַקטן וואַלד: ס׳הייזל איז געווען אַ קוועלונג; ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט דראָב־נע בייטן. מאָגערע ביימעלאַך און זון־בלומען, וואָס האָבן אַראָפּ־געקוקט פון זייערע הויכע שטאָקן אַזוי גדלות׳דיק, פּונקט ווי זיי

וואָלטן עפּעס אָפּגעהיטן דאָס איינציגע געדעכעניש פון אַ הייזל
וואָס אויפן גאַנצן שטח אַרום, זיך דערמיט געצאַצקעט, עס באַ־
קריינט און באַשיינט...

אין דרויסן, פאַרן הייזל, האָט מען ס׳רוב געקענט זען דעם
אַלטן ווייסן איד, חנן, אָנגעטאָן אויף די גרעסטע היצן אין אַ
וואַרים לייב־פּעלצל, אין טיפּע פילצענע שטיוול אויף די פיס,
און מיט אַ פאַרשמאָלצן אויסגעפּעצט קאַפּל אויפן קאָפּ; ער האָט
עפּעס אַזוי פיל ענלאַכקייט געהאַט אין פּנים, דער ווייסער איד, —
צו דער ווילדקייט פון די אויסגעהאַקטע שטחים וואַלד, פּונקט ווי
ער וואָלט אויף זייער שוים אויסגעוואָקסן, און זייערס אַ גע־
טריי קינד געווען; אַז ער האָט אויפגעהויבן די ברעמען, אַזוי
האָט מען געקענט באַמערקן אַ בלישטש אין זיינע שוין אַלטע טונ־
קעלע אויגן, — מיט דער גאַנצער שאַרפקייט וואָס ביי אַ גע־
שליפענעם בליץ אין אַ פינסטערע נאַכט; נאָר דער דאָזיקער
קוק האָט שוין נאָכאַלעמען, געשיינט צו זיין ווי טויט, בלויז נאָר
צוליב דער נאַטירלאַכער אַלטקייט פון זיין קערפּער מסתמא, וואָס
איז שוין געווען אויסגעטריקנט ווי אַ שפּענדל; און נאָכמער
זיך באַמיט אים אָפּצושוואַכן, דעם בליק, — האָבן די אַלע איב־
ריגע גוטע איינגנשאַפטן, וואָס קומען צו אַ מענטש אַן אַלטן, אויף
דער דאָזיקער הויכער עלטער; זיין־היימישקייט מיט די הינער
און גענז, וואָס ער איז געווען אַזאַ נאָנטער שמעלקע מיט זיי, —
האָט אָפּגעווישט און אָפּגעמעקט יעדן חשד, אַז ער האָט אַמאָל
עפּעס געקענט האָבן אַ חלק אין די ביינאַכטיקע וואַלד־שחיטות;
די גענז און די הינער האָבן אים ליב געהאַט, ווי געוויינטלאַך, אַ
געטרייען שפּייזער, און נאָכגעקראָכן אויף איטלאַכן טריט, ווי
אַ טאַטן; אים באַפּאַלן און באַזעצט, ס׳רוב הונטערן פענסטער,
אויף דער באַנק, וואו ער האָט ליב געהאַט אָפּצוזיצן די גאַנצענע
מעג ביז פאַרנאַכט, זיך באַקן אויף דער זון, און זיך לאָזן אַרויס־
פּיקן די זשאַרנעס פון דער האַנט, פון דער קעשענע, פון אומע־
טום, וואו ער האָט זיי געהאַט...

דאָס יונגע ווייבל דאָ אין הייזל, זיין שנור, מיט די פולע קיילעכדיק־אויסגעפּילטע ברוסטן ווי די אייטערס, — האָט זיך שוין ווידער זעלטן ארויסגעוויזן פאַרן טיר, פּונקט ווי זי וואָלט זיך זייער שלעכט געפּילט מיט די אויסגעהאַקטע שטחים וואַלד, וועלכע האָבן אויף איר געמאַכט דעם איינדרוק פון אן אלטן פאַר־פאַלענעם בית־עולם; נאָר־וואָס אין די נאָכמיטאָג שעה׳ן פון וואַ־רימע, זוניקע טעג, ווען דער שטח אַרום האָט כאָטש נישט גע־האָט אזא קלאָגנדיק אויסזען — האָט זי זיך ארויסגעוויזן, און דאָס ערשט דורכן פענסטער, מיט די אויבערשטע העלפט פון איר קערפּער; מיט׳ן ארויסבייגן, פלעגט ס׳פליישׁ אויף איר פעט ליב זיך איינקניימשן און אריבערפאַלן איבער דער לייסט, פּונקט ווי א גוידער איבער דער גאָמבע; זי האָט זיך צוגעקוקט צום אלטן, און די מורא פארן אויסגעהאַקטן וואַלד, ווי אויך פאַר זיין אלט פּנים, האָט באַלד אָפּגעטרעטן פאַר דער לעבעדיקער יונגקייט פון די עופות, וואָס האָבן געשריגן און געמאָנט:

— גיב אונז ברויט... גיב אונז קלייען... שאָלעכטס... מערן... צוויקל... ריבן...

אָבער ווען ס׳איז געווען טריב, די הינער נישט געווען אויפגע־לייגט צו שטיפן, נאָר געזעסן און געזונקען אויף זייערע דרענגלאַך, און געהאַלטן פארשטעקט די קעפּלאַך צווישן די פעדערן; און אויפן אלטנס פּנים איז געלעגן אזוי דייטלאַך דער טיפער פּחד פון אמאָ־ליקן וואַלד, — האָט זי זיך ערשט גענומען באַקלאָגן, און אויסגיסן איר ביטער האַרץ:

— א ריין בית־עולם דאָ; ס׳איז שוין, גייט זיך נאָך מיט, א האַלבע צרה; זיינען דאָ די הינער, די גענז, און אז ס׳מאַכט זיך אזא טאָג, ווען די עופות האָבן אפילו קיין חשק נישט צו לעבן, — וואָס זאָל זי נאָך טאָן?...

— באַ, שוין גאָלד היינט! — שאָקלט דער אלטער חנן מיטן קאָפּ, און מ׳זעט: ווי ס׳האַרץ וואַקסט אים — געננוג, אז מ׳זעט שוין א שטיקל הימל, א זון... מ׳זעט: וואו זי קומט

אויף, פאַרגייט... גאָר נישט לאַנג, איז נאָך דער וואַלד געווען... פינסטערער וואַלד... און שטענדיק נאַכט אין אים... גאָר קיין טאָג נישט...

— אודאי, דער שווער נאָך דענסטמאָל גאָר א יונגערמאַנטשיקל געווען, — פינקלען אירע אייגלאָך מיט א בלאַס פייערל...

— נישט אזוי יונג ווי דו מיינסט...

— מוז ווידער דער שווער גאָר־גאָר אַלט זיין, אויב שוין דענסטמאָל נישט יונג געווען; יאָרן, ווי ס'איז מער קיין וואַלד נישט...

— אודאי אַלט, זייער אַלט, און אין וואַלדס צייטן א יונג ווייב געהאַט...

— א יונג ווייב! — חדוש'ט זי זיך — אודאי געמוזט זיין ס'צווייטע ווייב...

— ניין; נאָך די ערשטע נישט מער חתונה געהאַט..

— יונג אייך אָפּגעשטאָרבן?

— קיין אַלטע געווים נישט געווען...

— וואו?... דאָ?.. אין הויז אויף?..

— אין הויז, יאָ...

— קראַנק געוואָרן, און נישט באַקומען קיינעם צו איר, אין אזא העק, — ציטערט זי אויף, — איז שוין קיין חדוש נישט, וואָס זי איז געשטאָרבן...

— דאָס גראָד נישט! — צושאָקלט זיך דער אַלטער — געווען דוקא געזונט; נאָר אמאָל, ווען די וועלדער זיינען נאָך געשטאַנען, און אין שטוב איז פינסטער געווען ווי אין זיי אין דרויסן, איז זי נעגאַנגען צום בעט מיט דיין מאַן, שמעון; האָט אין וואַלד אזא ווינט געריסן, אזוי פיל בוימער אויסגעפליקט, און דאָס הייזל מיט אזא הויכן באַרג פון צווייגן און בלעטער פאַרוואָרפן, אז מ'איז געבליבן מיט אַלעם צוגעלייגט, און מ'האָט נישט מער געקענט נישט אריין און נישט ארויס; ווער שמועסט — צוצוקומען ערגעץ צו א ישוב, און זען קריגן

א מענטש, וואָס מ׳האָט אזוי נייטיק מיטן לעבן באדארפט האָבן, איז גאָר נישט מעגלאך געווען; נו, איז דערוויל שמעון, דיין מאַן, אויף דער וועלט געפאלן, און זיין מאמע האָט די אויגן פארגלייזט, זיי ווי א טייבל פארגלייזט...

עפעס האָט דאָס אומעטיקע מעשה׳לע וואָס דער אלטער חנן האָט אזוי ציטעריק פאַר איר געשפונען, אין איז איינגאנצן געווען אדורכגעגומען מיט דער אור־לופט פונם וואלד, פונקט ווי די שטחים ערד מיט די וואָרצלען פון די אויסגעהאקטע בוימער — ביי איר נאָכגיכער פארשארפט דאָס אומהיימלאכע געפיל, און נאָכמער אָפגענומען דעם חשק זיך צו ווייזן פאַר דער טיר; זייענדיק טעג נאָכאנאנד איינגעשלאָסן אין שטוב, האָט איבער אירע אויגן געשוועבט אזא דינער, לייכטער טרויער, א מאטער, ווי אויפן הימל באלד נאָך א רעגן, ווען ער לייטערט זיך נאָר־וואָס אָפ פון די וואָלקן, נאָך איידער די זון באווייזט צוריק אויף אים ארויסצוקומען....

איר אומעט האָט זיך נאָר נישט געטאָרט אָנזען אין יענע טעג, ווען איר מאַן, שמעון, דער שווארץ־האָריקער, — איז מיט איר באנאנד געווען; דענסטמאָל האָט איר פנים בלויז לגבאי אים געמוזט שמייכלען, ארויסווייזן איר חן אין די לעכעלאך ביי די ליפן, אָבער די זאָרג האָט אלצאיינס ווי פריער ווייטער אין איר שארף געשטעקט, און דורכדעם זיך פארקראָכן אין די ביינער, זיך אָפגעשטעלט ווי הייוון אויפן דעק פון א פלאש־מעטה; נאָר בשעת דער שווארץ־האָריקער שמעון מיטן ציגיינערישן פנים און גזלנישן בליק אין די אויגן, איז גראד געווען אזוי גוט צו איר ווי א טויב, און מיט א טיפער ליידנשאפטלאכער ענטציקונג איר געלאָסקעט און געצערטלט:

— דו וועסט מיר גראָב ווי א חזיר׳ל, באשקע; נעמסט אויף דיר דאָ קיין עין־הרע...

האָבן אירע אויגן, צוליב דער באַהאַלטענער אומצופֿרידנקייט מיטן וואַלד, מער אָפּן זיך געקענט פֿייכטן, און מיט דער פֿולער בענקשאַפֿט צו מער אַ ליכטיקערע וועלט, זיך אַרויסרייסן:

— נישט אמת, שמעון, כ'האָב דאָ גאָר נישט, וואָס זאָל מיך אַזוי פֿאַרנעמען!...

פּילט שמעון, ווי אַ פֿינסטערע כמאַרע רוקט זיך אָן אויף איר; און ער וויל זיך באַפֿרייען פֿון אַ ווייטע אימה, אַ שפּיציקע, וואָס בוייערט אַ דורך זיין קאָפּ אַפֿילו אין די גוטע ליכטיקע טעג, און טראָגט אין זיך אַלע סמנים פֿון אַ בייז געוויטער אין וואַלד... אָבער אַזוי ווי ער וויל דאָס פֿאַרלויפּיק פֿאַר איר נישט אַרויס־ווייזן, און נאָכמער: פֿאַרטרייבן ס'אייגענע ביי איר, וואָס איז נאָר בלויז אויף אַן אַנדערן אופֿן — נעמט ער איר, לפּנים, ביי דער דיקער האַנט אויף וועלכער ס'פֿלייש וואַרפֿט זיך נאָר; צי ער הויבט גאָר אויף אַ פֿולע קיילעכדיקע ברוסט, וואָס הענגט ביי איר אַזוי שווער אַראָפּ, און דערלאַנגט דאָס איר כאַטש אין דער האַנט אַריין:

— נו, און דאָס מיט וואָס שמעקט?... אַ?... אַז כ'האָב דיך גענומען, געדענקסטו שוין גאָר נישט, ווי דו ביזט געוועזן דאַר, אָן אַ ברעקל פֿלייש אויפֿן לייב, הויט און ביין...

— טאָמער ווייסטו?... מיך אַ גליק געטראָפֿן: כ'בין גראָב! זאָג מיר בעסער, וואָס שטעקט אין דעם, וואָס כ'קען דאָ נישט אויס־טראָגן, האָבן אַ לעבעדיק שטיקל קינד?...

— דווקא דאָ?.. — וואַרפֿט ער זיינע שוואַרצע פֿינסטערע בליקן, און בלייבט קאַלט ווי ער וואָלט זיך שוין פֿון לאַנג דאַ־רויף געריכט, און נאָר נישט געוואוסט, ווען ס'וועט אים צו האַנדן קומען — און ערגעץ אַנדערש מיינסטו, וואָלסטו יאָ געהאַט?... אויב דו האָסט אַ שלעכט כח, און קענסט נישט אויסטראָגן?...

ווערט צוגעשנירט איר האַלז, ווי מיט שטריק; זי זעט: ווי ער ווערט הינטיש־צערייצט, און לויפֿט משוגענערהייט, האָט נישט מער קיין פּנים, קיין געשטאַלט, אַ ריינע חיה, — ווערט איר

שווער זיך מיט אים דעריבער אויסצוטענהן; מאָרגנע: ווי די שווער־קייט לייגט זיך אויף איר, פונקט ווי ס'וואָלט געווען יענע שווער־קייט, וואָס וויעעט פון די פוסטע שטחים וואלד, פון וועלכע זי איז איבערצייגט — ס'וואקסט ארויס איר אומגליק, וואָס זי קען נישט אויסטראָגן, און האָט נאָך לעת־עתה נישט קיין הארץ, נישט קיין כח זיך אים אנטקעגנצושטעלן, און אָפן דאָס זאָגן:

— יאָ... ערגעץ אַנדערש, ווייס איך — אז כ'וואלט אלע מיינע קינדער געהאַט, און רק נאָר דאָ וואָס זיי ווערן מיר אויס־געכאַפּט... איין גאָט ווייסט, וואָס ס'איז דאָ אזעלכעס...

וויניק האָט שמעון פארברענגט אין שטוב, אין געקליבענע טעג, אזוי ווי מ'וואָלט זיי אומישנע געברויכט צו קלויבן פאר זיין כבוד־וועגן; און דענסטמאָל ווען ער האָט ערגעץ געשטעקט, האָט זי, כל־זמן זי איז נאָך אליין און מיט אלעם נישט געווען זיכער אין איר בראָך — געשטעקט איבערן קאָפּ אין דער בעל־הבתישקייט; געררוימט, פּאָלירט און געשלייפט די מעשלאָך פון די שווערע מאָ־סיווע שענק; אויסגעבעט און אויסגעפּלאַסטערט די שטילע, אזוי צו זאָגן, טויבנ־נעסט, אין אזא העסליכע מדבר, וועלכע האָט זיך גיכער געטויגט פאר עקדישן און שלאַנגן; זי האָט געררוימט, קען זיין, פאר משוגעת, אזוי ווי איינער שלייפט זיך יעדן טאָג עטליכע אמאָל די נעגל פון די פינגער; אין טאָן אירן האָט געשטעקט א שטיק אמביציע, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן ווי א ליידנשאַפט־לאָכער פלאַם, און צוליב א שטומן ווייטאָק, וואָס זי מוז פאר־שווענדעריש אויסברייננגען אירע כחות אויף אזעלכע זאכן, וואָס זי וואָלט גיכער באַדאַרפט אָפּלייגן אויף א לעבעדיק קינד; און דוקא ווען שמעון איז גראָד דערביי געווען, האָט זי זיך געוואָלט פאַר'שכור'ן מיט דער זיסער משוגענער ארבייט.

— ס'געפעלט דיר, שמעון, אז דו קומסט אריין, און האָסט נישט וואו פריער די אויגן אהינצוטאָן?...

— כ׳ווייס, דו ביזט אַ בריה, — זאָגט ער, — וואָרים־ווען ס׳קומט ווער אַמאָל אַראָפּ דאָ אויף ביינאַכט, ווייסט יענער גאָר נישט ווי דיך אָפּצולויבן...

— אַזוי ? — שטייט זי אין גרויסן — זאָג זשע מיר : וואָס ס׳שטעקט אין דעם, וואָס כ׳טו און ס׳פאַרנעמט מיך גאָר נישט...

— פאַרשטיי איך נישט, ווי די הענט לייגן זיך דיר צום טאָן...

שוין; רעדט זי נישט מער; און אַז שמעון איז דערנאָך מער נישטאָ, און זי ליגט אַזוי אויף דער פּאָדלאָגע, רייבט די ברע־טער, רייבט, און העלפט זיי כמעט גלעטן מיט אירע אַראָפּהענ־גענדע שווערע ברוסטן, — קומט ערשט אויף ביי איר אַ ווייט גערעכעניש פון אירע קירצע אָפּגעהאַקטע שמועסן מיט אים; ווי געטראָפן ער ווערט, אוים מענטש, — אַז זי נעמט אים עפּעס זאָגן פון דעם אויסגעקראָכענעם וואַלד ; און שפּירט נישט, ווי זי עסט זיך אָן מיטן שטיקענדיקן פאַרבנ־ריח, פון צו לאַנג ליגן און ווי לעקן מיט דער צונג די פּאָדלאָגע; די שטיקעניש רו־דערט אויף אירע לונגען, און אַז זי מוז זיך, נישט ווילנדיק אפילו אויפשטעלן, אַזוי גייט זי שוין ממילא צו צים פענסטער, בייגט זיך אַרויס אָן אַ באַזונדערן חשק, דעם אָטעם אָפּכאַפּן...

אין דרויסן ליגט ווי תמיד, אָן שום ענדערונג, דער אויס־געהאַקטער וואַלד, וואָס האָט דאָס אויסזען פון אַלט־פאַרעלטערטן בית־עילם ; אויף וועלכן ס׳קענען שוין צוליב די שווערע עלטער, קיין ביימלאַך נישט אַרויסשפּראָצן ; אַ פאַרלעגענער, טויטער בית־עולם, וואו, אויף וועלכן — קיין פייגעלע קימט נישט אַ טרילער־טאָן, אַ גרין גרעזל שפּראָצט נישט אַרויס, נאָר וואָס שוואַרצע קראָען לאָזן זיך אויף אים הערן אין מיטן זומער... אַ בית־עולם, וואו מ׳זאָל זיך וועלן די מיה געבן, און מיט אַ שויפל אַראָפּנעמען בלויז אויף אַן אייל די ערד, אַזוי וועלן שוין נעמען אַרויסקוקן די ביינדעלאַך פון יונגע עופה׳לאַך : און דאָס הייזל, ווידער, אין

וועלכן זי לייגט אריין איר גאַנצן כח און קראַפט, ברויכט עפּעס זיין אַן איבערבלייבעניש פון אַ קברן, וואָס האָט אַליין, נאָכדעם ווי ער האָט אַלע אַנדערע אַריינגעלייגט אין דר'ערד אריין, — געמוזט אַוועקפּאַלן, און זייט־דאַן געבליבן הפקר, פאַרלאָזן, פאַר־וויסט, אַזוי ווי מיט זיין טויט וואָלט מען שוין לגמרי אויפגע־הערט צו שטאַרבן, און שוין מער קיין גרעבער נישט באַדאַרפט האָבן וואָס זאָל נאָך וועמען באַגראָבן...

זי טרייסלט זיך אויף און ווערט אַ קליין ביסל מונטער, ווען דאָס געדזשימעריי, געדערעדעריי פון די גענז מיט די הינער, קומט־אָן אינאיינעם מיטן אַלטן חנן, און מאָגען זיך אַלע אינ־איינעם און אויף אַמאָל ביי אים:

— האָבער... ווייץ... קאָרן... אונזער מיטאָג.. אונזער פריש־טיק... און אונזער נאַכט־עסן...

דער אַלטער חנן זעצט זיך, ווי זיין שטייגער איז, געמיטלאַך הינטערן פענסטער; וואַרפט הויפנס פאַר די גענזלאַך באַ־זונדער, פאַר די קאַטשקעלאַך, און לאָזט זיך פון די הינער, אַזוי ווי זיי וואָלטן ביי אים געווען מער חשוב'ער — שפּרינגען אין פּנים אריין, זיי זאָלן אים פּיקן פון דער האַנט אַרויס, דזשאָבן; יאָגט זיך אָפּ ווי מיט פּיצלאַך קליינוואַרג, ווען ס'מישן זיך אים אויס די גענז מיט די הינער אינאיינעם, אַזוי ווי ס'גרעכטע אומגליק וואָלט אים דאָ צוגעקומען, און נעמט שרייען, צעררייסט זיך:

— וואָס גייט איר, נאַרישע הינער, צו די גענזלאַך, עסן פון שאָלעכטס, אַז כ'האָב דאָ פאַר אייך פון בעסערע מאכלים... פון הירזש... און פון אַרבעס...

און ס'באַנעמט איר לכתחילה אַזאַ טיפע פרייד צו דעם אַלעם לעבעדיקן, וואָס פּויזעט דאָ אַרום אויף דער ערד; און מיט אַ באַנגן ווייטאָק, וואָס זי איז נישט בכח צו ברענגען עפּעס לעבע־דיקעס אויף דער וועלט, ס'זאָל זיך אויך אַזוי שיין צאַפּלען, — נעמט זי וועקן דעם אַלטן חנן:

— שווער, אודאי נישט געמוזט האָבן קיין סך קינדער, ס'וואָר?... כ'זע: איר זענט אזוי איינגעליבט אין די עופות...

הויבט דער אַלטער חנן נישט צומאָלט אויף נ'קאָפּ צו איר, נאָר רעדט אזוי ווי ער וואָלט זיך אָוועקגעלאָזט, העט, ווייט־אַוועק, — און דער טונקעלער עבר וואָלט צו אים ארויפגעקומען פון זיין אַלט יאָריקע טיפעניש...

— געהאַט זיי, ווער זאָגט דיר: נישט?... א סך, געהאַט... נאָר א קללה געלעגן אויפן הויז, א קללה... און זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן...

— א קללה?... — ציטערט זי אויף — איז דאָך ווידער נישט גלאַט, וואָס כ'קען נישט האָבן קיין קינד; האָב איך דאָך זיך נישט נענארט... און וואָס באַהאַלט דאָס שמעון ווידער פאַר מיר?...

—ווער ווייסט! — שאָקלט דער אַלטער חנן מיטן קאָפּ, — פאַרוואָס ער זאָגט דיר נישט?...

— אזוי? — שטייט זי וואָס א רגע מער אויף — איז דאָס איבערגעגאַנגען פון אייער ווייב, צו מיר; דאָס וואָס איך קען נישט האָבן, האָט זי לכתחילה יאָ געהאַט, און דערנאָך גע'־שטר'ט... איז זי שוין דערמיט מער מזל'דיקער געווען, ווייל זי האָט ווייניקסטנס געבוירן און עפּעס געהאַט...

— ניין, — ציטערט אויף דער אַלטער, — דו האָסט מער מזל; איידער צו האָבן און שפּעטער עס צו באַגראָבן; איז גלייכער מ'האָט באַלד נישט...

— כ'וויל בעסער האָבן! — צושרייט זי זיך — זען א קינד, און ס'זאָל באַדיי נישט לעבן...

— וואַרט־זשע צו, — טרייסט ער איר, — ביי מיר. זעסטו, האָט זי פאַרלאַנגט לעבעדיקע קינדער; ביי דיר לאָזט זי זיך שוין באַנגען דערמיט, וואָס זי לאָזט דיך באַלד נישט האָבן גאָר; און אז זי וועט נאָך א קליין ביסעלע ווערן צוריקגעהאַלטן — וועסטו נאָך אפשר האָבן א לעבעדיק קינד אויך?

— וועך, שווער, און צוליב וואָס, האָט דאָ ס'אָרט פאַר־שאַלטן, — שטייט זי אויף ווי א לייב, — דאָס ווען די עטלאַכע מענטשן וועלן שטאַרבן, זאָל נאָך זיי קיין שריד־ופּליט נישט בלייבן ?...

— ווער ווייכט ? — ציטערט די שטים ביים אלטן חנן, און א ווינט לויפט א דורך, צווישן זיינע ברעמען, — אויב נישט דערפאַר, ווייל ס'זיינען דאָ אזוי פיל מענטשן אומגעקומען ?... דאָך אמאָל א וואַלד געווען, און גזלנים אין אים זיך אויפגעהאַלטן... פינסטערע טעג אָנגעשטאַנען... די זון קיינמאָל נישט אין אים אריינגעבליקט...

— און אפשר נאָך דאָ, שווער, — ציטערט זי, — אין דעם הייזל זייער יאַמע געהאַט?... וואָרים, ס'האָט דאָך אזוי פיל ענלאַכקייט צו א נאָרע פון דרויסן, צו א הייל ; ווען מ'זאָל אוועק־נעמען די שטעלעכלאַך, וועלכע מ'האָט פאַרגעווים שפּעטער צוגע־בויט, און מיין ביכל פּראַצע פון אינעווייניק, — אזוי בלייבט דאָך לעולם נישט מער ווי א חורבה, ס'גרייטע לאָך פון די אמאָליקע גזלנים, אינם אויסגעהאַקטן וואַלד...

אז אנדערש מאָל נעמט זי ריידן איבערן וואַלד ווי וועגן א בית־עולם :

— שווער, וואָס פאַלט אייך עפּעס איין : א וואַלד !... ס'אַרא וואַלד ?... זאָגט בעסער : א בית־עולם !...

— ס'אַרא בית־עולם, האָסטו דיר עפּעס אריינגעהאַקט אין קאָפּ ?...

— און כ'האָב שטענדיק מורא געהאַט, שווער, אז כ'האָב גע־זען, ווי די הינער נעמען זיך אריינגראָבן אין דער ערד — זיי זאָלן נישט ארויסשאַרן די ביינער פון די טויטע...

— מ'זאָגט דאָך דיר : א וואַלד !... א נעדרעכעניש פון א ברייטן וואַלד, וואָס איז אוועקגעקומען...

— ווי אַזוי קומט דאָס איבער אַ נאַכט, אַזאַ ברייטער וואַלד צוועק, שוועך?...

— מ׳האָט נישט געקענט פון אים אויסרוימען די גזלנים, — צעשאָקלט זיך דער אַלטער מיט גרויס אימה, ווי אַ בוים וואָס פילט ווי זיינע וואָרצלען נעמען אים דאַרן, — וואָס האָבן די מענטשן אַזוי דערקיטשעט, אַזוי האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען, און אים מיט העק אויסגעהאַקט... מיט העק... איז דאָס, זעסטו, פון אים געבליבן... און זייער קללה רוט אויף די איבערגעבליבענע...

און זי ווערט אַנטשוויגן...

שמעון, דער שוואַרץ־האָריקער זון פון חנן, האָט שוין לכתחילה עפּעס גזלנישעס מיטגעטראָגן אויפן פּנים ; דער שוואַרצהאָריקער באַוואָקסענער האַלז, דאָס צעפּלאָכטן בערדל וואָס מיטן שוואַרצן, פּעך־שוואַרצן גלאַנץ אין זיינע אויגן — איז שוין עפּעס אַזוי ווילד פאָרגעקומען, און כמעט דעם אייגענעם חשד געטראָגן, וואָס די גאַנצע אַרומיקע געגענד פון די אויסגעהאַקטע שטחים וואַלד ; ער האָט דאָ ווייניק וואָס און זעלטן־ווען, זיך גע׳עוסק׳ט און געצאַצקעט אין שטוב, נאָר פאַרדעכטיק זיך אַרומגעטראָגן אויף די וועגן צו ישובים, אויף זייערע מאַרקן, און קומען אַ היים, אין נישט אויסגעזעצטע צייטן... ס׳רוב : אַ פאַרכמורעטער, אומרויקער, מיט אַ פאַרטיקע בייזקייט פון ערגעץ־וואו און אָן פאַרוואָס, נאָר אַזוי שוואַרץ און דערופן ווי אַ בייזע חיה, וואָס מ׳האָט אירע נאָר־וואָס געבוירענע קינדערלאַך פאַרציקט... און טיילמאָל, פאַרקערט, אַריינפאַלן אַזוי אויפגעלייגט, מיט אַ ברייט צעזינגען הארץ, און איבערקערן די פולע קעשענעס מיט גאָלד אויפן טיש :

— באַשקע, דו זעסט : די אוצרות וואָס כ׳ברענג דיר אין שטוב אריין?...

איז זי אָבער שוין מיינסטנס, אַזוי זאָט געוווען מיטן בלאַסק פון גאָלד, מיטן בליציקן שליף פון די בריליאַנטן, און שנירלאַך

פערל, — אַז זי פלעגט בלייבן קאַלט, און ברייט אָפּגעניצן, ווען ס'האָבן זיך געקוילערט די גאָלד־שטיקער, און זיך צושיט מיט אַ געקלאַנג איבער דער פּאָדלאָגע.

— ס'וואָרימט מיך נישט, מיין מאַן, — זאָגן מיט אַ האַלב מויל.

אויף וואָס ער, שמעון, וואָס האָט נאָך געפּאָכעט מיט דער נשמה צוליב דעם, — פלעגט באַלד קריגן אַ בייז פינסטער פּנים: „גיי, הרגע דיך אַוועק דערפאַר", און אויפשטיין ווילד:

—אודאי, אַ קינד, וואָלסטו גיכער געוואָלט, כ'זאָל דיר ברענגען...

און דאָס: אין גילדערנעם־גוטן, אַז ס'הארץ האָט ביי אים געזונגען...

אָבער, ווען ער פלעגט אריינפאַלן אָן אָטעם, וואָס ס'האָט נישט זעלטן געטראָפן, — מיט אַן איינגעפאַלן האַרץ, און געבריכט, פונקט ווי מ'וואָלט אים דאָ נאָכגעיאָגט אויף די וועגן, און רק נאָר צוליב די ווילדקייט פון די אויסגעהאַקטע שטחים ערד, געקענט אָפּנאַרן זיינע פאַרפאָלגער, און פאַרפאַלן ווערן אָן שום חשד אונטער זיך, אין דער גליקלאַכער היים...

דענסטמאָל האָט זי שוין אפילו דאָס אויך נישט געטאָרט ריידן, און אַזוי אים געמוזט לאָזן ליגן, אָפּליגן זיין צייט, וואָס איז שוין גאָר נישט געווען אויכגעזעצט; אַמאָל געקענט אויסמאַכן געציילטע שעה'ן און אויף טעג גאַנצע, און שוין אַזוי גוט געוואוסט ווי דער אַלטער חנן, זיין טאַטע, וואָס איז דאָך עפּעס אַ מינוט לענגער געווען מיט אים, — אַז מ'טאָר אים נישט טשעפּען, ווייל ער קען נאָך ווילד און פאַרציטערט ווערן, ווי דער וואַלד אַ מאָל, אַז דער שטורם האָט זיך צוהיצלט אין אים...

זי האָט זעלטנ־ווען מיט אים איבערגערעדט פון זיין ליכטיק האַרצגעזאַנג, און פינסטערע נשמה־צאַפּלעניש; לפנים, געוואוסט פון פערד, אַז ער טרייבט ערגעץ פערד איבער גרעניצן... אין פינסטערע נעכט... און אויף וואָס דער שכל איז אפילו מחייב:

אַז מ׳קען אַמאָל ווערן אַזוי הויך דערפֿרייט און זיין טיף אָראָפּ־געזונקען... און גאָר דערנאָך, אַז ס׳האָט איר אָנגעשפּאַרט דער פֿינסטערער געדאַנק פֿון דער קללה, האָט זי שוין געמוזט אָפּפֿאַלן פֿון די בבא־מעשיות, כאָטש זי האָט אינסטינקטיוו פֿון פֿריער נאָך געשפּירט אַן עקל צו די אוצרות, און גאָר קיינמאָל נישט געווען איינגעגלויבט: „אַז מ׳פֿאַרדינט אַזעלכע גראָבע שטיקער גאָלד ביי די עסקים, און אַז מ׳קען ביי די פֿערד אַזוי געזונט אָנבייסן...“

ביים אויסשיטן, יעדעס מאָל, דאָס גאָלד, מיט אַזוי פֿיל הפֿקרות אויפֿן טיש, און באַווייזן די ברילִיאַנטן מיט די שנירלאַך פּערל, — האָט אין זיינע אויגן אויפֿגעבליצט יענער אינסטינקט וואָס ביי אַ גזלן, ווען ער שפּירט נאָך די וואַרימקייט פֿון קערפּער, וואָס ער האָט אומגעבראַכט, — ביים באַרויבן אים; און ס׳האַרץ איז איר איינגעפֿאַלן ווי ביים באַרויבטן, וועלכן ער האָט נאָכן באַ־רויבן ערשט געמוזט אַוועק׳הרג׳ענען, כדי ר׳זאָל נישט דערנאָך אַליין זיין די כּפּרה פֿאַר אים; דער קאָפּ אירער האָט אים ערשט איצט גענומען, דעם בחור, אויבנאָן, צו זיך; נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געהאַט אָפּגעלעבט מיט אים אַזאַ שטיק צייט, ערשט איצט געזוכט צו דערגיין אים, קענען אים, און ווער ווייסט, — אויב נישט דערפֿאַר, ווייל זי האָט אין אים, ווי אין אַמאָליקן וואַלד, געזוכט די פֿינסטערע קללה; און ביים אויסשיטן ס׳גאָלד, ס׳זיל־בער מיט די ברילִיאַנטן, אַזוי מורא געהאַט, און דאָך אַזוי גערן גע־וואָלט אויף די ליפּן ברענגען:

— וואָרים, כ׳וויים דען שמעון, וואָס אין דיר שטעקט, און ווי אַזוי, ס׳קומט צו דיר דאָס?... און אויב דו האָסט נישט אַמאָל דערביי וועמען געשאָכטן?... גע׳הרג׳עט?... אָדער דער־שטיקט?..

און פֿון שמעון׳ס אויגן פֿלעגט פֿינסטער ווערן אין שטוב, פּונקט ווי אין יענע גוטע צייטן, ווען דער וואַלד איז נאָך אינדרויסן גע־שטאַנען, און ער וואָלט געווען דער גזלן, דאָס הייזל, — די יאַמע,

וואו זי ליגט אליין א געבונדענע, א ווייסע געפאנגענע בת־מלכה, ביי א שווארץ־האריקן גזלן, וואס מוז נאך זוכן עצות ותחבולות אים נעפעלן צו ווערן, אים דערפרייען אין זיינע פינסטערע נעכט, ווען ער קומט אהיים פון וואלד א דערשלאגענער, א מידער, פאר־הארעוועטער... און פון וועלכן זי וועט זיך מער קיינמאל נישט ארויסכאפן, אויב זי וועט אים נישט אמאל איינשלעפן אויף איר אנטבלויזטע שויס, און מיט דער אייגענער שארף פון די מע־סערס, מיט וועלכע די ווענט זיינען באהאנגען, — אים אדורכ־שניידן דעם האלז, און ארויס א נאקעטע אין דער טונקעלער נאכט... זיך לאזן לויפן מיט העלע אויסגעשפרייטע אָרעמס דער ווייטער וועלט אנטקעגן, וועלכע ברויך ליגן מסתמא, אין זיסע דרימלען פארוויגט...

זי האט אויך געוואוסט פון שותפים, וואס ער האט; ווייל ער האט זיי אמאל, כאטש זייער זעלטן — אראפגעבראכט צו זיך אהיים, אמאל אין א יובל, און רק אין ווייסע, העלע, זילבערנע לבנה־נעכט, ווען פייגל זעען אפילו צו פליען, און קיין ווינטל גליטשט זיך נישט צומאלט איבערן פעלד...

מיטן דא זיין פון די שותפים האט זיך נאכמער פארשטארקט איר חשד, ווייל זיי האבן זיך אזוי אייגן ווי ער — געקריעט הינטער די ווענט, און מורא געהאט די נאז ארויסצושטעקן; און אויב זי האט נאך אין עפעס געצווייפלט, — האט זי מער גישט באדארפט ווי אוועקזעצן זיך אין א ווינקעלע, גלייכער: אוונט־צייט, ווען גרוי־סע שאטנס נעמען זיך אויסלייגן פון די קלענסטע קלייניקייטן; און בלויז אראפלאזן די ברעמען, אזוי זעט זי זיי, די לייט, וואס דרייען זיך ארום ביי איר אין שטוב, און הינטער די ווענט פון איר הויז, — די אלטע גזלנים, וואס זי האט זיך אויסגעמאלן, ווען זיי האבן אמאל ארומגעבראדזשעט מיט די לאנגע קידלעס, שווארצע אויגן און ווייסע אנגעשארפטע העק ; זי זעט ווי ס'קוקן אויף איר די שטומע פארגלייזטע אויגן ביי געבונדענע, וועלכע ברויכן

ערגעץ ליגן פאַרן שעכטן אין די ווינקלאָך פון אירע שטובן, אָדער צעוואָרפן אויף אַ מהלך פון די ברייטע שטחים אויסגעהאַקטן וואַלד...

און נישט אַנדערש ווי אויף צו להבעים, קומט דער אַלטער חנן, ווען זי זיצט אַזוי, מיט אַ שמיי־דריי, און וועקט איר: „באַשקע, מ׳ברויך גיין אין קעלער...“ טויכט דער דאָזיקער קעלער אויף ווי אַ פינסטערער גרוב, אין וועלכן כ׳ברויכן נאָך ליגן די געבונדענע צו דער ערד, און אָפּוואַרטן זייער ביטערן גזר־דין, וואָס איז שוין אָפּגע׳חתמ׳ט — און האָבן נאָך בלויז אויף אַזוי פיל אָפּצוליגן, ביז די גזלנים וועלן זיך אויסניכטערן, קענען אויף די פיס שטעלן, ס׳זאָלן נעמען בליצן די שאַרפע העק, וואָס האָבן שוין אַזוי פיל קעפ אַראָפּגעהאַקט...

שמעון, איר מאַן, דער וואָס מיטן שוואַרצהאָריקן באַוואָקסענעם האַלז, צעפּלאָכטן בערדל, פּעך־שוואַרצן גלאַנץ אין די אויגן, — איז געבליבן טויב און פאַרשלאָסן צו איר שטילע אומרואיקע בליקן; ער האָט, דאָס גרעסטע, וואָס ער האָט געקענט טאָן, כאָטש קעגן זיין ווילן, געזוכט מיט כל התפעלות אויסצומיידן — זי זאָל טראָגן; ווייל, ווען זי איז געווען ליידיק, איז איר דאָך פאָרט נישט אויסגעקומען צו טראָגן דעם עול פון דער קללה; און כאָטש, נעם, טו זיך אַ מעשה אָן — האָט עס ביי איר רק אָנגענומען; פון אַ שפּרינקעלע, דער גוטער יאָר ווייסט; ס׳איז, אסור, די ווייד נישט ווערט געווען, און זיך אָנגעשטעקט דערמיט ווי מיט אַ פייער; און באַלד געלאָזט אויפגיין ווי אַ באַרל — דעם בויך, אַז די גרויזאַמע מורא פון דער פינסטערע קללה, זאָל אייביק איר אָנהאַלטן, און זיך האָבן ווי באַזעצט אין איר...

ס׳גזלנ׳ישע האַרץ האָט זיך אים געוואָרפן, אַריינקלערנדיק: דאָס ער אַליין קען גיכער פאַר אַלעם זיין איר אומגליק, צוליב דעם צופּעליקן אומוואַרפן זיך אויף די געמאַרקן, וועגן, און בע׳עולה׳ן אַזוי פיל און אָן אַ שיעור, — מענטשן, וועלכע פאַלן צו אים אַריין אין די הענט, און לויפן נאָכדעם באַלד אַרוים ווי אונטערגע־

שאָסענע, פאַרצווייפלטע, קריכן אַריין מיט די הענט אין די האָר, פליקן זיך אויס גאַנצע פּאַסמעס, און גלאָצן משונה מיט די גלעזערנע אויגן, ערגעץ אויף אַ מאַרק, אַ וואָגן, צי אויף אַ באַן, נישט קיין חלוק: וואו ס'אומגליק האָט זיי געטראָפן, און באַפאַלן:

— גוואַלד, מ'האָט דאָך מיך אומגליקלאַך געמאַכט!...

— בדיל הדל געשטעלט.

— ביים איינעם העמד געלאָזט...

— ס'איז נישטאָ באַלד מער צו וואָס אַהיים צו פאָרן...

— ס'קומט דאָך פּשוט אויס, נישט אַנדערש, נאָר ווי ס'לעבן זיך צו נעמען...

און נאָכמער, אַז ער האָט געוואוסט, אַז זי איז נישט ווייניקער ווי זיינע פאַרפאַלגער — אויף זיינע שפּורן; אַז ס'גייט איר שוין גוט אין קאָפּ אַריין פון אַלעם, און נאָר־וואָס ס'פעלט איר דערווייל אויס כח, און האָט נישט דאָס דרייסטקייט אים צו זאָגן, אַז ער טראָגט וואַרשיינלאַך די ירושה פונם אַוועקגעקומענעם וואַלד, איז דער איינגנטלאַכער יורש פון די פאַרשוואונדענע גזלנים; דער שטח און ער, איז לכתחילה נישט מער ווי די פאַרקערפּערונג פונם אמאָליקן וואַלד; די שטומע שרעק, די נשמה אירע, וועלכע שוועבט איבערן געגנט אַזוי פריש און צאַפּלענדיק נאָך אַזא לאַנגע צייט ווי דער וואַלד איז נישטאָ — ווי פריש ס'איז די ראָסט יעדן פרימאָרגן, וואָס פאַלט פון הימל אַראָפּ...

ר'האָט איר, וואָס דוואָרעט, נישט גערן געזען: טראָגן... ווייל דאַן האָט ער גאָר נישט געקענט זיין מיט איר באַנאַנד; אָבער אַז זי האָט אויך אָנגעהויבן אַרומצוגיין נישט ווי מ'באַדאַרף אפילו ווען זי איז געווען ליידיק, אַזוי האָט ער שוין באַלד נישט געוואוסט, ווי ר'האָט זיך מיט איר צו באַנעמען; ער זעט: זי איז רק פאַר'חושכ'ט, — אַזוי נעמט ער קודם גיין מיט בייזן, נישט שוינען איר כבוד:

— ווילסט זיך מאַכן פּאַר אַ שטעקן ?... אַראָפּעסן ס׳פלייש פון לייב ?... ס׳אַלטע פּנים אויף זיך צוריק אַרויפנעמען ?...

און זי — נישט ווי איר מיינט מען ; ס׳אַרט איר נישט פאַר אים אַזוי גוט ווי פאַר די שטובן ; אַלץ איז איר דערווידער, יאָ־לאַ, און אויב אַזאַ בעל הבתישקייט, ווידער, — נעמט דאָך שוין אויף אַלעם וואַקסן שטויב, זיך אָנקלויבן ברעקלאַך, איבערגעבלי־בענע רעשטלאַך פון נעכטיקע טעג, וואָס לאָזן נאָך זיך סמנים : דאָ אַ הייפעלע מיסט, דאָרט — אַ געלער פלעק, וואָס ווערט נישט מער אָפּגעוואַשען, און אַוועקגעקליבן מיט יענער זאָרגפעלטיגע־געטריישאַפט פון אַ מיזאַמער באַלעבאָסטע ; ס׳גייט קידער־ווי־דער, פון זיך אַליין, מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פּיס קאַפּויר...

ווייסט נישט שמעון, וואו ר׳איז ערגעץ מיט איר אין דער וועלט ; צי זי איז גלאַט, אָן אַלעם, שוין אַזוי מיטן קאָפּ אין דר׳ערד, אָדער — ס׳איז פאַר עפּעס... ווידער אויפסניי אַ טראָגן, און נעמט צושטיין צו איר :

— כ׳וויל וויסן : וואָס ס׳איז מיט דיר ?... אויב דו גייסט אַרום אָהן אַ קאָפּ, ווייל דו ביזט שוין אָנגעקליידט ?... אָדער...

מאַכט באַשקע דאָס נישט פאַר קיין סוד און זאָגט:

— יאָ... שטאַרק אָנגעקליידט.

וואָלט ער דאָך אייגנטלאַך ווידער באַדאַרפט זיין צופרידן, שמעון, וואָס די שרעק איז אויף איר אָנגעוואָרפן דערפאַר וואָס זי איז אין פעקל, און איז נישט גלאַט אַזוי ווי ביי מאַנכע היצ־קעפּ, אָדער ריכטיקער : משוגעים, — גלאַט אין דער וועלט אריין !. קריכט ער פונדעסטוועגן אריין מיט אַ האַנט אין די שוואַרצע האָר, נעמט מיט איר פלינק אַרומדרייען, אַרומדרייען, און די אויגן ווערן שפּיציק ווי קאַנטיק־געשליפענע ברעקלאַך גלאָז :

— די כאַליערע ווייסט, ווי אַזוי ס׳נעמט זיך עפּעס ביי איר צונויף ?... וואָס אַלץ ער טוט נישט, אום אויסצומיידן די פינ־סטערע קללה, זי זאָל פאַרשפּאָרן חל זיין אויף איר ; דאָרט־איין, ־אַיִמ : ס׳בלוט זאָל אים גערונען ווערן אין די אָדערן... און —

טראָגט נאָכאַלעמען... איז פול... אַז, סך־הכל, קען ער איבערציילן אויף די פינגער, וויפל מאָל ר'האָט מיט איר געהאַט צו טאָן...

אָבער גיי, טו עפּעס, אַז זי טראָגט פּאַרט ; און אַז ער דערפילט דעם שטריק אויפן האַלז, וואָס וויקלט זיך אים איבער פון אַלע מאָל מיטן טראָגן אירן, — אַזוי ווערט ער פריער פאַר אַלעם, צוריק שמעון ; געעצט ; און ווייסט : אַז ווי באַלד איר גאַנץ משוגעת איז נישט סתם אין דער וועלט אַריין, צוליב משוגעת, נאָר ווייל זי האָט מורא, אַז זי וועט דאָ ווידער ווי די פריערדיקע מאָל, — נישט קענען אויסטראָגן ; ווי באַלד אַזוי, אַז ס'וועט ווידער נישט לעבנער אָנהאַלטן אויף ווי ס'טראָגן, און פאַרשווינדן אַזוי ניך ווי זי וועט אויסשפייען, וואָס ס'האָט זיך אָנגעקליבן אין אירע געדערים ; ווי באַלד אַזוי, — אַרט אים נישט אַזוי שטאַרק, און ס'שטייט אים נישט גע'הרג'עט צו ווערן דערפאַר :

— מילא, וואָס זאָל ער טאָן ?... ס'וועט דאָך נישט געמען אַן אייביגקייט ביי איר ?... מ'קען זיך נאָך ווי ס'איז אַן עצה געבן, און פאַרשטופן אַ שטיקל צייט !...

נאָר וואָס פון ערפאַרונג אין די זאָגענאַנטע טעג, ווען ער קען נישט מיט אַלעם ליגן אין אַל־די־רוחות, זיך אַרומוואַלגערן, נאָר מוז זיין אין שטוב אויך אביסל, לכל הפחות, געציילטע טעג.. און ס'זאָל אים ממילא אויסקומען צו זען ווי זי פּראָוועט אירע משוגענע שטיק, און פייניגט זיך... אַזוי נעמט אים אָן אַ חשק, און אַ שטאַרקער חשק, צו וועלן זיין דורכאויס מיט איר באַנאַנד אין שטוב, און זען מיט די אייגענע אויגן, אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט, — ביז ווען זי גייט ריכטיק, ווי יעדע איינע פרוי, און ווען זי קומט צו צום ברעג, ס'נעמט זיך אויס, ס'גייט נישט ווייטער און ס'ווערט אויסגערונען — — — — — — — — — — — —

— — — נאָך קיינמאָל איז ער נישט געווען ביזן סוף, ווען דער סוף איז אַריבער, נאָר באַקומען אָנגעזאָגט די פינסטערע בשורה, קאָפּענדיק זיך אין דעם ווייסטן שטח פונם אויסגעהאַקטן וואַלד :

„ס׳איז שוין נאכאלעמען...“ אזוי ווי ס׳וואלט שוין געקענט זיין פארגעסן פון א וואך אהער, אדער זייט א שעה צוריק און נאכ־וויניקער...

האט אים איצט אנגעהאלטן, ווער ווייסט: אויב נישט ס׳שטו־מע פאטערליכע געפיל, — אז ער זאל דא לינן ווי א הונט אי־בער איר, איר אנהיטן, אויב זי טוט זיך דאס אמאל נישט אליין, נישט גאנץ באוואוסטזיניק, אדער ס׳קומט צו איר, — צוליב איר מרה־שחורה; נאר אזוי ווי דער גזלן האט אים געצויגן, געשלעפט מיט שטריק צו די אפענע געמארקן, ברייטע טראקטן, וואו ס׳זיי־נען פאראן אזוי פיל פשוט׳ע מענטשן, וואס ווייסן זיך נישט ווי צו היטן מיט זייערע שווער־אנגעהארעוועטע פאר גראשן, און פאלן אומגערן אריין אין די געדיכטע נעצן פון זיינע שווארצע גזלנ׳ישע קונצן; און אליין מיט זיך, האט ער זי אויך נישט מער געוואלט לאזן, אזוי האט ער צוליב דאס און יענץ — גע־ברענגט אין שטוב אריין, די מוטער אירע; א שפארע באיארטע אידענע, מיט האר־ווארצעלאך אויפן פנים, און א גראב־באסאווע מאנסבילש קול, וואס קומט ווי ביי א שכור פון א פאס, — און איר אנגעזאגט, זהיר וזהיר, זי זאל זיין געווארנט אין איר, אין די טאכטער אירע:

— נישט בלויז פון איר נישט אפצוטרעטן, נאר מאקע אויך נישט קיין אויג ארונטערצונעמען; אז וואו יענע גייט, זאל זי אויך גיין, און וואו יענע קערט זיך און ווענדט זיך — זיך אויך קערן און ווענדן....

און ווי ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, האט מיט איר, מיט דער מוטער, פילפאכיק געזאלט בעסער זיין, ווי מיט אים; ווארים, אויף וויפל ער זאל אליין נישט האבן געוועזן איינגעגלויבט, אז ס׳איז אויף איר חל די קללה פונ׳ם וואלד, פונם שווארצן, פינסטערן שטח, פון וועלכן ער איז, ריכטיק — דאס איינציקע איבערבליי־בעכץ, דער שטיק חושך, די שטומע פארקערפערונג, די אנגעהוי־רע שרעק, — איז דאך פארגעווים פיל גלייכער, אז ער זאל זיך

מיט איר גאָר נישט געפינען אינאיינעם ; און אויב ס'איז גע־שייטער, אז זי זאָל זיין מיט וועמען, אייב זי נייטיגט זיך אין נאָך א מענטש, — איז דאָך טויזנט מאָל גלייכער, מיט א פרעמדן ; א פרעמדער וועט מיט איר זיין, איז דאָך מעגלאך, אז די קללה זאָל איר גאָר נישט קענען שולט זיין ; ווי געשיקט זיך עס, אז פאר א מענטש מיט ריינע הענט, וואָס האָבן נאָך צו קיינעם נישט קיין עולה געטאָן, — זאָל זי זיך נישט אָפשרעקן, און גאָר מורא האָבן צו צוטרעטן ; און אגב, אז ס'איז איר אייגענע מו־טער, וועט עס באזונדער ווירקן אויף איר, און איר נאָך דערוויי‍ל א ביסל ארויסהייבן פון דער בלאָטע, יענע זאָל נישט ליגן אזוי פארזונקען אין הושך, ביז זי וועט איבערקומען, ווי ס'זאָל נישט זיין, צום גוטן — אָדער חלילה, — צום שלעכטן...

די מוטער, א פליישיק אויסגעקנאָטענע אידענע, האָט זי זיך, ווי לאנג איר טאָכטער האָט נאָך דערווייל נישט געהאט קיין לעבעדיק קינד און עס געזאָלט האָבן באגראָבן, וואָס דער אמת, מצער גע־וועזן, אָבער ווייט נישט אוועקגעבערענגט ; וואָרים, א פרוי וועט בכלל, זאָגט מען, נישט אזוי שטארק זיך אוועקברענגען ביי א מאפלינג, ביים געבוירן א טויט עופה'לע, ווי מ'זאָל ביי איר ארויס־רייסן פון די הענט — א לעבעדיק קינד, מיט וועלכן זי האָט זיך שוין אזוי געהאט צוגעבונדן, און ארייננגעלעבט אין די אַלע נאַ־רישע און דערפרייענדע סיגה'לאָך ; מאפלען, נישט קענען אויס־טראָגן, אזוי לאנג כ'איז נישט מער ווי צופעליק, און נישט נאָכאנאנד — ווערט גאָר נישט באטראָכט פאר אזא גרויס אומגליק ביי ווײ־בער ; און מ'וועט זיך קיינמאָל נישט אין אזא פאַל, מצער זיין איבער דעם מענטשל וואָס האָט געקענט זיין און איז נישט, ווי פרייען זיך מיט דער מוטער וועלכע איז דאָס איבערגעקומען, און בשלום זיך ארויסגעדרייט פון דער צרה.

און די מוטער, וועלכע האָט אפשר נישט געוואוסט, אז ס'איז כ'ערשטע מאָל ביי איר ; און נאָכוויינינקער געהאט אז אנונג פון

דעם גאַנצן פּלאָנטער מיט אים, שמעון'ען, פון דעם וואַלד מיט די גזלנים, און דאָס אָנגענומען ווי געוויינטליך, פּאַר אַ שלעכט כח אין גלייכן וועג, — האָט איר אויסגערעדט:

— זי זאָל זיך טאַקע נישט אָוועקהרג'ענען. באַשקע; וואָרים, ס'איז נישט, אויב מ'קען נישט אויסטראָגן. — אויף אייביק אַזוי; זי ווייסט פון ווייבלאַך, וועלכע האָבן זיבן־אַכט מאָל געמפּול'ט, און איר געזאָגט — ס'אַ ליכטיקע קינדער, זיי האָבן דערנאָך געהאַט...

— יאָ, — האָט באַשקע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווייסנדיק גוט וואו דער הונט ליגט באַגראָבן, — ווען נישט דער וואַלד... די גזלנים?...

—ס'אַ וואַלד?... ס'אַראַ גזלנים?...

— און די קללה... מ'זאָל נישט האָבן פאַרשאָלטן, מאַמע...

—ווער האָט פאַרשאָלטן?... — האָט איר די מוטער אָנגעקוקט.

און זי, וועלכע איז באַלד פון דער היים־אויס, אַ פּנים — אַזוי ווי די אייגענע טאָכטער וואָלט דערמיט אין איר געווען געראָטן — נישט געוואָוינט געווען צו רוען, איז דאָ, אַרויסקומענדיק אויך נישט געבליבן זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט; און אַזוי גיך ווי ביי דער טאָכטער איז דער חשק צו די שטובן אָפּגעפאַלן, — איז ער אויפגעקומען ביי איר; און זי איז נישט געשלאָפן; די שיינק, די בעטן, די טישן, — אַז זי האָט זיי אַ נעם אַריינגעטאָן אין אירע הענט, האָבן זיי שוין קוים געזשופּעט פאַר די עטלאַכע טעג; זי איז אַ חוץ דעם, נישט ווייניק אויך געלעגן אין די טעפּ; מ'האָט אויף איר נאָך פון דער היים קיין נויט נישט אָנגעזען, און האָט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון קייען, און אַז מ'באַדאַרף, אַ פּנים, רק מעלה־גירה'ן בלויז צוליב הנאה; זי האָט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט די אכילה, אַז די אייגענע טאָכטער, וואָס ברויך מען נאָכמער — האָט נישט ווילנדיק געשמייכלט מיט איר פאַרוואָלקנט פּנים: און דער אַלטער־ חנן, האָט נאָר בלויז

געקענט שטיין און גאַפן, מלאַסקען מיט די ליפּן פון טיפע ענטצי־קונג אָדער גאָר באַדויערן, וואָס ער אַליין האָט שוין נישט קיין איין צאָן אין מויל, און טויג זיך קוים אויס צו אַ ביסל שיטערע קאַשע, נישט צו די קעלערן מיט ווײַנען, טעפּ שמאַלץ מיט פּע־טע הינער...

זי האָט געגעסן און גערודערט מיט די שטובן; זיי געהייסן גיין דובאָם, אין דער לופטן; און שמעון, וועלכער פלעגט פאַר־פאַלן ווערן אויף טעג פון הויז, און האָט קאָפּנדיק זיך אַלצאַינאַיי־נעם אויף די ברייטע פּוסטע שטחים, זיך צוגעהערט מיט גרויס האַרצקלאַפּונג, אויב ס׳לאָזט זיך דאָ ערגעץ נישט הערן קיין גערויש, און מ׳קומט אים נישט אָנזאָגן די פינסטערע בשורה: „ס׳ווייב דיינס האָט שוין אויסגעשפּיגן דאָס באַשעפענישל פון אירע געדערים“; שמעונ׳ען, דעם איידעם אירן, וועלכער האָט נישט טויט, נישט לעבעדיק, געשטעלט אַ פוס איבער דער שוועל, און באַלד געוואָלט מיטן ערשטן אָטעם־צי זען ס׳ווייב: אַ לעבע־דיקע, אַ גאַנצע, אַ פולע, — איז זי אים נאָכגיכער אנטקעגן־געקומען מיטן טאָפּ־עסן, מיט איר פּעטן שמאַלציקן פּנים, און מיט דער גע־זעצטקייט וואָס קומט פון אַ רואיקע זאַטקייט:

— דו וועסט אודאי גיין עסן, שמעון, ביזט גוט הונגעריק?...

— יאָ, — זאָגט ער, און אַזוי ווי אַ גאַנצע משא וואָלט זיך אים אַראָפּגעקייקלט פון האַרץ — און באַשקע?... וואָס טוט באַשקע?... זי האָט שוין עפּעס געהאַט אין איר מויל?...

— וואָס אַרט דיך פאַר דיין ווייב? — צעגייט זיך איר פּנים פון גרויס נחת — אויב זי האָט נאָך נישט געהאַט אין איר מויל, וועט זי שפּעטער האָבן... זיך שפּעטער אָפּנעמען איר עולה... ס׳מאַכט נישט אויס, אַז זי וועט זיך נישט אָנעסן צו דער זעט, אויף אַזאַ צייט...

און באַשקע טראָגט דערווייל גאַנץ געשמאַק; גייט ריזיק אנטקעגן די צייט, ווען זי וועט ברויכן ווערן אַ מוטער; און די דאָזיקע צייט

שמייכלט איר אַזוי ממזר׳יש־ליבליך־צו, כאָטש נאָך פון אַזאַ ווייט, ווען די וואָל איז נאָך אויפן שעפּס, און שוין אַזוי האַרציק, מאַ־מעדיק:

—דו וועסט דיך אַליין חדושן, און זיך גאָר נישט צו גלויבן, דו וועסט זען וואָס ס׳וועט פון דיינע געדערים אַרויסקו־מען...

און אַז זי הויבט אויף דעם קאָפּ, דערבליקט דעם שטח, איר מלאך־המות, גלאָצט זי באַלד אויס אַ פּאָר אויגן ווי אַ קאַלב, וואָס מ׳בינדט עס צו דער שחיטה.

— יאָ, כ׳וועל אַ סך האָבן, אַז כ׳ליג דאָ בייזאַמען איינגע־לייגט...

און שמעון, וואָס האָט אַזוי דורכאויס געוואָלט זיין מיט איר, און דווקא געמוזט מיידן ס׳הויז אויס מורא, ווי ס׳האָט זיך אים אַליין אויסגעדוכט: אַז ער זאָל ווירקלאַך זיין די ריכטיקע קללה, דאָס פינסטערע איבערבלייבעניש פונם וואַלד, דורך וועמען זי קען גע׳נזק׳ט ווערן; און אויף וויפל ער האָט זיך נישט דערוויי־טערט פון הויז — האָט ער פאָרט נישט געקענט איינליגן אין ער־געץ, און זיך געמוזט ברענגען אַלצאיינאיינעם צו שלעפּן און פון דערווייטנס כאָטש צאָטעווען אויף איר, האַלטן אויפגעשטעלט די אויערן:

— הע?... וואָס זאָגט איר?... זי גייט נאָך אַרום?... ס׳מאַכט זיך גאָר נישט מיט איר?...

און אַז ס׳האָט זיך ווירקלאַך גאָר נישט געמאַכט, נישט גע־ווען אויסטערליש, און ס׳גיין איר׳ס, האָט זיך אים פאַר געגוג לאַנג געהאַט אויסגעוויזן; אַז ס׳האַלט לעננגער־אָן ווי־וועג־אַמאָל, — קומט דאָך אויס, אַז ס׳איז נאָר דערפאַר טאַקע, וואָס ער קומט נישט וואו זי איז; און נאָכמער אפשר: וואָס אַ פרעמדער, כאָטש איר אייגענע מוטער, אָבער דאָך פרעמד ווייל זי האָט גאָר נישט ניט צו טאָן מיטן וואַלד, מיטן שטח, — גייט זיך מיט איר אום; און אַ שטן: טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט געשיינט צו זיין

מיט אלעמען, דערפאר ווייל ער האט זיך דערוווּסט פון איר, — אזוי האט עס אים ערשט געשלעפּט, מיט קייטן געצווינגן, כאטש פאר א רגע ארייַנצושטעקן די נאז, א שמעקטאן, א לעקטאן, זיך ארייַנרייסן מיט אימפּעט, און בלייבן שטיין אנגעבויגן נ׳קאפּ, ווי איינער וואס קוקט אריין זיין בלוט־שונא אין די אויגן, ווען ר׳האלט אויף אים א מעסער אויסגעשטרעקט.

— שווינגער, וואס טוט זי?

— וואס זאל זי טאן? — האט זיך די אלטע נישט גערירט, נאר געלעגן פארהאקט אין די טעפּ, און נישט אנגעהויבן צו וויסן, וואס ר׳האט אזוי ס׳קדחות פאר איר, — וואס זאל זי טאן?...

— גייט ארום, באשקע?

— גייט ארום, אודאי...

— נאך קיינמאל נישט, דוכט זיך, אזוי לאנג ארומגעגאנגען...

— ס׳מוז דען אלעמאל אלצאיינס זיין? — פארשטייט נישט די אלטע.

— אין וועלכן חודש, שווינגער, איז זי, איר ווייסט נישט?...

— באשקע, ווי לאנג גייסטו שוין? — גיט זי זיך א קער אום צו איר, — באשקע, ווי לאנג גייסטו שוין?...

גיט זיך באשקע א שטעל־אפּ, א ווארף מיטן קאפּ, א פלי ארויף ערגעץ, א פאל־אראפּ, א דורכבויערנדיק די טיף, אויסמעסטנדיק די ברייט פון דער צייט, און באווייזט זיך א שטראליקע, ווי ס׳וואלט זיך פאר איר אנטדעקט דער סוד פון האבן א קינד:

— קיילעכדיקע פיר חדשים באלד, שמעון...

— נאך קיינמאל נישט ביי דיר אזוי לאנג דאס געווען! — ברענען רויט זיינע אויגן.

— טאקע נאך קיינמאל נישט אזוי לאנג ביי מיר דאס געווען. — ציט זיך א ליכטיגקייט פון איר פנים.

שוין; און מיט איטלאכן טאג, וואס דער בויך צעוואקסט זיך ביי איר, — מער צעוואקסט זי זיך אליין, דאס צום־טויט פארלוירענע ווייבל, ווי זי וואלט עפּעס דערזען איר אויסלייזונג אינם

בויך, וואָס האָט זיך ביז דאַן נאָך קיינמאָל נישט אַזוי הויך גע־הויבן, ברייט און קיילעכדיק געשפּריייט, כאָטש ער האָט דאָך בטבע געברויכט זיין צו לאַסט; האָט זי אים דאָך געטראָגן ווי אַ זיסע לאַסט, די איינציגע משא אפשר וואָס אַ פרוי טראָגט גערן, פאַר ליב געמענדיק ווען אַפילו ער פאַרקריפּלט איר קערפער, מאַכט אים כאָוס, העסלאַך, און שטערט איר אין גיין און אין ליגן: דער בויך איז איר אַנגענעם־ליב, און זי טראָגט אים ווי אַ הייליקע מאַרטירער־משא, כאָטש זי פילט זיך אומבאַהאָלפן שווער אינ׳ם גיין; ליגנדיק — מאַכט ער איר עפּעס אַזוי, ווי דער גאַנצער קערפּער מיט די פיס און מיט די הענט, זאָלן שוין זיין אַזוי איינגעפאַלן, אַוועקגעקומען, פאַרהוילן, אַזוי ווי ס׳וואָלט נישט גע־ווען פון איר מער ווי דער בלויזער בויך, וואָס גייט אויף ווי אַ ריזי־קער קלויסטער־קופּאָל, ווי אַ לעבעדיק־באַוועגלאַכער באַרג, בשעת אַלע אַנדערע גלידער גייען איין, ווערן קליין, איינגעשרומפּן, ווייל זיי האָבן שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו לעבן, אָדער זיך אָפּגע־שטעלט אין מיטן וואַקסן, געבליבן אַזוי ווי זיי זיינען: נישט גרע־בער, נישט דינער, — בשעת דער בויך האָט זיך אַזוי שיין ארויפ־געאַרבייט, און ס׳פעלט נישט מער, נאָר ס׳זאָל אין אים אָנהויבן לעבן; זוכט זי לעבן אין אים, האָרכט זיך איין מיט אַלע חושים, מיטן שאַרפן געהער פון אַ שפּיר־הונט, וועלכער לייגט אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערד, אַזוי דערפילט ער די טריט פון פאַר מייל־ן־ווייט, בלייבט צייטנווייז אָן אָטעם, לאָזט טויט אַלע אברים, זי זאָל זיי פאַר אַ רגע נישט שפּירן, נאָר בלויז דעם אויפגעגאָסענעם בויך; און ווי איינער וואָס קומט צו זיך נאָך אַ גרויסע איבעראַשונג — אַזוי האָט זיך ביי איר ס׳פּנים אָנגעצונדן, העליש־רויט אָנ־געכאַפּט, ווען ס׳איז געקומען די לאַנג־ערוואַרטעטע מינוט, די זיסע לעבנס־דער־פרייטע רגע; ס׳בלוט האָט גענומען קאָכן, זיך גע־ריסן און געשפּאַרט מיט דער גאַנצער קראַפט, אין די דראָבנע וויי־כע אָדערלאַך, וועלכע זיינען געווען צו איידל, צו דין, — און געמוזט ווערן גראָב, אָנגעשוואָלן, ביז צום פּלאַצן; ס׳האַרץ האָט גע־

קלאפּט, ברייט און הויך געקלאַפּט, אַזוי ווי זי וואָלט טאָפּלט שטאַרקער געוואָרן, צו־באַקומען די כחות פון אַ צווייט לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט ביי אַ פּיצל קינדעלע אין איר בויך, און זיך הויך צושריגן:

— שמעון, שמעון, לייג צו אַ האַנט; כ׳האָב געשפּירט ווי ס׳לעבט אינוועניק ביי מיר...

פאַרגעסן: אַז ער איז איר אומגליק, און אַז נאָר דורך אים האָט זי אַלע עופּה׳לאַך פאַר דער צייט אויסגעשפּיגן, און אַצינד פון טיפער חרטה, וואָס זי האָט אויף אים געהאַט אויסצוטראַכטן אַ בלבול, אַריינלייגן אין אַ פאַלשן שם, בשעת ער איז גאָר גאָט די נשמה נישט שולדיק — אַ כשר׳ער, ערליכער מענטש, אַ צדיק, אַ ריינע, אומבאַפלעקטע נשמה, וואָס האָט נאָך אויף זיין לעבן קיינעם חלילה נישט באַ׳עולה׳ט, און אַ האָר אויפן קאָפּ געקרימט...

— שמעון, שמעון, וואָס זאָגסטו נישט דערצו, — ס׳קינד האָט אָנגעהויבן לעבן?... לעבן!...

און דאָ מיט אַמאָל, זיך ווי איבערגעבראָכן; צו גאָר פון צו הויכן אויפהויבן זיך — אַראָפּגעפאַלן, און זיך געגעבן מיט אַזאַ קראַך אַ קייקל, אַז ס׳האָט נישט באַדאַרפט בלייבן אין איר קיין איין גאַנצער ביין; און בלויז דורך אַ נס — נישט צעשאָטן געוואָרן אויף שפּענדלאַך און זיך געקענט ווי־ס׳איז אויפדערהאַלטן מיט אַלעמען...

— יאָ, כ׳וועל האָבן אַ קינד, שמעון; כ׳וועל דיר ברענגען אַ לעבעדיק קינד אויף דער וועלט, נאָר צו ווייסטו, אויב איך וועל נישט שטאַרבן ביים האָבן?...

ס׳גיט אים אַ שלאָג איבערן קאָפּ, די שטוב מיט אַלעמען זיך אַ וויג פאַר די אויגן, אַזוי ווי זי וואָלט פאַרשווימען געוואָרן כהרף עין, אין איין מיש־מאַש, אָבער דער גזלן וואָס אין אים, באַקומט באַלד די אויבערהאַנט, און ער גיט זיך אַ וואָרף איבער איר:

— דו ביזט משוגע, און ווייסט שוין נישט וואָס אויסצוקלערן?...

בלייבט זי שטיין העפטיק, ווי איינער וואָס זעט דעם טויט פאַר די אויגן.

— דיין מאַמע איז דיר נישט אָפּגעשטאָרבן, ווען זי האָט דיך געהאַט אַ לעבעדיקן ?...

שמעון איז עפּעס פאַר דער האַנט געבליבן געשטעקט, ווי איינער וואָס ס׳בלייבט אים שטעקן אַ ביין אין האַלז, נישט אַהין־און־נישט אַהער.

— גיי, און שפּאַר איר איבער, אַז זי וועט נישט שטאַרבן, פּונקט ווי מ׳זאָל איבערשפּאַרן ווערמען, וואָס רעדט זיך איין: ער האָט אַ לונג־און־לעבער ביי דער נאָז אַראָפּהענגען, אַז ער האָט דאָס נישט...

און נישט די גדולה, נאָר ס׳צער וואָס ס׳קינד לעבט — איז נישט בלויז צערונען ביי איר, נאָר אפילו זיך שווער געלייגט אויף אים. שמעונ׳ען, ביי וועלכן איר זיכערקייט: אַז ס׳קומט איצט איר סוף מיט׳ן האָבן ס׳קינד, האָט אים אפילו נישט דער׳כעס׳ט גאָר, ער זאָל אויפשטיין, זיך וואַרפן אויף איר, ווי ר׳האָט דאָס נאָכאַנאַנד געטאָן: „הער נאָר. דו... מאַך דיך נישט גע׳פּגר׳ט...“ נאָר גיכער אים פאַרשאַפט יסורים, ווי צו אַ זאַך וואָס איז טאַקע אונאַנגענעם, און מ׳קען זיך פאָרלויפיק דערפון נישט אַרויסדרייען, זען אויסצומיידן...

און דאָס, אַ שטיק — צוליב זיין אייגענע מוטער, וועלכע איז געשטאָרבן ביים האָבן און נישט קיין אַנדערן, ווי אים אַליין: געמוזט פריער נאָך אָפּגעבן איר לעבן, פאַר די אַלע לעבנס וואָס ער וועט שפּעטער כמעט ווי אומפאַרמיידליך מוזן צורויבן אויף די וועגן; און גיי, ווייסט, אויב זי, דאָס ווייב זיינס, וועט נישט געבוירן אויך אַזאַ אייגן קינד, ס׳עפּעלע פאַלט דאָך נישט ווייט פונם ביימעלע, — און זי זאָל טאַקע באַציטנס מוזן אַוועקגיין פאַר דעם קליינעם משחית׳ל, וואָס וועט שפּעטער אַמאָל, אַזוי גוט ווי ער — פאַרדאַרבן די וועלט, צונעמען ביי די מענטשן ס׳לעבן...

—גיי, ווייסט, אויב ס׳רעדעלע וועט זיך ווידער נישט אי־בערדרייען ?...

און ווי געטראָפן ער איז נישט, און האָט באַלד אויף אַן אמת מורא פאַר איר, פאַרן ווייב, אַז זי זאָל זיך נישט אָפּטראָגן — צינדט זיך דאָך אָן ביי אים אַ פּייערל, אַ העלם, אַ ליכטיקס, אַזוי ווי ס׳לעבעדיקע קינד, וואָס איז דאָך מיט אַלעם זיין, — וואָלט ביי אים מער אויסגעמאַכט פאַר איר, און בלויז מורא געהאַט דאָס אַרויסצוווייזן, אַז ס׳זאָל נישט אויסקומען ווי ער קוקט אַיִם ס׳קינד זאָל לעבן, ווען אפילו זי זאָל שטאַרבן... און בלויז ווייט, ערגעץ־ווייט ביי זיך, אויב ער האָט דאָס געקענט זיין, — זיך געפרייט, אַזוי שיין זיך צעלאָזט דאָרטן, ווי די ערגסטע באַזויפּענע שכורים, אין שיינק: „בע־בע... דאָך איינמאָל כאַטש אָנגעלעגט ביי איר...“ און דאָ, זיך טרעפנדיק מיט איר, זיך ענו׳דיק געהאַלטן, און צום טויט־דערשלאָגן געפרעגט:

— אָבער ס׳קינד, באַשקע, שפּירסטו ?...

— יאָ, — זאָגט זי — רעגירט אַרום, צעלייגט מיר נ׳בויך אינגווייניק...

— אודאי זיין אַ אינגל ! — גיט ער זיך אַ דערהויב.

— וואָס ווייס איך אַ חלוק אין שפּירן אַ טעם פון אַ אינגל ביז אַ מיידל — זאָגט זי אַזוי פאַרלעגן, אַזוי ווי ס׳קינד וואָלט איז גרינג געווען אויף דער נשמה, גאָר נישט ניחה, און זיך גיכער מער דערפרייט, ווען ס׳זאָל אויסרינען, גאָר נישט דערפון ווערן...

טרעפנדיק זיך מיט דער שוויגער, און זעענדיק : ווי יענע איז גאָר דעראויסן פון אַלעמען, און ס׳וואָלט איר גאָר נישט אָנגע־גאַנגען : איר אָפּענע מורא און זיין פאַרבאָרגענע פרייד, אַזוי ווי זיי וואָלטן ביידע נישט פאַר איר געווען, נישט קיין פרייד און נישט קיין מורא, נאָר סתם אַזוי ווי ביי אַ געוועגלאָך טראָגן און האָבן ביי יעדע איינציקע, — האָט ער דאָך, וויסנדיק, לויט זיין פאָטער האָט דערציילט, — אַז ס׳גאַנצע אומגליק ביי דער מוטער זיינע איז אַרויסגעקומען צוליב אַ הייוון ; אַז זי איז אויסגעגאַנגען,

ווייל מ׳האָט נישט געקענט קריגן ווען אין שטוב אַריין — קודם־כל געוואָלט זיין זיכער מיט עמיצן, אַז מ׳וועט באַדאַרפן...

און טרעפנדיק זיך מיט דער שוויגער, האָט ער שוין ברייט געכאַפּט אַ שמועס מיט איר :

— מ׳ברויך שוין אודאי, שוויגער, באַלד אין זינען האָבן אַ הייוון !...

די גראָבע אידענע, איר מוטער, וואָס האָט אָן אַלעם גוט געוואוסט, דאָס אַ קינפּעטאָרין מוז זיין גרייט מיט אַ הייוון, איר האָבן כמעט אונטערן אָרעם, זיך לייגן שלאָפן און אויפשטיין מיט איר, — איז שוין ווידער דאָ פון אים נישט אָראָפּגעקראָכן :

— אודאי מוז אַ געווינערן האָבן אַ הייוון ; און נאָך אין אַזאַ העק, שמעון, ווי ס׳מאַכט זיך — קען מען דאָס נישט אָפּשלעפּן, זיך איינריידן : ס׳וועט נאָך אַביסל געדויערן... אויב ס׳איז טאַקע נישטאָ קיינער אונטער דער האַנט, — קענען נאָך חלילה, צוויי נפשות גיין פון דער וועלט...

זי איז אַריינגעקומען אין ניינטן חודש, באַשקע, — איז עפּעס געווען אַזוי, ווי ס׳וואָלט אַלץ פאַרגליווערט געוואָרן ; וואָס זי האָט אַלץ נישט געהאַט פאַרלייגט קיין אַרבייט, אַז די קללה, זאָל באַצייטנס קומען, געהאַלטן פשוט אויסגעשטרעקט די הענט, — ווי לאַנג ס׳קינד קען נאָך טויט געבוירן ווערן — און זי זאָל דערפאַר בלייבן לעבן ; געזוכט איר איבער אַ גוואַלט אָנצוקריגן מיט אַ שפּרונג, אַ וואַרפטאָן זיך פלינק, זי האָט איצט מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט פון אַלעם, וויסנדיק :

— איין טאָג אין ניינטן חודש, מ׳לייגט זיך אַריין אין בעט, לעבט שוין ס׳קינד...

און געווען אנגעגרייט אויפן ערגסטן, וואָס ס׳זאָל נישט מיט איר זיין...

ער ווידער, שמעון, האָט זיך דאָ געגרייט מיט אַלע כחות ; וואָרים, אַזוי ווי ס׳נפש׳ל האָט איצט געהאַט די אויבערהאַנט, נישט

קיין חלוק: צו דערפאַר ווייל ער איז מיט איר נישט געווען, און די מוטער, — יאָ געווען, ווי ס'האָט נישט געזאָלט זיין, איז דאָך די קללה געבליבן אָפּהענטיק, פאַר'חלש'ט ערגעץ, און נישט געהאַט מער דעם כח עס אומצוברענגען, ווען ס'איז נאָך געווען אין דער מוטער'ס בויך, — אַזוי האָט ער איצט געזוכט אַ טויט פאַר איר מיט אַלעם, אַז זי זאָל אויך נישט קענען אויפשטיין איבער דער מוטער, ווי־ווען אפילו דענסטמאָל זי וועט זיך געפינען אין גרויס סכנה, ווי ווייבער מיינען...

די מוטער, ווי די מוטער, — זי האָט נישט געוואוסט קיין חכמות, אַזוי גיך ווי זי האָט געזען ס'יונגע ווייבל באַקומט די פאַרבן אין פּנים, און באַקומען האָט זי זיי באַלד אין די ערשטע טעג פון ניינטן חודש, — אַזוי האָט זי גלייך גענומען וועקן, רייסן פון אים שטיקער:

— שמעון, גיכער, גיי ברענג די הייוון, באַשקע קרייסט...

שמעון האָט שוין אויך גוט געוואוסט וואו די הייוון שטעקט; נישט קיין הייוון, ווייל אַזעלכע איז דאָ גאָר נישט געווען צו באַקומען, — נאָר אַ באַבע, אַ געווענליכע באַבע, וועלכע האָט גאָר געוואוסט צו טאָן כשוף מיטן ווייטן קראַם פון אַ האָן, הינערשע־פּיסלאָך, צו גלאַט מיט די וואָל פון אַ שעפּס, און אויך געלעגן ערגעץ דאָ אויפן שטח, פאַרשטעקט, צוליב אַ טעם, אויפן דרייסיק־סטן וויאָרסט...

און אַזוי ווי ער האָט איר געברענגט מיטן קוק, די באַבע, האָט זי צו זיין גרויס וואונדער, — זיך נאָכגיכער צוזאַמענגענומען, און געהייסן אָפּפירן צוריק אַהיים:

— ס'איז נישט אויף קיין האָבן נאָך...

— און די ווייען? — האָט שמעון גע'חלש'ט.

— די ווייען, זי וועט זיי אַזוי האָבן פאַרן גאַנצן חודש, ביזן סוף...

און די מוטער אירע, זי האָט נישט מער באַדאַרפט האָבן; זי האָט דערנאָך געמענגט זעען, ווי באַשקע קרימט זיך, ווערט ברוינ־

און־בלאָ, באַקומט אַלע זיבן קאָלירן, ציט זיך פּשוט אויס צו אירע פּיס, — האָט עס איר אַ האָר נישט אַ טשעפּע געטאָן; האָט זי שוין געהאַט איר פּזמון:

— פאַלשע ווייען...

שמעון אָבער האָט זיך נישט באַנוגן געלאָזט, וואָס די באָבע האָט אַזוי געפּסקנ׳ט, און ביי עפּעס־וואָס־נאָר, שוין געמינטערט די שווינער:

— שוויגער, וואָס זאָגט איר?... גלייכער: אַן איבריק מאָל איר אַרויסברייגנען, ווי לאָזן איר אַליין, באַשקען, ווען מ׳קען איר גראָד באַדאַרפן...

האָט דאָס די אידענע שוין אַביסל אַראָפּגעקלאַפּט פון די פלינגל, זי זאָל זיך פאַרטראַכטן:

— ביזט באַלד נישט אומגערעכט, שמעון; וואָרים, די צרה איז, וואָס ביי אַן ערשטלינג, איז שווער צו וויסן די טבע פון דער געווינערן: אויב זי גייט אויס גאַנצע ניין, צי בלויז עטלאַכע טעג אויפן ניינטן חודש...

און שמעון, האָט זעצנדיק דאַרויף, שוין נישט געוואַרט מער, ביז מ׳וועט אים קומען וועקן, זאָגן, נאָר זעענדיק אויף איר פּנים עפּעס אַ שטיקל שינוי, — שוין געשפּאַנט דעם וואָגן, און גע־פלויגן פייל פון בויגן נאָך דער באָבע, וועלכע האָט זיך צעביי־זערט און שוין נאָכער נישט געוואָלט מער פאָרן.

— גיי, פאַרדריי נישט אַ קאָפּ, כ׳קען מיר נישט אָפּשלאָגן די זייטן איטלאַכס מאָל ביי דיר אויפן וואָגן, בחנם...

אָבער אַז באַשקע האָט זיך שפּעטער געגומען קנייטשן, זיך פאַרגיין, און שמעון האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ קלער, ווייל ס׳איז אים שוין געווען אָפּגעמאַיסט פאַר דער אַלטער באָבע, — אַזוי האָט אים די מוטער אירע, אַ שטעלגעטאָן אויף די פּיס:

— יאָ, שמעון, מ׳ברויך איר צו האָבן; אויף איין פוס, כ׳האָב מורא — ס׳וועט שוין גאָר נישט לאַנג געדויערן...

איז אים באַפאַלן אַ היץ, שמעונ׳ען:

— אזוי ראפטום, שווינער?...

און זיך געלאָזט לויפן, און קלינגען מיט'ן וואָגן, איבער די לײדיקע, פוסטע שטחים ערד, איבער שטאָק איבער שטײן, און װעלכע איז אים כמעט אזוי ווי אליין פרעמד געווען; און א הימל איבערן קאָפּ, און אויסגעזען צו גלײך ווי אײנער וואָס אנט־לויפט פארן טויט; דער וואָגן האָט זיך נאָר געהוידלט איבער די אויסגעפוילטע פיעניעס פון די אויסגעקראָכענע ביימער, זיך גע־שאָקלט, איין ראָד אראָפּ, ס'אנדערע — ארויף, און זיך נאָכאלעם געשפּירט גליקלאך:

— וואָס דער וואָגן איז ליידיק; וואָרים, וואָס ס'זאָל נישט זיין אויף אים, — וואָלט עס באשטימט צעפלויגן געוואָרן איבער דער פוסטער לײדינקייט פונ'ם וועג...

צו דער באבע האָט ער זיך ארײנגעריסן מיט א גוואלט:

— שוין, די מינוט, באבע־לעבן...

זי, קענענדיק אים, דעם היצקאָפּ, — האָט זיך אפילו נישט קיין ריר געטאָן.

— ס'אודאי נאָך אויף נארנישט...

— ניין! —איז אים שיעור ס'הארץ נישט ארויסגעפאלן, — ווען כ'בין ארוים פון שטוב, האָבן אירע גוואלטן מיר שוין גע־לעבערט נ'קאָפּ...

— ס'ערשטע מאָל זי מאכט גוואלטן, — האָט זיך די אלטע באבע געקרימט. — זאָל איך זיך דאריבער שלעפּן אין אזא נאכט, אויף אזא וועג...

— כ'האָב לייבן אין וואָגן, נישט קיין פערד! —האָט זיך שמעון איר קוים איינגעבעטן.

און ארויסקריגנדיק איר צו זיך אויפן וואָגן, — האָט ער זיך שוין איינמאָל געלאָזט אין וועג אריין; א וועג — זינט זיינע אויגן זיינען אָפן! ס'האָט אים נאָר געבליצט אין די אויגן פון די פייערן, וואָס האָבן זיך ארויסגעריסן ביי די פּאָדקאָוועס פון אונ־טער די פערדס פיס; שטיקער רויך, קנוילן, האָבן פארדימפּן גע־

שלאָגן פון יעדן אויסגעפליקטן בוים, און ס'האָט אויסגעזען ווי דער וואַלד וואָלט פון פאַר אַ קליינע ווײַלע אַהער, אָפּגעברענט ביז צום גרונט, און אַז דאָס זאָלן נאָך זײַנע וואָרצלען פון די ערד אַרויס אַלץ נישט האָבן אויפגעהערט צו רויכערן; ער האָט נישט מער דערקענט דאָ ס'אָרט, דעם גאַנצן שטח; די ערד — נישט מער געווען די אייגענע ערד, און די שטחים ? דער גוטער יאָר ווייסט זיי, וואָס זיי נעמען זיך גאָר נישט אויס; זינט ווען ער פאָרט און פאָרט, — וואַקסן זיי זיך אַלץ מער אויס, אַזוי גוט אין דער לענג און אין דער ברייט... פאָר... פאָר... אַז ס'איז קיין אָנהויב, קיין אויסלאָז, ס'האָט קיין סוף, קיין גרעניץ נישט... און נאָך ערגער: וואָס די האַרטע פאַרוואַרצלטע פּיעניעס, זײַנען מער נישט גאָר האַרט, און פון דער וואַרימקייט, אַ פּנים, געוואָרן קלעפּיק... און אַ סברא: אַז ער פאָרט גאָר נישט, די רעדער קוילערן זיך, און דער וואָגן שטייט אויף אָן אָרט; זיי דרייען זיך טאַקי אַרום'ן אַקס, אָבער דער וואָגן גייט דערפון נישט ווײַטער; ער באַוועגט זיך בלויז אין אַזאַ קלעפּיקע, צוגאַנגענע מאַסע, הייבט זיך אויף־און־אָפּ, אויף־און־אָפּ, און גאָר נישט... דער וואָגן שטייט...

און דערשפּירט דאָ אַ הייב, אַ הילך, אַ קלאַפּ, — ס'האָט דער־לאַנגט אַרויס, אַזוי ווי דער גאַנצער שטח וואָלט זיך פון ערגעץ אָפּ־געריסן, אַזוי ווי אַ שטיק אײַז אויפן ים, ווען עס רײַסט זיך אָפּ, צעפּליט, און יעדעס שטיק באַזונדער, איטלאַכע פּאַצענע — שטעלט זיך דובאָם, אויפן שטאָרץ; און ווערט שוין, נאָכגיכער, אַוועקגע־שלעפּט, נאָך איידער ס'האָט זיך באַוויזן אַוועקצולייגן... ער האָט געשפּירט: אַ קלאַפּ.... און אַז ער פאַלט ערגעץ, ווערט פאַר־פאַלן, אַזוי ווי די ערד וואָלט איר מויל אויפגעמאַכט, און צוליב עפּעס אַ שרעקלאַכע נקמה, אים דאַ פאַרזוכט אײַנצושלינגען מיט איין שלונג און פאַר איין מאָל; און זיך באַלד דאָ גענומען שטאַרקן דעם קערפּער מיט דעם קליינעם ביסעלע כח, וואָס ס'איז נאָך גע־בליבן בײַ אים; גענומען שטאַרקן די גלידער, זיי שטײַפן, און מיטן לעצטן ביסעלע פאַרשטאַנד. וואָס האָט שוין ערגעץ־וואו געהאַט

געשטעקט ביים סאַמע אויסגאַנג, וואו — אויב ס׳גייט נאָך דאָרט אריבער, אַזוי איז שוין אויס מיט אַלעם ; און גענומען ציען ארויף, ארויף, און באַלד ארויסגעשטעקט נ׳קאָפּ פון אונטער אַ גאַנצן באַרג מיט שטיקער, געבליבן צוריק שטיין אויף די פיס, און שוין אַזוי גוט געוואוסט :

— ס׳איז די קללה ; ר׳האָט זיך דאָ אָנגעטראָפן מיט איר, און אַז זי האָט אים צעשמעטערט דעם וואָגן, צוליב וואָס, גאָרנישט: אַ פּיען... אַן אויסגעפּוילטן פּיען פון אַ בוים... אַ ווייכן וואָרצל...

און זיך אַראָפּגעבויגן צום הויפן בראָכוואַרג, מיט בלוט אין די אויגן — איר אָפּירגעצויגן, די באַבע, וואו זי איז דאָרט ער־נעץ געלעגן אריינגעדרייט, און אָן לעבן.

— שטיי אויף, באַבע... כ׳מוז דיך ברענגען באַצייטנס אַ היים, צו מיין ווייב...

אירע קרעכצן צעריסן ס׳האַרץ.

— נישט קיין וואָגן, נישט קיין פערד, אַליין — צעבראָכן, צוקאַליטשעט... נישט קיין איין גאַנץ אבר...

און אַזוי איר געכאַפּט אויף די פּלייצעס, ווי אַ בינטל, און געלאָפן דאָ מיט איר, ווי מיט אַן אוצר.

— ס׳וועט נישט העלפן דיין קרעכצן, דיין וויינען, באַבע, אַז מיין ווייב ברויך דיך האָבן...

ער האָט געפילט די קללה, אַז זי איז דאָ מיט אים אויפן וועג, און האָט זיך פאַרמאָסטן מיט אים ; אויך דענסטמאָל ווען זיין מו־טער איז מיט אים געגאַנגען צום בעט — ווער ווייסט דאָס נישט, — דאָס זי האָט אויך אַזוי צורעכט געמאַכט, אַז זי זאָל דאַריבער באַדאַרפן גיין פון דער וועלט !...

און דער ווייטאָק פון זיין מיטער׳ס טויט, די מורא פאַרן ווייבס לעבן, — האָבן אים ביידע געטראָגן ; ס׳בלוט האָט זיך אים געגאָסן אין האַלז אריין ; ער האָט געשלונגען דאָס בלוט, וואָס האָט פון אָנפאַנג געטריפט און באַלד געיורזשעט פון די אויגן, פון די אויערן, דורך אַלע רערן און קאַנאַלן — עמערס־ווייז ; און

דאָך נישט אָפּגעשטאַנען, נישט מיד געוואָרן, נאָר געפלויגן ווי א ווינט, זיך געטראָגן ווי העליש בראַנד־פייער, מיט דער גיכקייט פון א בליץ, נישט פילנדיק: שטיינער ליגן פאַר זיינע פיס... קיזל־שטיינער... בערג הויבן זיך אויף פאַר אים... ער איז זיי אַרי־בער ווי א פייל אויסן בויגן, אַריבער, אַלץ אַריבער, ביז ס'הויז איז אים ענדליך געקומען פאַר די אויגן; און ער האָט דערהערט ס'קרעכצן פון ווייב, וואָס איז שוין געווען אַזוי דין־אָנגעצויגן — ווי־ווען ס'איז שוין נישטאָ מער וואָס צו שרייען, און מ'האָלט, מיט יעדע רגע, מיט יעדע רגע,ביים אויסגיין; דאָ איז ער מיט איינמאָל אָפּגעשטאַנען, און זיך געגעבן, ווי א פערד וואָס האָט זיך איבער־געריסן פון לויפן — א לייג אוועק, אוועקגעפאַלן; ווייטער האָט ער שוין מער נישט געקענט גיין, און דאָס נישט באַדאַרפט אויך, נאָר בלויז צוגערופן צו דער באַבע — איר געוויזן:

— דאָ גיין אַריין, דו ווייסט דאָך אַליין וואו... ביזט דאָך נישט איינמאָל שוין געווען... נאָך די עטלאַכע טריט, סך־הכל... מאַך־אויף די טיר... אַזוי...

און צוגעמאַכט די אויגן...

א ווײַלע שפּעטער, נאָכדעם ווי די באַבע האָט, שוין־שוין, אין דער לעצטער רגע — זיך א וואָרפנגעטאָן, און אָפּגענומען ס'קינד א לע־בעדיקס; אַזוי, אַז די יונגע, פון כחות־פאַרלאָזטע מוטער, האָט נאָך געקענט מוטערליך א שמייכל טאָן דערצו, — איז מען אוועק זיך אומקוקן, ווי געוויינטלאַך אויף שמעונ'ען; אים אָנזאָגן די גוטע בשורה:

— ס'קינד לעבט, און די מאַמע לעבט...

איז ער געלעגן אויסגעשטרעקט אויף דער ערד, טויט...

און דער אַלטער חנן האָט זיך אַראָפּגעבויגן איבער אים, גע־קוקט אויף די ברייטע שטחים ערד, איבער וועלכע, ס'האָט אויס־געזען ווי ס'וואָלט דאָן מיט עפּעס מילדער געוואָרן; נישט גע־זען: ס'איז פון טאָג, וואָס ווערט... און צוגעשאָקלט מיטן אַלטן

קאָפּ, אויף וועלכן ס׳איז געלעגן אַ פינסטערער שאָטן, יענער בייזער שאָטן וואָס אין די פינסטערע וועלדער, נאָך איידער זיי זיינען געוואָרן אויסגעהאַקט; אַזוי ווי ער וואָלט געווען דאָס איינציקע איבערבלייבעניש פון יענע אַלטע גזלנים, וועלכע האָבן אַמאָל אין אים געשאָכטן, — און געקלאָגט:

— אַלמאַי, האָט דאָס מיך נישט געטראָפן, מיין זון, ווען דיין מאַמע האָט דיך אויף דער וועלט געבערענגט, און זי זאָל געווען בלייבן לעבן, און אויך דו איצט פאַרשפּאָרן אַוועקגיין?...

אינהאלט:

עטלאכע ווערטער — — — — — — — — — — — — — — —

דער תיליקער — — — — — — — — — — — — — — 5

דער מאַן — — — — — — — — — — — — — — — 17

אַ שווערע נאַכט — — — — — — — — — — — — — 45

די קאַפּריזנע — — — — — — — — — — — — — 67

די ערשטע צייט — — — — — — — — — — — — — 85

לעבן — — — — — — — — — — — — — — — 105

דער געוועזענער — — — — — — — — — — — — — 129

דער רייטער — — — — — — — — — — — — — 155

פון שרעק — — — — — — — — — — — — — — 169

זיין חטא — — — — — — — — — — — — — — 189

דער פלעק — — — — — — — — — — — — — — 211

די קללה — — — — — — — — — — — — — — 231